STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04330

GOLDENE PAVES

Zusman Segalowitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. סעגאלאָוויטש.

גאָלדענע פּאַוועס

פֿאַרלאַג ש. שרעבערק

ווילנע 1920

Zecernia A. Szryltgisera Warszawa Sto-jerska 28.

Drukarnia SZ. SIKORA i I. MYLNER Nowolipki 6.

אינהאַלט:

	זייט
אַ לעגענדע וועבט זיך	3
סימעלע	7
ציגיינער	11
מאָטקע מיט די טויבן	16
צוליב אַ שטיקל ערד	20
ביים טייך	26
דער אַלטער שטאַרבט	30
אַ יונגל ביים ווייכסל	34
דעם ישוב'ניקס טאָכטער	36
דער אַלטער דעמב	38
אַ דערטרונקענער	42
פון גאָט געשטראָפ	47
עס לעבט נישט	67
די זלמניאַקעס	72
די יהסנטע	78
גאָלדענע פּאַוועס	84
געשיינקטע יאָרן	108
דער באָבעס ווינקל	113
גאָנץ שליחות	117
דריי זקנים	123
שפּעטער-זומער	129
צוויי וועלטן	132
שמעון דער פּאַרוואַלטער	134
אסנה	155
דער וואַלד	212
פריער-פרילינג	217
הערבסט	222
דער משפט	227
צוויי יעגערס	232

אַ לעגענדע וועבט זיך.

אַ געהיימע געשיכטע איז דאָס געווען און אַזוי איז דאָס פֿאַרבליבן ביז'ן היינטיקן טאָג. וואָס אַ יאָר פֿאַרגייט, אַלץ געדיכטער ווערט דער נעבעל-שלייער אַרום דער געשעעניש, עס וועלן אַוועקגיין נאָך פֿיל יאָרן און עס וועט בלייבן אַ לעגענדע.

אַ שיינע, טרויעריגע לעגענדע...

געווען איז דאָס מיט צען יאָר צוריק. אין יאַנאָווצע האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אַ דימיסיאָנירטער גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק. צי ער איז שוין זייער אַלט געווען, האָט קיינער נישט געוואוסט, ווייל ער האָט געפֿאַרבט די האָר פֿון קאָפּ און די וואָנסן, נאָר שלאַנק און שטאַרק איז ער געווען, ווי אַ יונגער אָפֿיציר. אין שטעטל האָט מען פֿאַר אים זייער מורא געהאַט, און נאָכמער האָט מען געציטערט פֿאַר זיינע הינט, וועלכע פֿלעגן אים אומעטום באַגלייטן.

ער האָט זיך גע'חבר'ט מיט צוויי-דריי שליאַכציצעס פֿון דער אומגעגנט, זיי פֿלעגן קומען צו אים און ער פֿלעגט פֿאָרן צו זיי. מען פֿלעגט קיינמאָל נישט זען, ער זאָל אַמאָל לאַכן אָדער פֿריילאַך פֿאַרברייננגען. מען האָט דערציילט, אַז אין פּעטערבורג, וואו ער האָט פֿריער געדינט, איז מיט אים „עפּיס"

פאָרגעקומען, און צוליב דעם „עפּיס" האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין פאָלק און קומען אין זיין גוט קיין יאַנאָווצע.

איינמאָל, אָנפאַנג ווינטער, איז דער פאָלקאָווניק פאַרשוואונדן געוואָרן פון שטעטל. אַלע האָבן געמיינט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן צו די שליאַכציצעס אויף פּאָלעוואַניע, נאָר יאַנעק דער בריפטרעגער, דער יאַנעק, וואָס פלעגט וויסן אַלע סודות פון שטעטל, און נישט בלויז פון שטעטל, נאָר פון דער גאַנצער וועלט, דער יאַנעק, וואָס פאַרשטייט כמעט אַלע שפּראַכן און רעדט יידיש נישט ערגער פון פּויליש, דערזעלבער יאַנעק האָט דערציילט, אַז דער פאָלקאָווניק האָט באַקומען פון פּעטערבורג אַ דעפּעש און איז גלייך אַהין אַוועקגעפאָרן.

וואָס-זשע איז דאָרט געווען אין דער דעפּעש? אויף דעם האָט יאַנעק געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: „מען טאָר נישט זאָגן". אַ סברה, אַז יאַנעק האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָרט איז געשריבן געווען, נאָר ער האָט געפונען אַ גוטע געלעגנהייט זיך אַרויסצודרייען: „מען טאָר נישט זאָגן!"

מען וואָלט דעם פאָלקאָווניק פאַרגעסן אויף זיכער, נאָר אינגיכן האָט ער זיך ווידער באַוויזן אין יאַנאָווצע, און שוין נישט אַליין: איהם פלעגט אויף זיינע שפּאַצירן הינטער'ן שטעטל באַגלייטן אַ שיינע פרוי. זי האָט זייער רייך און שטאָלץ אויסגעזען. ביידע פלעגן זיי פאָרן רייטנדיג. יעדן טאָג פלעגן זיי אַזוי פאָרן, מען פלעגט זיי נאָכשפּירן און נאָכקוקן הינטער'ן שטעטל. אַמאָל פלעגן זיי פאָרן איינס נעבן צווייטן. זיי פלעגן זיך פאַר די הענט נעמען און לאַנגזאַם פאָרן אויף די ווייטע פעלדער און אַמאָל ווידער פלעגן זיך די פערד פאַנאַנדעריאָגן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ, דער שניי פלעגט זיך פון פעלד אויפהויבן ווי אַ זילבערנער שטויב און די צוויי מענטשן שרייען און לאַכן פון אַ ווילדער אומפאַרשטענדליכער פרייד...

דער פאָלקאָווניק לאַכט...

מען האָט עס איינער דעם צווייטן איבערגעגעבן, מען האָט געוואָלט טרעפן, ווער איז עס די שיינע אומבאַקאַנטע, נאָר אַלע רעטענישן האָבן נישט געהאָלפן, קיינער האָט גאָרנישט געוואוסט

און יאַנעק דער בריפטרעגער האָט אויך גאָרנישט געוואוסט, כאָטש ער פלעגט מאַכן אַזעלכע געהיימע מינעס, בעת מען פלעגט ביי אים פרעגן וועגן דער אומבאַקאַנטער.

עס איז אַזוי אַוועק דער ווינטער, דער שניי אויף די פעלדער האָט זיך אָנגעהויבן רירן, נאָר די צוויי רייטערס פלעגן זייער שטענדיקן שפּאַציר נישט אָפּהאַלטן. דער פאָלקאָוויק האָט זיך שוין אפילו מיט זיינע פריערדיקע באַקאַנטע שליאַכציצעס אויך נישט באַגעגנט. דאָס הויז זיינס ביים סאַמע עק פון שטעטל איז געוואָרן אַ געהיימניש פאַר אַלע פאַרבייגייער.

עס איז אָנגעקומען דער ערב-פּסח. עס האָט גענומען שטאַרק רעגענען. וואו נאָר אַ ביסל שניי, אַ שטיקל אייז, אַלץ איז גיך צושמאָלצן געוואָרן און אַזוי ווי יאַנאָווצע ליגט אין אַ טאָל, איז כמעט דאָס גאַנצע שטעטל געשטאַנען אין וואַסער. אינמיטן שטעטל איז פאַראַן אַ גראָבן. דעם גאַנצן זומער פליסט דאָרט אַ קליין שליינגעלע וואַסער, נאָר אין אַ שלאַקסרעגן ווערט דער גראָבן פול מיט וואַסער, וועלכעס פליסט זייער האַסטיק און ווילד.

אין אַזאַ שלאַקסרעגן, ערב-פּסח, האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל באַהאַלטן אין די הייזער און אינווייניג האָט מען געהערט, ווי עס גיסט און רוישט אויפ׳ן גאַס. עס איז געווען שרעקליך פינסטער, פּלוצלונג האָט מען אין עטליכע הייזער דערהערט גוואַלדיג שרייען און קוויטשען... און הינט האָבן גענומען יאָמערן און בילן...

דעם פאָלקאָוויקס הינט... עס זענען אַרויסגעלאָפן מענטשן, מען האָט גענומען זוכן. און אין דער שרעקליכער בלאָטע און פינסטערניש האָט מען געפונען דעם פאָלקאָוויק, וועלכער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי אַ פאַרקאַן טיף אין וואַסער. ער איז געווען שיכור, נאָר דערביי האָט ער געשריען, אַז אין וואַסער ליגט אַ פרוי, זי איז מיט אים צוזאַמען אַריינגעפאַלן...

מען האָט געזוכט ביז שפּעט אין דער נאַכט און קיינעם נישט געפונען. דעם פאָלקאָוויק האָט מען אַ קראַנקן און נאַסן

אָוועקגעטראָגן אין זײַן היים, וואו מען האָט אויפן טיש געפונען עטליכע לעדיגע פלעשער פון ווײַן...

אינדערפרי האָט מען געפונען דעם טויטן קערפּער פון זײַן שטענדיקער באַגלייטערין.

דאָס וואַסער איז אָפּגעלאָפן, די ערד איז געווען אַרומגע-צוואָגן און אָפּגעפרישט נאָכ׳ן לאַנגן ווינטער און אין ליידיקן גראָבן איז זי געלעגן, די אומבאַקאַנטע, מיט פאַנאַנדערגעלאָזטע האָר, מיט ברייט אויפגעעפנטע אויגען און געקוקט אויף די ביי-גיריגע, וואָס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן פון שטעטל.

און דאַן איז דאָס געהיימניש נאָך גרעסער געוואָרן. די טויטע מיט די לאַנגע אײדעלע פינגער, אויף וועלכע עס האָבן בריליאַנטענע רינגען געבליצט, האָט אַלעמען געשראָקן און גע-צויגן צו זיך. מען האָט געזוכט אַ נאָמען, אַ סימן אויף די וועש. נאָר מען האָט גאָרנישט געקאָנט דערגיין.

פון וואַנען איז זי געקומען? וואו זענען אירע נאָנטע? עס איז געבליבן אײנער, ביי וועמען מען האָט אַלץ געקאָנט דערגיין— דער פאָלקאָווניק. נאָר ער איז געלעגן קראַנק, און אײנמאָל האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער קראַנקער האָט זיך אויפגעהאַנגען.

און יעדעס מאָל, ווען אין יאַנאָווצע גיסט אַ שלאַקס-רעגן און דער גראָבן ווערט פול, הויבט מען אָן דאַן ריידן פון דער געהיימער דערטרונקענער. מען רעדט פון איר ווייסן צאַרטן לייב, פון אירע לאַנגע האָר און לאַנגע אַריסטאָקראַטישע פינגער מיט די בריליאַנטן. מען דערמאָנט די שרעקליכע נאַכט, ווען מען האָט דעם פאָלקאָווניק געראַטעוועט.

און מען פרעגט אַלץ: ווער איז זי געווען? פון וואַנען קומט זי?

און יאָרן גייען, וואַסערן קומען און פאַרשווינדן—דאָס גע-היימניש ווערט נישט אַנטדעקט, און די צייט וועבט איין לעגענדע נאָך דער צווייטער איבער דער געשעעניש...

סינעלע

קאַזמערזש שלאָפֿט אין אַ קאַלטער הערבסט-נאַכֿט; די ביימער פֿון די אַרומיגע סעדער זענען צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. עס איז ליכטיק; דער לעצטער סערפּ פֿון דער לבנה, וועלכֿער זעט אויס ווי אַנ׳איבערגעקערט שיפֿעל, שווימט הויך, הויך אין סאַמע מיטן הימעל און באַלייכֿט דעם ברודיקן מאַרק, די צוגעשלאָסענע קלייטן און די מאָדנע אויסגעקרימטע קאַזמערזשער הייזער, וועלכֿע וואַרפֿן די שאָטנס איינע אויף די צווייטע. נעבן דער גמינע זיצן צוויי אַלטע וועכֿטערס און ביידע שלאָפֿן. פֿון צייט צו צייט כאַפּט זיך איינער פֿון זיי אויף און נעמט קלאַפּן מיט׳ן שטעקן, דער צווייטער גיט אַ ציטער און נעמט אויך קלאַפּן, באַלד שלאָפֿן זיי ביידע איין, נאָר די הינט אַרום בילן נאָך אַ ליינגערע צייט...

עס איז פֿאַראַן עפּיס אַ האָפֿנונגסלאָזער אומעט אין די ערשטע הערבסטנעכֿט: רוהיקע, באַלויכֿטענע, שרעקן זיי אָבער מיט זייער שטילקייט. עפּיס אַ גרויסער שטאַרקער גאָט איז פֿאַרצווייפֿעלט געוואָרן און ער שווייגט איצט. אַלע טרייסטן, אַלע חלומות פֿון דער וועלט זייגען געשטאָרבן, און עס דאַכֿט זיך אויס, אַז דער הימל אַליין וועט באַלד אָנהויבן וויינען, און אפֿשר וויינט ער טאַקע? און די גאָלדענע פֿונקען, וואָס פֿליען אין אָפּגרונט פֿון די צושאָטענע שטערן זייגען דעם הימלס

טרערן? ווער פאַרשטייט דעם אומעט פון די ערשטע הערבסט-
בעכט? עס נעמט אַ בוים רוישן, ווי אַ שרעקליכער גרויל וואָלט
אים אַרומגעכאַפּט, עס דערלאַנגט אַ נאַכטפייגל אַ געשריי, אָבער
אַזוי יאָמערלאַך, אַזוי האַרצרייסנדיק,—נישט אַנדערש—נשמות פאַר-
וואָגלטע בלאָנדזיען ערגעץ אַרום, נישט אַנדערש—דער טייוול
פייניקט עמיצן אין דער הערבסטנאַכט.

לאַנגזאַם שפּאַנט אַ פערד אויפ'ן מאַרק אָן אַ צוים, אָן
לייצעס, גייט צו צום ברונעם, וואַרט, וואַרט, אַז עמיצער זאָל
אים קומען אָנטרינקען, נאָר די נאַכט איז שטום און טויב. פלוצ-
לונג הויבט דאָס פערד אָן צו הירזשען אַזוי, ווי עס וואָלט לאַכן
הויך אויפ'ן קול. שרעקלאַך! אפשר איז עס אַלץ אַ שד...

אין אַ גרויס משונה'דיק הויז, וועלכעס שטייט נישט ווייט
פון דער שול, ביי יאַנקלען דעם מעקלער, לעבט שוין עטליכע
יאָר סימעלע די בעטלערין; הויך איז זי און דאַר, אַ פּנים, וואָס
זעט אויס ווי אַ צעקנייטשטער געלער פאַרמעט, קליינע אייגע-
לאַך, ווי ביי אַ צושראָקענער מויז. איצט ליגט זי אויף איר
שמוציקן געלעגער אין אַ גרויסן, אָבער וויסט-פוסטן צימער און
קען נישט שלאָפן. זי איז אפשר די איינציקע, וואָס שלאָפט נישט
אין דערדאָזיקער נאַכט. די אַלטע איז שרעקליך איינזאַם, עס זיי-
נען פאַראַן נאָך פיל אָרימעלייט אין קאַזמערש. זיי באַגעגענען
זיך אָפט אוןריידן זיך אויס איינער פאַר'ן צווייטן דאָס האַרץ,
נאָר מיט סימעלע'ן רעדט קיינער נישט. זי איז די אומגליקליכסטע
צווישן די אומגליקליכע... און איצט אויף איר געלעגער שוועבן
איר פאַרביי פיל בילדער פון איר לעבן, טייערע האַלב-פאַר-
געבלטע בילדער פון איר יוגענט: אין אַ דאָרף ביי אַ פאַכטער
איז זי געבאָרן געוואָרן. דאָרט האָבן געלעבט נאָך עטליכע יי-
דישע פאַמיליעס, די קינדער פלעגן זיך שטענדיק שפילן ביי אַ
שמאָל טייכעל, וואו יונגע גענז און קאַטשקעס פלעגן אַרומשווי-
מען. ווען זי איז עלטער געוואָרן האָט מיט איר געטראָפן אַן
אומגליק: זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ יונגן קריסט; עדעק האָט
ער געהייסן. דאָס איז געווען דער שענסטער שייגעץ אין דאָרף.
ווען דער פאַכטער האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט מען סי-

מאַלע׳ן מיט געוואַלט אַוועקגעפירט אין קאַזמערזש צו אַ קרובה און דאָרט האָט מען איר חתונה-געמאַכט מיט אַ יונגן פורמאַן. שפּעטער האָט זי פאַרגעסן איר דאָרפישע ליבע. זי האָט גע-לעבט גוט מיט׳ן מאַן, וועלכער האָט פאַרדינט און מיט דער צייט געקויפט אַ הייזל און סימעלע איז געוואָרן אַ בעל-הבית׳טע. זי האָט געבאָרן צוויי טעכטער, דערנאָך האָט מען זי אָנגעהויבן צו רופן „סימעלע מיט די קעץ!” ווייל עס איז געשען אַזאַ מעשה: סימעלע האָט איינמאָל צוגעגרייט דעם טשאָלנט אויף שבת. זי האָט געלאָזט שטיין דעם טאָפּ נישט פאַרדעקט און איז אַריינגע-לאָפן צו אַ שכנה עפּיס באָרגן. אין שטוב האָט זי געהאַט ביי אַ האַלב טוץ יונגע קעצעלאַך, וועלכע פלעגן אומעטום אַרומקריכן. זיי האָבן דערשמעקט דאָס פלייש און אַריינגעקראָכן אין סימע-לעס טשאָלנט-טאָפּ, און אַזוי ווי עס שוין געווען שפּעטלאַך, איז סימעלע אויף גיך צוריקגעקומען און אַיילנדיק צוגעדעקט דעם טאָפּ און אַזוי מיט די קעצעלאַך אַוועקגעטראָגן צום בעקער...

אויף מאָרגן האָט דער מאַן ביי איר געפרעגט:

—וואָס האָסטו עפּיס היינט אַזויפיל פלייש?—און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע געשיכטע...

אָט אַזוי דערציילט מען אין שטעטל אויף היינטיקן טאָג, און סימעלע שילט און זידעלט זיך און שווערט זיך, אַז דאָס איז אַ ליגן, מען האָט עס אויסגעטראַכט אויף איר...

איצט דערמאָנט זי זיך, וויפיל יסורים זי האָט געהאַט דער-פון: דער מאַן האָט געוואָרפן אַנ׳אום-חן אויף איר. ווען די טעכ-טער זענען אויפגעוואַקסן, האָבן זיי פאַרלאָזט די מאַמע און ער-גענץ אַוועקגעפאָרן „אין די אַמעריקעס”. ווען זי איז געוואָרן אַן אלמנה, האָט זי אַלץ פאַרלאָרן און ביסלעכוויין דערגאַנגען צו דער איצטיגער לאַגע...

פיל מאָל טראַכט זי, אַז ווען נישט די קעץ, וואָלט צו שעם אומגליק נישט דערגאַנגען.

זי קריכט-אַראָפּ פון איר געלעגער, וויקעלט זיך איין אין אַן אַלטער פאַטשיילע און קוקט אַרויס אויף דער רוהיקער עלנטער גאַס. ווי אַ מכשפה זעט זי איצט אויס מיט די הויפנס גרויע

האָר, וואָס קריכן-אַרויס פון אונטער איר קופקע; זי שטייט און טראַכט פון אירע טעכטער, און די איינזאַמקייט פון דער וועלט אין דער הערבסטנאַכט טרייבט-אָן אויף איר אַ שרעק; זי רעדט צו זיך אַליין:

—אַ מאַמע זאָל נישט וויסן, וואו אירע קינדער זיינען, אַ מאַמע זאָל נישט וויסן? און אַזעלכע ליכטיקע פאַנטאַזיעס ווערן געבוירן אין דער אַלטערס נשמה: אפשר האָט זי שוין ערגעץ איינגעקלאַפּט? זי וואָלט פון זיי נישט אָפּגעטראָטן, געקושט און גע-האַלזט וואָלט זי זיי... אוי, אַזוי זיין עלנט און קיינמאָל נישט וויסן, וואו אייגענע קינדער זיינען. זי וויינט איינמיטן נאַכט. אַך! מענטשן ווייסן פון אַ סך צרות און טרערן, נאָר צו דער אָרימער בעטלערין וועט קיינער נישט קומען מיט אַ טרייסטוואָרט, קיינער וועט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין אַ האַרץ פון אַזאַ אומגליקלעכער מוטער; ווען זי וועט אָנהויבן פאַר עמיצן וויינען וועגן אירע קינדער, וועט יענער דאָס נאָר פאַרשטיין, אַז זי פאַרלאַנגט אַ נדבה, און עס וועט אים נאָך פאַרדריסן אויף אירע קאַלטע טרערן. נאָר די נאַכט נעמט-צו די טרערן, און, ווי אומעטיק די שטילקייט זאָל נישט זיין, וויגט זי ביסלעכווייז איין סימעלעסליידן; זי טראַכט, אַז מאָרגן וועט זי גיין צו די ציגיינערקעס, וואָס וואוינען אויפ'ן באַרג, און זי מוז ביי זיי דערגיין, וואו אירע קינדער זיינען. די נאַכט רוקט זיך אַוועק, ערגעץ דערהערט זיך אַ קלאַפּ פון אַ טיר, עס דערנענטערן זיך טריט: דאָס גייט דער אונטער-שמש מיט אַ לאַמטערן וועקן צו סליחות. ער איז שטענדיק אַ פריילעכער, אַ שטיפער, אַזוי ווי אַ יונגער לאָבוז, כאָטש ער איז אַזאַ גרויסער קבצן. ער דערזעט סימעלען אין פענסטער און גיט אַ געשריי צו איר:—סימעלע מיט די קעץ, פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?—זי ציטערט-אויף. דער פיל-יאָריגער וויטאָג און באַליידיגונג כאַפּן זיך ווידער אויף אין איר, און די נאַכט הערט, ווי זי שילט און ווי זי שווערט זיך:

—ס'איז אַ ליגן, אַ ליגן, שונאים האָבן עס אויסגעטראַכט..

און די נאַכט גלויבט אפשר...

ציגיינער.

ביי טאַרלאָווסקין אין הויז, וועלכעס שטייט שטענדיג אַ
גאַנצן ווינטער ליידיק, האָבען זיך היינטיקן הערבסט, באַלד נאָכ-
דעם, ווי די לעטניקעס זענען אַוועקגעפאָרן, אַריינגעצויגן צי-
גיינער. טאַרלאָווסקיס הויז שטייט אויפ'ן באַרג. דאָס לעצטע אויפן
וועג, און ווייטער אַרום און אַרום ציען זיך וועלדער. ווינטער
גייט דאָרט קיינער נישט פאַרביי און קיינער פאָרט דאָרט
נישט,—די ציגיינער האָבען זיך אויסגעקליבן אַ גרויסאַרטיקע נעסט:
קיינער וועט זיי דאָ נישט שטערן. די חברה איז באַשטאַנען פון
עטליכע פאַמיליעס מיט אַ גאַנצער מחנה קינדער, הינט און עטלי-
כע פערד מיט צעפעלאַך, אין וועלכע עס זיינען אַיינגעפלאָכטן
רויטע און גרינע סטיינגעס. קיינער האָט נישט געוואוסט, פון וואַ-
נען די ציגיינער האָבען זיך דאָ מיט אַמאָל גענומען: די עלטערן
האָבן אָנגעהויבן פעסטער צו פאַרשליסן די טירן, די קינדער
זענען נייגיריגער געוואָרן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט עפּיס אַן
אַנדער פנים באַקומען: מען האָט זיך געשראָקן. עפּיס אַ געהיימ-
ניש האָט פאַרשלייערט דעם באַרג, וועלכער שטייט פון אייביק
אָן, ווי אַ שומר און קוקט-אַראָפּ אויף די הייזער און אויף די

מענטשן, וועלכע ציילן הין און צוריק איבער דער ברייטער מארק-גאס.

די ערשטע גנבה האָבן זיי געמאַכט ביי טאָמטשאַקן: זיי האָבן צוגענומען ביי אים אַ יונג פערד. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן אים די ציגיינער באַ׳גנב׳עט, דער וואָיט מיטן סאָלטיס און נאָך עטליכע מיעשצאַנעס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו טאַרלאָווסקין אויפ׳ן באַרג. די ציגיינער זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן: די מענער האָבן געשוואָרן און געשאָקלט מיט די קעפ: „ניין און ניין". זיי וויסן פון גאָרנישט צו זאָגן. די פרויען, ווידער, האָבן געריסן די האָר פון קאָפ, זיך געשאָלטן און געוויינט. עס איז געוואָרן אַ מאָדנער ליאַרם אויפ׳ן באַרג. די ציגיינער האָבן מורא געהאַט פאַר קלעפ, דעריבער האָבן זיי זיך אַזוי פאַרטיידיגט און אַלעמען אַרומגעפירט אַרום גאַנצן הויף, אַריינגעפירט דעם עולם אין שטאַל אַריין און געוויזן די עטליכע פערד. דאָס געגנבעטע פערד איז אין ערגעץ נישט געווען. דער וואָיט איז אַ קורצע צייט געשטאַנען, געטראַכט און צום סוף גענומען גיין צוריק... וואָס קאָן מען דאָ טאָן? ביי דער האַנט האָט מען זיי נישט געכאַפּט און כאָטש דאָס זיינען ציגיינער, אָבער שלאָגן אומזיסט טאָר מען נישט. דער עולם האָט זיך צעראָפּגעלאָזט פון באַרג, טאָמטשאַק האָט געשוויגן, ווי אַן אבל, זיינע געדאַנקען זיינען ערגעץ ווייט געווען. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט איצט, וואָלט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט — אַזאַ ביינקשאַפט האָט אים אָנגעכאַפּט נאָך זיין יונגן קאַשטאַן.

יעדן טאָג איז איצט געשען אַ נייע גנבה, מען האָט זיך נישט געקאָנט איינהיטן פון די שוואַרצע ברואים. פלעגט וועריפון זיי אַריינגיין אין אַ געוועלב, האָט מען געמוזט מיט אַלע אויגן אַכטונג געבן, און צום סוף פלעגט מען זיך אַרומזען, אַז עס פעלט עפּיס.

די ציגיינער פלעגן אַרומגיין וואַרפן קאָרטן פון שטוב צו שטוב. און דער, וואָס פלעגט זיך שעמען פאַר אַלעמען אין די אויגן פרעגן ביי דער ציגיינערין זיין מזל, יענער פלעגט זיך פאַרזיכטיק אַרויפגנבענען צו טאַרלאָווסקין אויפ׳ן באַרג און דאָרט

אויספֿרעגן בײַ דער ציגײַנערין אַליין, וואָס אים איז נויטיק געווען, און די ציגײַנערינס פּלעגן שוין אַזאַ קונד ביליג נישט אָפּלאָזן.

די אָרימע סימעלע, בײַ וועלכער די טעכטער זײַנען אַוועקגעפֿאָרן „אין די אַמעריקעס" און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, די סימעלע איז אויך געקראָכן אַן אײַנגעבויגענע אויפֿן באַרג צו די ציגײַנער. דעם ערשטן טאָג האָט זי בײַ זיך געהאַט נישט מער ווי עטליכע גילדן; די ציגײַנערקע אָבער, בײַ וועלכער סימעלע האָט געבעטן, זי זאָל איר זאָגן, וואו אירע טעכטער זײַנען, האָט איר געהייסן ברײַנגען מער געלט, ווײַל אַנדערש וועלן די קאָרטן נישט אָנווײַזן. אויפֿן צווייטן טאָג האָט שוין סימעלע געבראַכט גאַנצע צוויי רובל. די ציגײַנערקע האָט צוגעכאַפּט דאָס געלט און האָט מיט ערנסט און געהיימע מינעס גענומען אויסלייגן די קאָרטן, דערנאָך האָט זי די קאָרטן מיט כּעס אַ שליידער־געטאָן אָן דער ערד און געזאָגט, אַז מען מוז מאַכן כּשוף: סימעלע האָט זיך געשראָקן און געשוויגן. דערווײַל איז די ציגײַנערין אַרײַן אין אַ צווייטן צימער און פֿון דאָרטן אַרײַנגעקומען מיט צעשויבערטע האָר, מיט אויסגעגלאָנצטע אויגן. זי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ סלאָי, אין סלאָי האָט עפּיס אַרומגעטאַנצט. די ציגײַנערין האָט גערעדט אומפֿאַרשטענדליכע ווערטער, צוגעלעגט דאָס אויער צום סלאָי, ווי זי וואָלט זיך אײַנהערן, וואָס מען רעדט צו איר אַרויס פֿון דאָרט און דערנאָך האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם סלאָי אויף דר'ערד. פֿון דאָרט איז אַרויסגעשפּרונגען אַ זשאַבע. סימעלע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און צוגעמאַכט די אויגן. די ציגײַנערין האָט איר באַרוהיגט און געזאָגט, אַז אויב זי וויל וויסן אויף ריכטיק, וואו אירע טעכטער זײַנען, זאָל זי ברײַנגען וויפֿיל געלט זי האָט, אויב נישט וועט זי שטאַרבן און פֿון אירע טעכטער גאָרנישט וויסן.

אין עטליכע טעג אַרום האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט, אַז די ציגײַנער האָבן אויסגענאַרט בײַ סימעלען די גאַנצע אַכצן רובל, וואָס זי האָט צונויפֿגעקליבן בײַ די לעטניקעס איבערן זומער. און ווען זי האָט זיך ערגעץ־וואו אַנידערגע-

שטעלט און אויסגעשטרעקט די האַנט, פלעגט מען זי אָוועקטרייבן מיט די ווערטער:

—גיה צו די ציגיינער! און אַלע קינדער פלעגן זיך מיט איר רייצן מיט די זעלבע ווערטער.

די ציגיינער וואָלטן נאָך לאַנג אַזוי געהערשט איבער דער געגנט, נאָר זיי האָט פּאַסירט אַן אומגליק: אין די ערשטע ווינטערנעכט האָט זיך איינער פון דער ציגיינער-חברה געגנבעט פּאַרזיכטיק צו פּיסוליעס פערד-שטאַל. אַרום איז זעלטען שטיל געווען, אַ האַלבע לבנה האָט אַראָפּגעקוקט אויף די פאַרשנייטע ביימער, מיליאַרדן קאַלטע פונקען האָבן געבליצט אויף דער ערד... דער ציגיינער איז שוין גאָר נאָענט געווען צום שטאַל; זיינע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אַרומגעקוקט ווי אַ ווילדע חיה, אָט איז ער שוין צו צום שטאַל, אויפגעעפענט די טיר און גענומען אַריינגיין אינוועניג, האָט זיך אין דער רגע דערהערט אַ שאָס, אַ געשריי און אַ געלעכטער. דער ציגיינער איז אַרויסגעלאָפן אין אַ היטעל, אָפן דאָס מויל און זיין האַנט האָט ער געהאַלטן אויפן האַרצן. ער איז געלאָפן און געפאַלן לויפנדיק. דערנאָך איז ער שוין געפאַלן צום לעצטן מאָל, געדרייט זיך אויפן שניי, זיך געראַנגעלט מיטן שרעקליכן ווייטאָג און אויסגעצויגן די פיס...

אידערפרי זענען אַלע אין שטעטל געלאָפן צום פעלד הינטערן באַרג, וואו דער ציגיינער איז געלעגן מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל און פאַרקריצטע ציין. אַרום אים זיינען געשטאַנען די איבריגע, די הענט פאַרלייגט אויף די הערצער און געקוקט אויפן טויטן. די ציגיינער האָבן עפּיס געמורמלט און געוויינט...

דער שניי איז געווען אויף אַ לאַנגער שטרעקע פאַרבלוטיגט און צוטראָטן. מענטשן האָבן דאָ אַלץ באַקוקט און באַטראַכט. מען האָט געוואוסט, אַז דאָס האָט פּיסוליע דערשאָסן דעם ציגיינער, נאָר דאָך האָט אַלעמען די געשיכטע אויסגעזען געהיימער און שרעקליכער...

אין דעמזעלבן טאָג האָבן די ציגיינער פאַרלאָזט טאַרלאָוו-

סקעס גרויסע „כאַלופּע״. זיי האָבן אויך מיטגענומען זייער טויטן חבר. ביים אַרויספאָר האָבן זיי זיך צוקריגט מיט עטליכע מיעשצאַנעס. זיי האָבן זיך געזידלט און געוויזן פויסטן. אין עטליכע טעג אַרום האָט ביינאַכט זיך אָנגעצונדן אַ שייער, מען האָט די שרפה גיך אַיינגעלאָשן. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די ציגיינערס נקמה. שפּעטער איז אָבער שטיל געוואָרן, מען האָט די ציגיינער גיך פאַרגעסן, נאָר איין סימעלע, די אָרימע. זי האָט אַלץ געטרוימט און געוואַרט אויף אירע טעכטער, וועלכע זייגען ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן אין די „אַמעריקעס״.

מאָטקע מיט די טויבן.

דאָס שטעטל איז אײַנגעדעקט אין ווייסן, עס איז אַ שטייפער פרעסטל. אויפֿן גאַס שפּאַצירן זיך עטליכע יידן, די הענט פאַרדוקט אין די אַרבל. מען שמועסט—גאָט ווייס פון וואָס מען שמועסט! גלאַט אַזוי זיך גערעדט, פאַרייגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן וועטער, וועגן יקרות און, ווילנדיק-נישט-ווילנדיק, הייבט מען אויף די אויגן צום הימל און אַ מאָדנע רוהיגע פרייד כאַפּט אַרום יעדנס נשמה: די לעצטע טעג פון שבט... דאָס פרעסטל שרעקט שוין נישט. די קלאָרע בלויקייט פון הימל גיסט זיך צונויף מיט דער ווייסקייט פון דער ערד. די זון בלענדט די אויגן מיט אירע ערשטע וואַרימע שטראַלן.

פאָרט אָן אַ וואָגן מיט האָלץ אויפֿן גאַס, ווערט אַ גאַנצער יריד, עס באַווייזן זיך מיטאַמאָל אַזויפיל יידענעס, קינדער און מען לאַכט, מען וויצלט זיך איבערן פויער... אַ ייִנגל קלעטערט אַרויף אויף דער פור, אויף די קלעצער, וועלכע שמעקן נאָך מיט אַזויפיל פרישקייט פון ווינטערדיקן וואַלד. דאָס ייִנגל פאַרטרוימט זיך אויף אַ רגע, ווען ער טראַכט וועגן וואַלד: עפּיס מוז דאָרטן זיין שרעקעדיק און גוט צווישן די פאַרשנייטע ביימער,

און דער שטיפער איז מקנא דעם פויער; ער קוקט אויף אים, ווי אויף איינעם פון אַן אַנדער וועלט.

די טיר האַלץ ווערט פאַרקויפט, די גאַס ווערט לעדיקער, אין דער קאַלטער לופט שוועבט-דורך אַ געשריי פון אַ קראַ, אַ טרעל פון אַ ווינטערפייגל און שאַ!

דערנאָך באַווייזט זיך אויפן וועג אַ וואַסערטרעגער, די עמערס זיינען איינגעהילט אין פראָסט-גלאַזור, די הענט אין גרויסע משונהדיקע הענטשקעס, דער קאָפּ איינגעוויקלט, איינגעדרייט אין שמאַטעס: דאָס איז ראָמאַן דער שטומער פאַסטוך. ווינטער טראָגט ער וואַסער. ער זעט אויס ווי אַ בער, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון זיין ווינטערדיקער נאָרע; באַלד ווערט ער פאַרפאַלן און אַרום ווערט שטיל.

אָט אַזוי גייט דאָס לעבן אויפן גאַס. אין די הייזלאַך אין די נידריגע דורשט און צאַפּלט זיך דאָס לעבן; קינדער שטיפן ביי אַ וואַרימען אייוועלע, די מאַמעס גרייטן צו דעם מיטאָג און די בעלי-מלאכות אַרבעטן.

מאָטקע דער שוסטער זיצט ביי זיין טישל און קלאַפּט מיטן העמערל, זיין לערנ־יונג אַרבעט אויף פלייסיק, ביידע זינגען זיי. מאָטקע איז די ערשטע שטימע און דער לערנ־יונג — די צווייטע. הויבט מאָטקע אָן:

„פּאַנאַ מאַריאַנאַ,
וואָס האָבען זי געמאַכט?
ענטפערט דער געזעל מיט אַ דין קולכל:
„יאַ ניע ספּאַלאַם
אַ גאַנצע נאַכט.

און די קינדער וואָס שפּילן זיך ביים וואַרימען אייוועלע־העלפן־מיט, עס ווערט אַ גאַנצער כאָר. מען הערט דאָס זינגען העט ווייט אויפן גאַס, און מאָטקעס העמערל קלאַפּט־צו צום טאַקט. מאָטקעס זוויבל, שפרה, איז שטענדיק בייז און קראַנק, זי האָט אַ פּנים שוואַרץ, ווי די ערד און שאַרף ווי אַ האַקמעסער. נאָר בעת מאָטקע זינגט, שווייגט זי און טראַכט דערביי:

זאָל ער זינגען! אַבי אַרבעטן זאָל ער, אַבי נישט אַרומלויפן מיט די טויבן.

דאָס געדויערט אָבער נישט לאַנג: אין פאַרפראָרענעם פענסטערל הויבט אָן ווער צו פויקן מיט די פינגער און עס דערהערט זיך פון גאַס אַ ייִנגלשע שטימע:

—מאָטקע, מאָטקע! גיכער, קומט אַרויס... אַ פרעמדער פליט, אַ פרעמדער.

פאַר דעם, וואָס איז נישט באַקאַנט מיט'ן לשון פון די טויבן-שלעגער, איז דאָס וואָרט: „אַ פרעמדער" אומפאַרשטענדלאַך, נאָר פאַר אַ טויבן-שלעגער איז דאָס אַ סיגנאַל צום קאַמף. דאָ טאָר קיין רגע נישט פאַרלאָרן גיין: אַ טויב איז אַ פייגל און אַ פייגל האָט פליגל...

אַז עס באַווייזט זיך אונטערן הימל אַ פרעמדע טויב, מוז מען זי זען פאַרנאַרן, פאַרלויערן צו זיך אין אַ טויבן-שלאַק.

איין מינוט—און מאָטקע איז שוין אויפן בוידעם. אויפן דאַך פליען-אַרויס באַלד פיל טויבן. מאָטקע אַליין לויפט-אַרויס אויפן גאַס; אין די הענט האַלט ער טויבן, אין קעשענע—טויבן און אין בוזם דאָסזעלבע. די אויגן גלאַנצן ביי אים, ווי ביי אַ משוגענעם, קוים וואָס ער שרייט אויס:

—וואו איז דער פרעמדער?—פרעגט ער ביים ייִנגל,—וואו איז דער פרעמדער?

און ער לאָזט זיך אַוועק איבערן גאַס און וואַרפט אין דער לופט איין טויב נאָך דער צווייטער און גלאָצט אין דער הויך מיט די אויגן. אייגער וואָלט טראַכטען, אַז אליהו הנביא אויף אַ גאָלדענעם רייטוואָגן לאָזט זיך פון הימל אַראָפּ... און דאָ איז אַ געוויינלאַכע טויב, אַ פייגל אונטערן קלאָרן הימל!

—אַי, מאָטקע, מאָטקע, אַ טאַטע פון קינדער זאָל זיך אַזוי נאַריש מאַכן.

עס שטראָפן אים די שכנים און מאָטקע הערט עס גאַנץ רוהיג אויס. אַמאָל פאַרשעמט ער זיך און טראָגט זיך אַוועק אַ נישטיקער פון די אויגן.

די טויבן זענען ביי אים דאָס לעבן, ער האָט אַרום זיך

אַ גאַנצע מחנה יינגלאַך און שקצים, וואָס העלפן אים...

דער „פרעמדער" איז שוין צוגעשטאַנען צו מאָטקעס טויבן, ער לאָזט זיך אַלץ נידריגער אַראָפּ, מאָטקע פייפט און רופט אַראָפּ זיינע קאָלירטע פייגלאַך, ער פאַרגנבעט זיך הינטערן פאַרקאַן און קוקט פון דאָרט נאָך... ווען די טויבן שטייען שוין אויפן דאַך, פאַרנאַרט מען זיי מיט אַרבעס אין טויבן-שלאַק און דער פרעמדער איז שוין געכאַפּט.

ערשט דאַן באַמערקט מאָטקע, אַז עס איז שוין נאַכט און ער האָט היינט אַזוי ווייניק געאַרבייט. ער גייט אַריין אין שטוב, ווי אַ פאַרזינדיקטער. שפרה, זיין ווייב, זיצט און וויינט אויף איר פינסטער מזל און פון צייט צו צייט באַשיינקט זי מאָטקען מיט אַ קללה.

עס האָט שוין געטראָפן אפילו אום שבת; דער עולם גייט דאַווענען, מאָטקע אויך, פּלוצלונג לויפט-צו צו אים אַ יינגעל און ווייזט אים עפּיס אָן אויף אַ דאַך. מען הערט נאָר עטליכע ווערטער:

— אַ ווייסע מיט קאָסמאַטע פיסלאַך.

די טויבן האָבן צענדליגער געמען. דאָס איז אַ גאַנצע לערע.

מאָטקע איז דאַן צוטומלט געוואָרן. אויף גיך אַרויפגעלאָפן אויפן בוידעם און ווידער גענומען יאָגן זיינע טויבן. ער האָט געפייפט און געקלאַפּט מיט די הענט, פאַרבייגייער האָבן גע-מיינט, אַז ער איז משוגע-געוואָרן.

אום שבת איז ער אַרומגעלאָפן מיט אַ גרויסן דראָנג און געיאָגט זיינע טויבן. עס איז דערגאַנגען צום רב, מען האָט אים געשיקט רופן און געמוסרט.

דעמאָלט האָט ער זיך שטאַרק פאַרלאָרן און באַשלאָסן צו פאַרקויפן אַלע טויבן.

געאַרבייט האָט ער דערנאָך אַ סך, נאָר אַזוי בייז איז ער געוואָרן, נישט צוצוגיין... דעם געזעל פלעגן די קאָפּיטעס פליען אין קאָפּ אַריין, די קינדער מוזן שווייגן.

דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט. שפּעטער האָט מאָטקע אָנגע-

הויבן אוועקגיין פון שטוב און צוריקקומען א שפורער. שפרה האט געזען, אז עס האלט שלעכט, האט זי איהם שוין אליין גענומען איינריידן, ער זאל גיין צו יאנקעלן און אפקויפן צוריק די טויבן.

און אזוי איז עס געשען.

לויפט מאטקע ווידער מיט די טויבן, און נאך א טאג, ווען ער באלאמוטשעט א סך אויפן בוידעם, ווערט ער פלייסיקער, ער ארבייט ביז שפעט אין דער נאכט. ביסלאכווייז יאגט ער אן זיין צייט.

און אז מען ברייגנט פאר דער ארבייט געלט, גייט שפרה איינקויפן, דאן ברענגט זי אויך ארבעס פאר מאטקעס טויבן. מאטקע קריכט ארויף אויפן בוידעם, מאכט ריין דעם טויבן-שלאק, שיט אן ארבעס און גיסט אן וואסער. ווען ער גייט אראפ, זעצט ער זיך ווידער צו דער ארבעט.

עס איז שוין נאכט, די קינדער שלאפן, דאס ווייב זיצט ביים אויוון און נייט עפיס פאר די קינדער און צירעוועט... ביידע שווייגן, מאטקעס העמערל קלאפט...

פלוצלונג רופט זיך מאטקע אן:

—די געלע „זיצט“ שוין ווידער, אינגיכן וועלן שוין זיין יונגע.

—דער כורקאפ האט זיך צונויפגעפארט מיט דער ווייסער!

—טאקי?—פרעגט שפרה.—און וואס איז מיטן רויטען „ער“? האסט נאך אלץ נישט פאר אים קיין „זי“?

מאטקען פרייט עס, וואס שפרה אינטערעסירט זיך, און ער דערציילט איר אלץ:

—ביי יאנעקן,—זאגט ער,—איז פאראן א רויטע זי, דארף מען אריבערגיין צו אים און עס אפקויפן, וועט דאס זיין א פאר רויטע.

דערנאך ווערט אין חדר שטיל.ביידע פארטראכטן זיך און ארבעטן. מען הערט נאר ווי די קינדער אטעמען אין שלאף און די טויבן איבן בוידעם בורקען.

צוליב אַ שטיקל ערד.

דעם מלאך-המות קומט אַ דאַנק: ער האָט אים סוף כ׳ סוף צוגענומען, דעם אַלטן בייזן בעל-הבית פון אונזער ווילע.

איצט איז שוין שטיל, דער שטרייט איז געענדיקט, און מיר לעבן רוהיק אונזער דאַטשע-לעבן.

געפירט האָט די מלחמה אונזער בעל-הבית, פאַן יוזעף סטאָדאָלסקי, מיט דער אָרימער שכנה זיינער, מיט דער פאַני בראָניסלאַווא—אַן אלמנה מיט פינף קינדער.

און געקעמפט האָט מען צוליב אַ פאַס ערד, וואָס איז געווען האַרט ביי דער גרעניץ פון אונזער ווילע.

פאַן יוזעף סטאָדאָלסקי האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג דער-מאָנט, אַז דאָס שטיקל ערד געהערט אים און נישט דער פאַני בראָניסלאַווא.

עס איז געווען אַ מלחמה מיט עקשנות און האַרצלאָזיקקייט.

געזיגט האָט פאַן יוזעף, נאָר עס איז געקומען דער מלאך-המות און אַרויסגעריסן ביי אים דעם זיג.

פאַן יוזעף, דער עקשן פון יאַנאָווצע, איז געווען דער רייכסטער מיעשטשאַנין פון דער גאַנצער געגנט. זיינע מאָרגעס ערד און זיינע ווילעס ציילט מען אין די צענדליקער, נאָר אַלץ

איז אים ווייניק געווען, שטענדיק פלעגט ער האַנדלען און אַלץ קויפן נייע ערד. ווען מען זאָל אָט דעם קריסט לאָזן, וואָלט ער די גאַנצע וועלט צוגענומען פאַר זיך. מיט אַ מאָדנער דורשטיק-קייט און אומזעטיקקייט פלעגט ער קוקן אויף דער שכנהס שטיקל פעלד...

און שטענדיק האָט ער פּראָצעסן געהאַט, מיט אַלעמען זיך געמשפּט און כּמעט אַלעמאָל געוואונען. ער איז געווען אַ בקי אין די ערד-געזעצן—נישט אומזיסט פלעגט ער שטענדיק זיך גריבלען אין די אַלטע נאָטאַריעלע אַקטן: ער האָט שטודירט דאָס ביסל ערד פון זיין געגנט.

שפּעטער, ווען ער איז שוין אַלט געוואָרן, זענען ביי אים די פיס אָפּגענומען געוואָרן.

האָבען זיך זיינע שונים דערפרייט, זיי האָבן דערלעבט אַ שטיקל נקמה.

נאָר זייער פרייד איז קורץ געווען:

פאַן יוזעף סטאָדאָלסקי איז זיך געלעגן אויף זיין בעט און פון דאָרט פאַרשאָטן די געריכטס-אַנשטאַלטן מיט נייע און נייע אָנקלאַגעס. ער האָט שוין געהאַט זיינע ראַטגעבער און עדות, וועלכע פלעגן קומען צו אים אַהיים.

אין אַ שיינעם טאָג פלעגט מען אים אַרויספירן אויף אַ ספּעציעל וועגעלע, ער פלעגט דאָן אַרומשפּאַצירן פון איין מאַיאָנטעקל אין צווייטן און קלייבן נחת... און בייזערן זיך שטענדיק אויף וועמען.

אינגאַנצן צופרידן איז ער קיינמאָל נישט געווען.

און ווי קאָן מען עס זיין צופרידן, ווען נעבן דיר לעבט אַזאַ בראָניסלאַוואַ מיט פינף קינדער און דערצו מיט עטליכע חזירים, וועלכע ברודיקן די גאַנצע וועלט.

האָט פאַן יוזעף סטאָדאָלסקי געשיקט עטליכע מאָל צו דער בראָניסלאַוואַ, זי זאָל אים פאַרקויפן איר שטיקל ערד מיט דער כאַטע.

וויל זי נישט, צו וואָס זאָל זי עס פאַרקויפן? וואָס וועט זי מאַכן מיט דעם ביסל געלט? אַז מען האָט אַ שטיקל ערד, איז מען דאָך פאָרט נישט אַזוי עלנט.

צוליב א שטיקל ערד.

אַ ירושה האָט זי דאָס שטיקל ערד פון עלטער-עלטער-זיידן. ביין, זי וועט עס נישט פאַרקויפן, פאַר קיין געלד נישט פאַרקויפן.

דאַן האָט פאַן יוזעף זיך גענומען גריבלען אין אַלטע אַקטן, און ער האָט זיך געהייסן אַרויספירן צום גרעניץ-פונקט, דאָרט, וואו עס הויבט זיך אָן בראָניסלאַוואַס ערד.

ער האָט געמאָסטן און גערעכנט. און דער סוף איז געווען: אין געריכט איז אָנגעקומען אַ נייער „איסק", ער האָט געמאָנט ביי דער בראָניסלאַוואַן אַ שטיקל ערד.

אָט דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן די מלחמה.

די בראָניסלאַוואַ האָט זיך דערשראָקן, זי האָט געוואוסט, אַז מיט סטאָדאָלסקין איז נישט קיין געלעכטער אָנצוהויבן.

איז זי געקומען צו לויפן און געוויינט.

—וואָס דאַרפסטו וויינען? פאַרקויף!

אָט דאָס איז געווען זיין ענטפער.

די בראָניסלאַוואַ איז אַוועק פון אים אַ בייזע, ווי אַ שלאַנג. אַ מענטש האָט אַזויפיל ערד און איז שוין אַלט און דאָך ווילט זיך אים צוגעמען יענעמס. גאָט ליבער! וואו איז דיין גערעכטיקקייט.

זי האָט פאַרקויפט די חזירים און זיך גענומען אַן אַדוואָקאַט. עס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. פאַן סטאָדאָלסקי האָט געוואונען. אין דער צווייטער אינסטאַנץ—דאָסזעלבע.

זי איז געלאָפן צו מענטשן, צום קסיאָנדז. נאָר וואָס האָבן זיי איר געקאָנט העלפן—סטאָדאָלסקי איז אַן עקשן.

און עס געקומען אַ טאָג, דער קאָמאָרניק איז זיך צוגעפאָרן צו סטאָדאָלסקין. דעם אַלטן האָט מען אַרויסגעפירט אויף זיין וועגעלע, די באַקן זיינען אַיינגעפאַלן ביי אים, ווי ביי אַ בן-מות, די אויגן גלאַנצן פאַרדעכטיק, נאָר אויף די ליפן לייגט זיך אַ מידער שמייכל פון צופרידענקייט.

דער קאָמאָרניק מיט סטאָדאָלסקין אויף זיין וועגעלע, עטליכע סטראַזשניקעס מיטן וואָיט,—אָט די גאַנצע פּראָצעסיע לאָזט זיך אַוועק צו דער בראָניסלאַוואַן אויף איר ערד.

מען נעמט עפּיס מעסטן, מען באַדאַרף עטליכע נייע סלופּעס אין דער ערד אַריינשלאָגן—אַ נייע גרעניץ.

פּלוצלונג ויפּט אַרויס די בראָניסלאַוואַ מיט די קינדער, מיט די קרובים און עס הויבט זיך אָן אַ געוויין, אַ געיאָמער, מען רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, מען פאַלט דעם קאָמאָרניק צו די פיס און מען קושט אים די הענט.

עס העלפט אָבער גאָרנישט, סטאָדאָלסקי האָט זיינט אויסגעפירט: די נייע גרעניץ איז שוין באַפעסטיקט.

ביינאַכט אָבער ווערן די קלעצלאַך פון דער גרעניץ פאַרשוואונדן, און עס הויבט זיך אָן אַזאַ טאָג-טעגליכע מלחמה. סטאָדאָלסקיס מענטשן שטעלן אַריין די סלופּקעס, ביינאַכט גנבעט זיי ווער אַרויס.

דער פאַראַליזירטער סטאָדאָלסקי איז אויסער זיך. ער האָט מורא, זיי וועלן ווייטער פאַרציען די דיעלע און כל-זמן די סלופּקעס שטייען נישט, איז ער נישט זיכער.

אָט אַזוי האָבן מיר יעדן טאָג געהערט קללות און געוויינען.

דער סוף איז געווען אַזוי:

פאַן סטאָדאָלסקי איז אינדערפרי געקומען אויף זיין וועגעלע און געזען, אַז די סלופּעס פעלן, האָט ער דאַן געהייסן רופן דעם וואָיט מיט די סטראַזשניקעס און דערצו אַ סטאָליאַר.

דער סטאָליאַר האָט אים באַלד אויפן אָרט געמאַכט אַ מין טובה—אַ שטעלכל.

און דאָרט האָט ער זיך באַזעצט אויף זיין נייער ערד.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַיאָווע רעגנס, עס האָט אים אַריינגערונגען פון אויבן און פון אונטען. און וויפיל זיינע קינדער האָבן זיך ביי אים נישט געבעטן, ער האָט נישט אָפּגעטרעטן. טאָג און נאַכט איז ער געלעגן אין שטאַל און געפוילט לעבעדיקערהייט, דאָרט פלעגט מען אים טראָגן עסן און טרינקען.

פון דער בראָניסלאַוואַן מיט אירע קינדער האָט ער כסדר געהאַט קללות און זיי האָבן אים טאַקי פאַרשאָלטן.

ער איז קראַנק געוואָרן, אין שטאַל האָט געמוזט קומען דער דאָקטאָר, דאָרט האָט ער אויך איינגענומען זיינע רעצעפּטן.

די קינדער האָבן מורא געהאַט, די בראָניסלאַווא זאָל אים פון פאַרצווייפלונג נישט אונטערצינדן, פלעגן זיי אים היטן אין זיין שטאַל.

נאָר די מלחמה האָט זיך געענדיקט, ער איז געשטאָרבן אויף זיין נייער שטיקל ערד.

בעת מען האָט אים אַרויסגעטראָגן פון שטאַל, האָט זיך די בראָניסלאַווא צוגעגנבעט צו זיין סוכה, וואו ער איז געלעגן און עס צוהאַקט אויף פיצלאַך.

ווי אַ ווילדע איז זי געשפרונגען מיט דער האַק און גע-האַקט אַלץ שטאַרקער, אַלץ שטאַרקער.

די האָר זיינען ביי איר צופאַלן געוואָרן און די ליפּן האָבן פריילאַך-ווילד געברומט:

—מיין ערד, מיין טאַטענס, מיין זיידנס... מיינס, מיינס...

בּיים טייך.

די ווייכסל האָט זיך צוליב דעם לייכטן ווינטער נישט געשטעלט, דאָך שטיקער אײַז דעקן צו דעם גאַנצן טייך און באַוועגן זיך לאַנגזאַם איבערן וואַסער. קליינע און גרויסע קריעס באַהעפטן זיך און שווימען אינאיינעם און צושמעלצן זיך אויף דער זון. אַנדערע דערנענטערן זיך צום ברעג, דריקן זיך צו איינס צום צווייטן און בלייבן שוין אַזוי צוזאַמען.

לאַנגע שעהן גייען אַריבער און מען זעט נישט קיין מענטשן ביים טייך. פון איין זייט — פּוסטע האַלב-ווייסע פעלדער און פון דער צווייטער — די קאַזמערזשער בערג מיטן קאָשציאָל — שטיל... אַ לייכט ווינטעל טראָגט זיך איבערן וואַסער. עטליכע שטיקער אײַז טונקען זיך אָב... באַלד באַווייזן זיי זיך ווידער און גלאַנצן נאָכמער אויף דער זון. אַ קראָ גיט אַ געשריי אין דער לופט, דערנאָך אַ צווייטע און אַ גאַנצע מחנה שוואַרצע פייגלאַך מיט שוואַרצע גלאַנציגע שנאָבלען לאָזן זיך אַראָפּ צום וואַסער, זיי שטעלן זיך אויף די שווימענדיגע שטיקער אײַז און שווימען מיט — ווייזט אויס, דער ספּאָרט געפעלט שטאַרק, זיי הערן נישט אויף צו קראַקען און שפּרינגען פון איין שטיק אײַז אויף דעם צווייטן.

דער טייך האָט זיך נישט געשטעלט, און פאַר די עטליכע דערפער, וואָס ליגן אויף יענער זייט, איז דאָס אַן אמת אומגליק: זיי זיינען אָפּגעשניטן פון דער וועלט—אַריבערפאָרן איז געפערלאַך... נאָר אָט קומען צו צום ברעג עטלאַכע מענטשן: דער פּרושעוואָזניק איטשע און עטליכע פויערים. ר׳ איטשע איז אַרומגעוויקלט מיט אַ גרויסן שאַל, נאָר די אויגן מיט די ווייסע ברעמען זעען זיך אַרויס; ער שטעלט זיך אַוועק און קוקט אַרום די גאַנצע געגנט און זידלט-אויס אַ ביסל דעם טייך, פאַרוואָס ער ווערט נישט פאַרפראָרן... דערנאָך נעמט ער זיך אײַנאײַנעם מיט די פויערים אַרויסקריגן אַ שיפל, וועלכעס איז צוגעבונדן צום ברעג. עס דויערט נישט לאַנג,—אַ בויג דאָס שיפל אויף רעכטס, דערנאָך אויף לינקס, און עס רירט שוין. ר׳ איטשע נעמט דאַן איין רודער און איינער פון די פויערים דעם צווייטן. מען רירט זיך, דאָך באַלד בלייבט דאָס שיפל שטיין, ווי אַן איינגעשפּאַרטע בהמה, וואָס וויל נישט פון שטאַל אַרויס—עטליכע שטיקער אייז האָבן דעם וועג פאַרצוימט. דער פויער שטופּט דאָס שיפל, ווערט איטשע אין כעס אויף אים. ער שרייט אויף אים און רופט אים „דורען" און אַליין נעמט ער און שאַרט-אָפּ פון שיפל איין שטיק אייז נאָך דעם צווייטן, ביז דאָס שיפל נעמט זיך אַליין באַוועגן...

לאַנג געדויערט, ביז די עטליכע מענטשן קומען צו צום צווייטן ברעג. זיי בלייבן אָפּט לאַנג שטיין אינמיטן טייך... פון ווייטן דאַכט אויס, אַז זיי פאַרוואַרפן אַ נעץ.

ר׳ איטשע איז איינער פון די געציילטע, וואָס נעמען זיך אונטער אין אַזאַ צייט אַריבערשיפלען ווען. עס! פאַר זיין ווייבסל האָט ער קיין מורא נישט, אַ גאַנץ לעבן זיך אָפּגעשפּילט און קיין אומגליק, געלויבט דער אויבערשטער, האָט קיינמאָל מיט אים נישט פּאַסירט. אַ שאָד נאָר, וואָס די פינגער ווערן פאַרפרוירן, מען קאָן קיין שמעק טאַבאַק נישט טון.

ער פאַרברייינגט עטליכע שעה אויף יענער זייט אין אַ דאָרף און שפּעטער זעט מען שוין, ווי זיין שיפל טאַנצט איבער

די שטיקער אייז צוריק. אויפן דעק ליגט א יונג קעלבל, וואס ער האט איינגעהאנדעלט אויף שבת.

פארנאכט. דער פראסט איז שטארקער געווארן, די זון פארגייט און דער טייך איז רויט, ווי בלוט... די שטיקער אייז זעען אויס ווי דערטרונקענע, וואס זענען ארויסגעשוואומען אין דער הויך. שווארצע מחנות קראען הויבן זיך אויף און לאזן זיך אראפ און קראקען אן אן אויפהער, ווי זיי וואלטן זיך דא צו-נויפגעקליבן אויף א שרעקלאכער סעודה; באווייזט זיך אבער אויפן הימל איזילבערנער סערפ און שפיגלט זיך אפ אין בלוטיגן וואסער, אנטלויפן דאן ערגיץ די קראען, און די זון, וואס האט געפלא-קערט מיט אזא געוואלטיקן צארן, טראגט זיך אויך אפ, און עס דאכט זיך דעמאלט, אז דער בייגעבארענער סערפ לאכט פון דער זון:

—כא, כא! נישט איינגענומען די וועלט...

עס ווערט נאכט. דער סערפ האט זיך אויך אראפגעלאזט אין מערב-זייט, ווי ער וואלט נאכיאגן די זון. פון נאנטן שטעטל הערט זיך דאס בילן פון הינט, א שליטעלע טראגט זיך אויפן שאסיי און די גלעקלאך צוגיסן זיך ווי א יונג געלעכטער, וואס האט פלוצלונג גענומען פון דער ערד שפריצן. עס דערגרייכט דא אפט א געלעכטער פון עטליכע מענטשן מיטאמאל. עס דויערט אבער נישט לאנג דאס לאכן, באלד ווערט שטיל, ווי עמיצער וואלט זיך אנגעבייזערט אויף די פריילאכע מענטשן, וואס לאזן נישט איינשלאפן דעם טאג. בלויז די שטיקער אייז קלאפן זיך אן און רוישן...

דא צום ברעג וועט קיינער בייננאכט נישט קומען, איבער-הויפט איצט, נאכדעם ווי דעם פיסארס יונגע טאכטער, אנעלקע האט זיך דערטרונקען; צוליב וואס זי האט עס געטון—ווייס מען נישט אויף ריכטיק, נאר מען רעדט אין שטעטל, אז זומער האט זי צופיל ארומגעשפאצירט מיטן מייסטער פון האלפערזאנס פא-בריק...

רוישן בייננאכט די שטיקער אייז און שרעקן די וועלט, קלאפן זיך די קריעס איינע אן דער צווייטער און פלאצן...

דאַכט זיך דעמאָלט אויס, אַז עמיצער ראַנגלט זיך אויפן וואַסער...

אין שטעטל און אין די דערפער אַרום רעדט מען, אַז יעדע נאַכט ווייל אַנעלקע אַרויסגיין פון טייך, נאָר ווי זי שטעקט אַרויס די הענט און כאַפּט אַ שטיק אייז, דערלאַנגט איר באַלד אַ טייוול אַ שמיץ מיט אַ קאַנטשיק איבער די פאַרפראָרענע פינגער און זי מוז זיך צוריק אַראָפּלאָזן אונטערן וואַסער. און די טירן פאַרשליסט מען שטאַרקער ווי אַלעמאָל, ווייל די דערטרונקענע קומען אָפּט אָן, וואוהין מען רופט זיי נישט...

דער אַלטער שטאַרבט...

בייטאָג איז ער נאָך געווען ביים ברעג פון טייך, אַרי-בערפאָרן האָט מען שוין נישט געקאָנט, נאָר דער אַלטער פלעגט שטענדיק זוכן אַרבעט. האָט ער זיך אַרומגעפּאָרקעט צווישן די האַלב-אַיינגעפראָרענע שיפלאַך, זיי פעסטער צונויפגעבונדן איינס צום צווייטן. ער האָט אויך צונויפגענומען אַלע רודערס און באַהאַלטן, בלויז זיין רודער, מיט וועלכן ער האָט די לעצטע יאָרן געאַרבעט, האָט ער, לויט דער אַלטער געוויינהייט, מיטגענומען מיט זיך און איז אַוועק אַהיים.

אַזוי גייט אַוועק דער ערדאַרבעטער אין הערבסט מיטן לעצטן הייפעלע היי פון פעלד. ער האָט זיינס געענדיקט, איצט וועט מען רוען און וואַרטן אויף דעם נייעם זומער.

דער אַלטער איטשע איז אַריינגעקומען צו זיך אינדערהיים און גענומען אַראָפּוויקלען פון זיך די פאַטשיילעס, אָן וועלכע זיין ווייב שרה פלעגט אים נישט אַרויסלאָזן. אין שטוב איז געווען וואַרים און רוהיק. איטשע האָט זיך אָנגערופן:

—מאָרגן וועט דער טייך שוין שטיין. דאָס אַייז האָט זיך שוין צונויפגעקלעפּט, קוים וואָס עס באַוועגט זיך...—און אין דער

רגע האָט אים דערלאַנגט אַ שווינדל אין די אויגן און אין קאָפּ האָט אַ מיש געטון.

ער האָט אַ קרעכץ-געטון „אוי!" און ווען נישט שרה, וואָלט ער געוויס אומגעפאַלן. שרה האָט אים אונטערגעהאַלטן און גע-האָלפן זיך אַוועקזעצן.

איטשע איז געווען בלייך ווי קאַלך. ווען ער איז אַ ביסל צו זיך געקומען, האָט ער געפרעגט:

—שרה, וואָס איז דאָס? קיינמאָל האָט עס מיט מיר נישט פּאַסירט, האַ, שרה! —עס איז אים געווען שווער אַ פוס צו שטעלן. שרה איז שפּעטער געלאָפן צום פעלדשער. דער פעלדשער האָט געזאָגט, אַז דער אַלטער איז אָפּגעשוואַכט און ער מוז זיך אויס-רוען.

עטליכע און זיבעציק יאָר האָט דער אַלטער אָפּגעלעבט און ער געדענקט נישט, אַז ער זאָל אַמאָל קראַנק זיין. ער איז גע-לעגן עטליכע טעג. עס איז שוין געווען דער דאָקטאָר און ער האָט פערשריבן רפואות, וועלכע דער אַלטער האָט אין מויל נישט גענומען.

—איך שטאַרב, —האָט ער צו אַלעמען געזאָגט, —איך דאַרף נישט קיין רפואות. זאָלן קומען די קינדער. און עס זיינען גע-קומען די קינדער, דער אַלטער האָט יעדערן איינגעטיילט ירושה...

—בענדעטן לאָז איך איבער דעם טייך...

אַזוי בלעגט ביי אים הייסן זיין פּרגסה, דאָס אַריבערפירן פון איין ברעג אויפן צווייטן. האָט ער עס איצט אַלע שיפלאַך מיטן פּאַראָם געלאָזט בענדעטן. פאַר אברהמן האָט ער געהאַט עטלאַכע הונדערט רובל. אברהם וויל פאָרן קיין אַמעריקע, זאָל ער פאָרן, דאָ איז שוין זייער איינג... אַזוי האָט דער אַלטער באַ-פוילן און פאַר זיין איינציקער טאָכטער האָט ער אויך געהאַט געלט, קיינער האָט פון דעם געלט פריער נישט געוואוסט.

—די מאַמע זאָלסטו היטן, —האָט ער צו זיין טאָכטער גע-רעדט, —די מאַמע זאָל זיין ביי דיר...

ער איז געווען אַזוי רוהיק אויף זיין בעט און קיינעם האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דער אַלטער קלויבט זיך אויף אַן אמת

נאָר אַזוי ווי ער איז געווען זייער אַ שטרייגגער און אַ בייזער האָט אים קיינער קיין וואָרט אַנטקעגן נישט גערעדט.

ער האָט אויך שטילערהייט געשיקט רופן זלמן דעם פור-מאַן, וועלכער איז דער עלטסטער אין דער חברה-קדישה און ווען קיינער האָט נישט באַמערקט, האָט ער זלמנען אַריינגערוקט אין האַנט עטלאַכע רובל.

—זאָל די חברה נאָך מיין טויט מאַכן אַ שנאַפּס,—האָט ער געזאָגט צום איבעראַשטן זלמנען און ער האָט צו אים דעריבער שטרייגג אַ וואונק-געטון: „שוייג!"

אין שטעטל, אין די געוועלבער, האָט מען שוין גאַנץ אָפט דערמאָנט: „דער אַלטער איטשע שטאַרבט" און מען האָט אים באַדויערט. איינער האָט דעם צווייטן איבערגעגעבן, ווי דער אַל-טער איז רוהיק און זיכער, אַז דער טויט וועט אים איצט נישט אויסמיידן. מען האָט אויך דערציילט. אַז דער פּרזשעוואָזניק אי-טשע איז צופרידן מיט דעם, וואָס אים קומט אויס צו שטאַרבן, ווען דער טייך שטייט. קיין אַרבעט איז סיי-ווי-סיי נישטאָ, אַזוי וואָלט אים די צייט אַ שאָד געווען.

איטשע האָט שטענדיק נאָכגעפרעגט, צי דער טייך האָט זיך שוין געשטעלט און צי די שיפלאַך זיינען אַלע גאַנץ. עס זיינען אַזוי אַוועק עטליכע וואָכן. דער אַלטער האָט נישט געוואָלט ליגן, נאָר אויפשטיין האָט ער אויך נישט געקאָנט. ער איז געוואָרן זייער אויסגעדאַרט און די אויגן פלעגן ביי אים אָפט אַזוי פייער-דיק ברענען.

ער איז געלעגן אין זיין נידריק הייזל און געקוקט אויף די ליידיקע ווענט און אויף דעם איינציקן רודער, וואָס איז גע-שטאַנען אין ווינקל צימער, אַנטקעגן זיין בעט.

איינמאָל האָט זיין ווייב שרה דערהערט פון צווייטן חדר, ווי דער אַלטער רעדט עפּיס, האָט זי געמיינט, ער רופט זי, נאָר די ווערטער זענען אַזעלכע מאָדנע געווען, ער האָט געשריען און גערעדט צו אַן אויפהער: „לאָבוועס, איך וועל אייך געבן", „צום לאַנד שוים!" „לאָבוועס", „בענדעט, אברהם, צו דער אַרבייט, מאָרגן איז אַ יריד".

ער האָט אַזוי גערעדט און געקוקט גלייך אויף דער אַלטער, מיט אַזעלכע פייערדיקע פונקען אין די אויגן, יענע האָט זיך דערשראָקן און איז אַוועקגעלאָפן נאָכן פעלדשער.

און דעם אַלטן האָט זיך דערווייל אין זיין היגערפלעט פאָרגעשטעלט אַ זומערדיקער טאָג, דער פולער טייך גיסט זיך מיט זיין געוויינלאַכער רוהיקקייט. עס זיינען געקומען געסט צום ברעג און געדונגען שיפלאַך, נאָר ווען דער אַלטער איז פאַרנומען געווען מיט די געסט, האָבן זיך עטלאַכע יונגע לאָבוזעס, וואָס פלעגן זיך שטענדיק אַזוי מיטן אַלטן רייצן, געכאַפט אַ שיפל און זיך געלאָזט אויפן וואַסער. עס פלעגט אַזוי שטענדיק טרעפן. נאָר דער אַלטער פלעגט זיך נאָכיאָגן אויף אַ צווייט שיפל און די ביינער אָנברעכן. איצט אָבער האָט ער קיין רודער נישט. אַ שיפל שטייט ביים ברעג און קיין רודער איז נישטאָ און די לאָבוזעס רייצן זיך מיט אים אַלץ מער און מער. זיי שרייען פון ווייטן: „ר׳ איטשע, ר׳ איטשע, שווימט-צו! איר קענט דאָך גוט שווימען. ר׳ איטשע!״ אַזוי חלומט זיך דעם אַלטן אין זיין היגערפלעט און ער דרייט זיך און וואַרפט זיך אויף זיין געלעגער... אַך, די לאָבוזעס, די לאָבוזעס, זיי מיינען שוין טאַקע, אַז ער איז אַזוי אַלט און קאָן זיך שוין מיט זיי קיין עצה נישט געבן. ער באַווייזט זיי זיין האַרטע פויסט, ער זידלט... נאָר וואו נעמט מען אַ רודער? ער האַלט אָפן די אויגן און ציטערט פון היץ און אויפרעגונג, און פלוצלונג וואַרפט ער אַראָפ פון זיך די קאָלדרע און שפרינגט אַראָפ פון זיין געלעגער. ער לויפט צום ווינקל פון צימער, דאָרט שטייט דאָך זיין רודער, מיט וועלכן ער האָט געאַרבעט דאָס לעצטע יאָר... איצט וועט ער זיי שוין דעריאָגן, די לאָבוזעס, ער וועט זיי אָנלערנען, אָנלערנען...

און ער לויפט אַרום איבערן צימער עטליכע מאָל מיט דעם רודער אין האַנט, ביז ער פאַלט אויף דער ערד און פאַרגלאָצט די אויגן, ווי ער וואָלט קוקן ערגיץ ווייט אויפ׳ן טייך, אויף יענעם ברעג.

דעם פעלדשער האָט דערנאָך פיל מי געקאָסט, איידער ער האָט פון דעם טויטנס אָרעמס דעם רודער אַרויסגענומען...

אַ ייִנגל ביים ווײַכסל.

דו האָסט געזען די שוואַרצע אויגן? ווי גיך זיי פינטלען, ווי זיי שמייכלען זאָרגלאָז? דו האָסט געזען די ווייסע ציין, בעת ער עפנט אויף דאָס מויל און לאַכט אָן אַן אויפהער? דו האָסט געזען ווי ערנסט זיין פנים ווערט, ווען זיין בליק לויפט-נאָך אַ פייגל, וועלכער שוועבט האַסטיק פאַרביי? ווי אַ יעגער-הונט ציט ער אויס זיין לאַנגן, פון דער זון אָפּגעברענטן האַלז און קוקט ווייט. אָ! ער ווייס שוין, וואו דער פייגל האָט זיין נעסט—זאָל נאָר זיין צייט—מען וועט זיך שוין זען.

אַ טונקל פנים האָט דאָס ייִנגל, ברוינע הענט און ברוינע פיס, שטענדיק באָרוועס, דאָס היטל אָן אַ דאַשעק.

אַ גאַנצן טאָג איז ער אויפן וואַסער; הין און צוריק, הין און צוריק אויפן שיפל. און עס טרעפט אַ רגע אַ פרייע: מען דאַרף קיינעם נישט אַריבערפירן, טאַנצט ער אַריבער אַ פלויט פון באַנגטן גאָרטן און מאַכט דאָרט אַ חורבן אין די פלוימען און אין די עפל; אָדער ער וואַרפט שטיינדלאַך אין וואַסער... אָ! ווער מאַכט אַזעלכע זשאַבקעס, ווי ער? ווער שווימט אַזוי פלינק, און ווער וועט בלייבן אונטערן וואַסער לייַנגער פאַר אים?

דו האָסט געזען די שוואַרצע אויגן? ווי זיי שמייכלען, ווי

ביך זיי פינטלען? דו האָסט געזען די ווייסע ציין? און דו טראַכסט: עס איז אַ ציגיינער? ניין, ניין! דאָס לאַכט און שטיפט אַ יידיש קינד: דער ארבע-כנפות איז צוריסן געוואָרן, אָבער די ציצית זענען גאַנץ, דאָס היטל פון קאָפּ וועט ער פאַר קיין פאַל נישט אויסטון, כאָטש ער האָט אַזעלכע שוואַרצע גלאַנציקע לאָקן. און אָן אַ ברכה וועט ער די געגנבעטע פלוימען נישט עסן.

דער רודער באַוועגט זיך אין זיינע הענט, ווי אַ סמיק ביי אַ געניטן פידלשפילער, ער ווייס שוין גענוי, וואו דאָס וואַסער איז טיף און וואו פלאַך, און ווילסטו, וועט ער דיר אויספייפן אַלע מאָטיוון און נאָכמאַכן, ווי די זשאַבעס קוואַקען, ווי יונגע הענער קרייען און ווי די נאַכטפייגלאַך שרייען.

און ווילסטו, אַז די טונקעלע באַקן זאָלן פלוצלונג רויט ווערן, ער זאָל אַראָפּלאָזן פאַרשעמטערהייט זיינע שוואַרצע מזרח-אויגן, דערמאָן אים די מעשה מיטן פערד!

ס'איז פרייטאָג פאַרנאַכט געווען, דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געבאָדן, דאָס ייִנגל האָט געוויזן קונצן: געמאַכט קאָזיאָלקעס אין וואַסער און מינוטן-לאַנג געבליבן אויבן דעק פון טייך. פלוצלונג טרייבט אַ פויער זיין פערד אין טייך — עס זאָל זיך אויסבאָדן. איז דאָס ייִנגל נישט פויל און כאַפּט זיך אַ נאַקעטער אַרויף אויפן פערדס רוקן. דאָס פערד דערשרעקט זיך און לויפט אַרויס פון וואַסער און לאָזט זיך אַוועק איבערן שטעטל — איז דאָס געווען אַ בילד! ווייבער און קינדער האָבן געלאַכט, אַנדערע זיינען נאָכגעלאָפן. דאָס ייִנגל האַלט דאָס פערד פאַר דער גזשיווע און איז טויט-בלייך פאַר חרפה און שרעק...

עס האָט זיך געענדיקט מיט הסד. דאָס פערד איז צוגעלאָפן צו זיין שטאַל און האָט זיך באַרוהיקט. דאָס ייִנגל האָט זיך דאַן באַהאַלטן ביים פויער אין שייער אויפן היי. דריי טעג האָט ער זיך נישט באַוויזן, און ביזן היינטיקן טאָג ווערט ער רויט, ווען מען דערמאָנט אים די מעשה מיטן פערד — אויפן וואַסער איז ער מער העלד.

דעם ישובניקס טאָכטער.

זי דערציילט אונז פון אַ דאָרף מיט אַ יידישן הייזל, פון אַ טייכל, וואָס רוישט ביינאַכט שטאַרקער ווי ביי טאָג. זי דערציילט אונז פון פעלדער און וועלדער, וואו זי פלעגט קלויבן יאַגדעס מיט די דאָרפסקינדער, פון לאָנקעס, וואו זי פלעגט זיך שפילן ביז פאַרנאַכט אויפן פרישן היי; פאַרנאַכט פלעגן די פויערים אײַנשפּאַנען די פערד און וואָגן און די קינדער אַרויפזעצן אין דער הויך, גאָר אין דער הויך...

דער וואָגן קומט אַלץ נענטער צום דאָרף צו, און די קינדער זינגען און שטיפן און געפינען יעדע רגע בלימעלאַך אין אָפּגעשניטענעם גראָז. דער וואָגן היי פלאַמט אין לעצטן זון-פייער, די קינדערשע קעפּלאַך טונקען זיך אויך אין דיזעלבע פלאַמען און זיי זשמורען די אויגלאַך... פּלוצלונג דערהערט זיך אַ קלונג פון אַ קלויסטער-גלאָק. די קינדער הויבן אויף די קליינע פויסטלאַך און צלמן זיך איבער. זי אָבער דריקט-צו פעסט צום ברוסט אירע ביידע הענטלאַך... שיער-שיער זיי נישט נאָכגעטון, זי ווייס אָבער, אַז מען טאָר נישט...

ביים אָנהויב דאָרף שטייט זייער הייזל, די מאַמע לויפט אַרויס און כאַפּט אַראָפּ דאָס טעכטערל פון וואָגן. די מאַמע

דערקענט גלייך איר קינד—דאָס איינציגע קינד, וואָס האָט דאָ אַ שוואַרץ קעפּל...

זי דערציילט אונז פון אַ דאָרף מיט אַ יידיש הייזל. פון פריילאַכע שקצים, מיט וועלכע זי פלעגט בלאָנדזיען הינטערן דאָרף און זוכן די ווילדע קאַטשקעס. די גרויסע פלעגן אַנטלויפן, אָבער די קליינע קאַטשקעלאַך פלעגן שטענדיק אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט.

און אויף די ביימער האָט זי געקלעטערט. איינמאָל, ווען די איבריקע קינדער זענען געלעגן אויפן גראָז אין וואַלד, איז זי אַרויף אויף אַ בוים, זיך באַהאַלטן אונטער די צווייגן און גענומען שרייען ווי אַ קוקו. די קינדער האָבן זיך אַיינגעהערט און געוואונדערט זיך, וואָס דער פייגל הערט נישט אויף צו שרייען. דאַן האָט זי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און דאָס עכאָ פון איר געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען אין וואַלד אַזוי שרעקעדיק, אַזוי געהיים, אַז אַלע קינדער זיינען זיך צולאָפן און איבערגעלאָזט די קריגלאַך אין וואַלד.

זי זינגט אונז אָפט דאָרפישע לידער און אָפטמאָל טאַנצט זי, ווי די דאָרפס-מיידלאַך טאַנצן.

די האָר צופאַלן ביי איר, די ברוסט באַוועגט זיך הויך... מיטאַמאָל אָבער שטעלט זי זיך אָפּ און באַטראַכט אונז אַלעמען— וואו איז זי דאָ? ווי קומט זי אַהער? און פרעמד זעען מיר איר אַלע דאַן אויס, פרעמד אונזער שטאָט און אונזער פאַרגניגען. זי וויל צוריק אין דאָרף צום טייכל, וועלכעס רוישט ביי דעם איינציקן יודישן הייזל...

דער אַלטער דעמב.

ווײַל ער איז אַלט? אָט צוליב דער פֿראַגע האָט מען זיך שוין נישט איינמאָל געקריגט אין קאַזמערזש: אַנדערע זאָגן זעקס-הונדערט יאָר און אַנדערע, ווידער, זאָגן, אַז ער איז שוין אַלט זיבנהונדערט יאָר. „סוף-כל-סוף זיינען מיר דאָך אויף זיין ברית נישט געווען", ווײַצלט זיך איינער און די פֿראַגע בלייבט נישט פֿאַרענטפֿערט. עס בלייבט נאָך איבער איין קוועלע, וואו מען זאָל דערגיין דעם אמת—דאָס איז דער דעמב אַליין. ער האָט אָבער אַ מאָדנע אייגנשאַפֿט, דער דעמב—ער שווייגט, אַזוי ווי די נאַכט, אַזוי ווי אַ באַרג אַ שטומער...

אויפֿן שיידוועג שטייט ער, אויף אַ בערגל נישט ווייט פֿון ווייכסל, ווי אַ שוואַרצער סקעלעט, וואָס האָט אויפֿגעהויבן די דאַרע ביינערנע הענט און שרעקט ווּעמען... ער בליט שוין נישט און גרינט שוין נישט, בלויז אין איין אָרט זעען זיך נאָך עטלאַ-כע גרינע צווייגן—עטלאַכע געזונטע אָטאָמען אין דעם אַלטן קערפּער!

די שוואַרצע צווייגן פֿלעכטן זיך אַיין איינער אין צווייטן, ווי משונהדיקע שלאַנגען, וואָס פֿירן אַ שלאַכט אויף לעבן אָדער טויט. אין אַ ווינטטאָג הערט מען, ווי זיי יאָמערן און וואָיען...

דאָס האַרץ פון דעם דעמב איז אינגאַנצן פוסט. צוערשט האָבן די דונערן אים דורכגעלעכערט, דערנאָך האָבן די פּאַסטוכער פאַרברענט זיין האַרץ אויף אַש, אַזוי אַז אין פוסטן בוים קאָנען זיך איצט באַהאַלטן אַ מנין מענטשן.

ער שטייט אויפן שיידוועג: איין גאַסטינעץ ציט זיך צום בריק זאַסלאַווסקי, דער צווייטער צום צוקער-זאַוואָד „זאַגלאָבי“ און דער דריטער וועג פאַרנעמט זיך צו דעם שטעטעלע אַפּאָליע — ביים אָבער ווען פאַרביי אַ פרעמדער פויער בלייבט ער שטיין אויף דעם שיידוועג און ווייס נישט, וועלכער וועג איז דער ריכטיקער, טראַכט ער, טראַכט און קאָן זיך נישט באַשליסן, הויבט ער אויף די אויגן צום דעמב, וועלכער איז באַהאָנגען מיט הייליקע בילדער, צלמט זיך איבער און קוקט אָן דעם בוים, ווי ער וואָלט געוואַרט פון אים, ער זאָל אים אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג, — נאָר דער דעמב שווייגט...

פאַר אים אין די אויגן וואַקסן דורות אויף און דורות שטאַרבן. ער קוקט שווייגענדיק אָן די קינדער, וואָס קומען מיט די טאַטעס אויף די פעלדער; ער געדענקט נאָך זייערע עלטער-עלטער-זיידעס, וועלכע האָבן אויך אַמאָל אַזוי אויף די פעלדער געשפּילט און איצט!

עס איז שוין קיין זכר נישטאָ פון דעם בית-עולם, וואו מען האָט זיי באַגראָבן. דער דעמב שווייגט, נאָר ער ווייס אַ סך. אַ סך לאַכן: ווען קעניג קאַזמערזש האָט אויפן באַרג זיין פּאַלאַץ געבויט, איז שוין דער דעמב עלטער געווען פאַר אים. ווען ער פלעגט אויף יאַגד פאָרן, איז אונטער זיין געדיכטן שאָטן דער זאַמעלפּונקט פאַר די יעגערס געווען און איינמאָל, געדענקט דער בוים, איז דער קעניג צוריקגעקומען פון יאַגד מיט אַ יידישער טאָכטער געקומען. אסתר, האָט זי געהייסן. און פיל, פיל זיסע צויבערלעגענדעס האָט די אסתרקע איבערגעלאָזט: מאַמעס פאַרוויגן די קינדער מיט מעשיות וועגן „אַ יידיש מיידל, וואָס דער גרויסער גוטער קאַזמערזש האָט ליב געהאַט“ און אַז אַ ייד מיט אַ קריסט צעווערטלען זיך, איז פאַראַן אַ וואָרט, וואָס קילט אַפּ די צוהיצטע מחות: — „אסתרקע!“

עס זיינען אַוועק יענע צייטן, ווען דאָס פאָלק אַרום איז פריי געווען; דער שלאָס אויפן באַרג איז אינגאַנצן צושטערט; אין די לעכער האָבן קראָען זייערע נעסטן געמאַכט און זיי קראַקען יעדן אָוונט, ווי זיי וואָלטן חוזק געמאַכט פון דער גאַנצער וועלט.

אויפן שפיץ פון דעם דעמב איז אויך פאַראַן אַ שוואַרצע נעסט, וואו עס לעבן אַ פאָר אַלטע קראָען, און אַ לעגענדע דערציילט: יעדן אָוונט, ווען די לבנה באַלייכט די גאַנצע געגנט, ווען די פאַוועס און די פּילינס הויבן אָן צו שרייען, דאַן צורוישן זיך די כוואַליעס פון ווייכסל און אויפן זאַמדיקן בערגל, אינמיטן טייך, טאַנצט אַרויס אַ שיינע יונגע פרוי מיט געגשלע אין דער האַנט.

די האָר זיינען צעוואָרפן אויף די אַקסלען צוזאַמען מיט די פילפאַרביקע סטיינגעס פון אירע קליידער. זי טאַנצט, שפּילט און זינגט פון העלדישן יאַגעלאָ און פון דער פרומער קעניגין יאַדוויגע. זי זינגט פון גוטהאַרציקן קעניג קאַזימערזש און פלוצלונג ווערט זי שטום! פאַרוואָס איז זי דאָ איינע אַליין? פאַרוואָס זינגט קיינער נישט מיט איר אינאיינעם? זי שווימט צו צום ברעג און לויפט געשווינד צו דעם דעמב. ווי אַ פלינקע קאַץ כאַפּט זי זיך אַרויף אין דער הויך אויף די נאַקעטע שוואַרצע צווייגן. זי קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן; די זאַנגען אויף די פעלדער וויגן זיך קוים-קוים, דיביימער אין וואַלד שלאָפן צוגעטוליעט איינער צום צווייטן.

פלוצלונג באַמערקט די יונגפרוי דעם אַלטן איינגעפאַלענעם שלאָס... דאַן פליען די קראָען פון נעסט און פּיקן איר אויס די אויגן, זי זאָל דעם חורבן שוין מער נישט אָנקוקן. זי פאַלט אַראָפּ פון בוים און קריכט קרעכצנדיק צום טייך, וואו זי לאָזט זיך באַלד אַראָפּ צום גרונט, בלויז די געגשלע שווימט אַ לייגערע צייט אין דער הויך אויפן וואַסער...

דער דעמב שווייגט. ער וויל גאָרנישט דערציילן פון יענע העלדן, וועלכע האָבן אויף די אַרומיקע פעלדער געקעמפט; אַ ביסל ווייטער ליגט אַ שטיינערנע פליטע, אונטער וועלכער עס

רױען די בײנער פֿון גראַף װאָלאַכאָװסקי. בלױז עטליכע װערטער זײנען אױסגעקריצט אױף דער פּליטע: „אױף דעם אָרט איז ער געפֿאַלן" און עס װײעט אַזאַ האַרטער אומעט פֿון דעם אײנזאַמען קבר אינמיטן פֿעלד, פֿון די עטליכע יונגע בעראָזעס, װעלכע שײנען מיט די געקרױזטע לאָקן-צװײגן איבערן קבר.

און דער דעמב װיל קײנעם נישט טרײסטן, ער װיל גאָרנישט דערצײלן! דאָך די מענטשן װײסן, אַז אין יענע טעג פֿון קאַמף האָט מען אױף זײנע צװײגן די געפֿאַנגענע העלדן געהאָנגען.

יאָרן קומען און פֿאַרגײען, מענטשן זינדיקן און בעטן גאָט, ער זאָל זײ מוחל-זײן; יעדן ראש-השנה זעט דער דעמב, װי ײדן גײען צו תשליך, נאָר װאָס אַ יאָר װערט די תפילה שװאַכער און די צאָל פֿון די מתפּללים קלענער, און ער װאונדערט זיך, דער אַלטער בױם: צי דען האָבן זײ שױן אױפֿגעהערט צו זינדיקן?

עס װאַקסן נײע בײמער און נײע מענטשן, נאָר דער מענטש איז נישט צוגעשמידט צו דער ערד, װי אַ בױם. ער זוכט, ער װאַנדערט שפּענדיק װײטער, און דאָס, װאָס עס האָט זיך אַמאָל גערעכנט פֿאַר אַ זינד, איז הײנט אױס זינד געװאָרן: מײדלאַך מיט בחורים שפּאַצירן פֿראַנק און פֿרײ אױף די פֿעלדער; די מאַמעס טרױערן, די טאַטעס שרײען און צײטנװײז שלאָגן זײ אױך דערפֿאַר, נאָר דער יונגער װאַלד איז שױן באַלד גרעסער פֿאַרן אַלטן.

און אַז אַ מאַמעס האַרץ האַלט פֿאָרט נישט אױס און זי, די צושראָקענע, זוכט איר טאָכטער, װאו טראַכט זי איר צו געפֿינען? בײ דעם דעמב!

דאָך די יונגע אױגן זעען בעסער פֿאַר די אַלטע, האָט זיך אין דאָס פּאָרל אָפּגעטראָגן פֿון בױם... בלײבט די מאַמע אַלײן שטײן בײ דעם דעמב און קוקט אים אָן, װי זי װאָלט פֿון אים זיך װעלן דערװיסן: װאָס האָבן זײ דאָ גערעדט? װאָס האָבן זײ דאָ געטון? נאָר דער דעמב שװײגט, װי אַ מצבה אױף אַן אַלטן קבר; ער שװײגט װי די נאַכט, װי אַ באַרג אַ שטומער...

אַ דערטרונקענער.

פון וואַנען קומט עס מיטאַמאָל אַזאַ רוהיקקייט? לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, ווי עס וואָלט זיך פון הימל אַראָפּגעגאָסן פון די קלאָרע לופטוועלן, ווי עס וואָלט פון די שטילע גרינע פעלדער געקומען.

ליכטיקער ווערן די קלייטן. כאָטש אויפן גאַס דרייען זיך נאָך אַרום אַ סך מענטשן, מען האַנדלט שוין אָבער ווייניק; די ברויטבײַדלאַך פון מאַרק פאַרשליסן זיך שוין אויך.

דער אונטערשמש גייט פאַרביי דעם מאַרק און קלאַפּט אין יעדן געוועלב באַזונדער. עס פאַרשליסן זיך די לעצטע קראָמען. אַ פאַרשפּעטיקטער בעל-עגלה טרייבט געשווינט זיין דאַר פערדל און דאָס פערד לויפט אַזוי לוסטיג, טרייסלט מיטן קאָפּ—נישט אַנדערש: עס פילט, אַז עס קומט אָן דער טאָג, ווען מען שטייט אַ גאַנצן מעת-לעת אין שטאַל און מען רוהט... און מען עסט.

דער וואַסערטרעגער טראָגט די לעצטע פּאָר עמערס וואַסער. ווען די לעצטע קראָם פאַרמאַכט זיך, דאַן ווערט ער אויך פאַרשוואונדן.

לאַנגזאַם... מיט שוואַרצע קאַפּאָטעס אַרומגעגאַרטלט, גייען אין שול אַריין יונגע און אַלטע יידן, און אין אַלע פענסטער

פון דער שול שפילן זיך די לעצטע פלאַמען פון דער זון, אַזעלכע רויטע אומגעלומפּערטע פלאַמען, דאָך די רוהיקקייט פון דער סביבה צושטערן זיי נישט. עס איז נאָך ליכטיק אַ ביסל, אויפן לײדיקן פּאַרק לאָזן זיך אַראָפּ פיל טויבן, קיינער יאָגט זיי איצט נישט.

פון וואַנען קומט מיטאַמאָל אַזאַ רוהיקקייט? ווי זי וואָלט ערגעץ באַהאַלטן געווען הינטערן באַרג און געלויערט ביז די מינוט זאָל אָנקומען. עס פילט זיך רוהיקקייט אין לייכטן ווינטעלע, אין די טריט פון יעדן מענטש, אין די לעצטע טרעלן פון די שוואַלבן, וועלכע שוועבן אַזוי נידריק צו דער ערד.

די קריסטן, וועלכע שטייען אויפן מאַרק, זעען אויס ווי פאַרעלנטע און גייען זיך פונאַנדער אַהיים אָדער אין שיינק. ביי דער גמינע בלייבן זיצן עטליכע סטראַזשניקעס און מען שמועסט עפּיס מיד און פויל.

און יידן גייען אַלץ מער אין שול, פון אַלע זייטן קומען זיי אָן, צופרידענע, אַרומגעוואַשענע.

נאָר פּלוצלונג...

פון דעם שמאָלן געסל, וועלכעס פירט צו דער ווייסל, קומען צולויפן עטליכע קינדער, האַלב אָנגעטון, נאַס און פאַרשוויצט. זיי לויפן, האַלטן אָפן די מיילער און שרייען:

—דוד טרינקט זיך, דוד טרינקט זיך...

און יידענעס מיט די קרבן-מנחהס אין די הענט, שבתדיק אָנגעטון, הויבן אָן צו ליאַרמען און שרייען, פון אַלע זייטן לויפט מען זיך צונויף און מען איילט צום טייך...

עס הערט זיך אַ מוראדיקער „אַי", עמיץ איז אומגעפאַלן, אָבער קיינער קוקט זיך נישט אום, דער שרעק יאָגט אַלעמען ווייטער.

און די שטילקייט טוט זיך אירס, זי שוועבט איבער באַרג און טאָל, איבער די הייזער אַרום מאַרק... זי גנבעט זיך אַריין אין די סעדער, וואָס אַרום טייך, אין יעדן ווינקעלע, וואו דער טומל קומט נישט צו...

—דוד טרינקט זיך...

ז. סעגאַלאָוויטש.

נאָך שרייט מען, כאָטש אַלע ווייסן שוין פון דער קאַטאַ־סטראָפע. די נאַטור אַליין שרייט נישט און קלאָגט נישט, דער הימל פאַרדעקט זיך נישט מיט קיין גרויע טרויער־וואָלקנס: וואַ־נישט־וואו זעען זיך. בעגולטע, רויטלאַכע וואָלקנדלאַך, אַזעלכע רוהיקע, האַלב־פאַרשלאָפענע, ווי קינדער, ווי שעפסן פון אַ פאַר־שפעטיקטער טשערעדע.

אויפן טייך לויפן אַרום הין און צוריק פיל שיפלאַך. אַלע פישעריס זייבען זיך צונויפגעלאָפן, יונג און אַלט איז פון שטעטל געקומען. מען שרייט, מען חלשט...

אָבער דאָס וואַסער טראָגט זיך אַלץ ווייטער. די ראָזע פאַליעס קויקלען זיך מיט אַ מאָדנער געלאַסענקייט... ווער ווייס, וואו זיי האָבן שוין דודן פאַרטראָגן? און די זון וויל נישט וואַרטן, עס ווערט אַלץ פינסטערער, איינציקווייז שווימען צו די שיפלאַך צום ברעג, אַלע האָבן זיך שוין מיאש־געווען: דוד איז שוין פאַרפאַלן...

דודס מאַמע ליגט אויף דער ערד און שרייט און וויינט. מען מינטערט זי און מען טרייסט...

דאָ און דאָרט שטייען קרייזלאַך מענטשן און מען זיפצט:

—יעדעס יאָר נעמט די ווייכסל צו אַ קרבן...

מען קאָן גאָרנישט העלפן, מען גייט שוין צוריק, שווייגענדיק גייט מען, און מען דערציילט שטילערהייט פון אַמאָליקע אומגליקן: מיט פייער און וואַסער טאָר מען זיך נישט שפילן...

ביים טייך בלייבן געציילטע מענטשן. עס איז שוין טונקל און דער גאַנצער טייך זעט אויס ווי אַ גרויסע חיה, וואָס האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט זיין קרבן און רוהט איצט אָפּ. די לעצטע מענטשן גייען צוריק צום שטעטל.

איינער פון זיי טראָגט דודס איבערגעבליבענע בגדים, די הויזן הייגנען אַראָפּ און וויגן זיך, וויגן זיך...

אַ שרעק נעמט אָן: וואו איז דוד? וואו איז דאָס פריילאַכע יינגל?

און די ליכטלאַך צאַנקען אין די הייזער און צוגיסן אַרום זיך אַזויפיל צערטליכקייט און טרייסט. יידן גייען שוין פון דאַווי־

נען, מען בלייבט נאָך שטיין אויפן גאַס און מען רעדט אַ קור-
צע צייט וועגן אומגליק.

באַלד ווערט די גאַס ליידיק.

שטילער ווי אַלעמאָל איז היינטיקע נאַכט; מען הערט נישט
קיין זמירות. די קינדער, וואָס זיצן ביים שבתדיקן טיש, הערן
אויס פאַרשידענע מעשיות און לעגענדעס וועגן ווייכסל און אירע
קרבנות און זיי שרעקן זיך, די יינגע.

ווער ווייס וואָס דאָרט טוט זיך איצט, אין טייך? אפשר
קלייבן זיך צונויף אַלע דערטרונקענע און טאַנצן דאָרט און הו-
ליען יעדע נאַכט ביז פאַרטאָג אויף דער ברייטער זאַמדיקער
קעמפע? אפשר פאַרגנבענען זיי זיך אין שטעטל אַריין?

אין דער שטילקייט דערהערט זיך אַ קול. עמיץ שרייט און
שילט. דאָס איז ניהעלע די משוגענע... פון פרומקייט איז זי
משוגע געוואָרן. זי ווייס שוין אויך פון היינטיקן אומגליק און זי
שטראָפט איצט אַלעמען:

—גוט אויף אייך, דאָס שטראָפט אייך גאָט, גוט אויף אייך!
עס וועט נאָך קומען אַ מגפה, אַ הונגער וועט קומען! מיידלאַך
מיט בחורים אויף די פעלדער צוזאַמען... גוט אויף אייך!—זי
רעדט אַלץ אויס, וואָס אין איר קראַנקער פאַנטאַזיע באַשאַפט זיך
אין דער רגע.

אין אַן אַנדער אָוונט וואָלטן זיך אַלע לאָבוזעס צונויפגע-
קליבן אונטער איר פענסטער און עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ
פאָרשטעלונג ביז שפעט אין דער נאַכט, נאָר איצט איז קיינער
נישטאָ און ניהעלע ווערט גיך רוהיק.

אויפן גאַס שפּאַצירן אַרום „זלמניאַקס", זלמן דעם בעל-
עגלהס דריי בנים. זיי פירן זיך אויף היינט רוהיקער ווי שטענ-
דיק. זיי פייפן נישט אום שבת, זיי גייען נישט אין שיינק אַריין,
יעדער פון זיי וואַרט אויף זיין „פּאַווע". די ערשטע קומט
בראָמבערגס קעכין, דערנאָך וועלוול דער שוסטערס צוויי טעכ-
טער און די דריי פּאָרלעך שפּאַצירן אַרום איבערן פּוסטן מאַרק
און מען שיילט „וויניקער", מען רעדט פון דערטרונקענעם.

רופט זיך איינער אָפּ פון זיי:

—לאָמיר גיין צום טייך!

גייט מען צום טייך און מען שרעקט זיך פֿאַר עפּיס, פֿאַר דעמזעלבן טייך, וואָס מען זעט יעדן טאָג... דערלאַנגט אַ וועלכל אַ רויש, דאַכט זיך דעמאָלט אויס אינדערפֿינסטער, אַז עמיץ ראַנגלט זיך אויפֿן וואַסער.

—וואו איז שוין איצט דוד? האַ! אַ יין יינגל.—מען רעדט אָבער ווייניק, די ווערטער קלעפּן זיך נישט.

גייט מען צוריק אין מאַרק און פֿון מאַרק אַהיים און אַ שרעק אַ שטילע, איינגעהילט אין דער רוהיקקייט פֿון שבת, שוועבט אין יעדן ווינקעלע...

עס וועלן דאַרפֿן זיין אַ סך זון-טעג, ביז די שרעק וועט פֿאַרשוואונדן ווערן פֿון שטעטל.

פון גאָט געשטראָפט.

א.

איין גאָט אין הימל ווייס, פאַר וועמעס זינד ער איז געבאָרן געוואָרן אַ קאַליקע; די מאַמע זיינע האָט עס מיט אַ זיפץ געפרעגט, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען מיט די מאָדנע אויסגעקרימטע פיסלאַך.

—פאַר וועמעס זינד? פאַר וועמעס זינד?

און זי האָט לאַנג געוויינט אויף איר געלעגער... אַזאַ אומגליק, אַ געבאָרענע קאַליקע!

די אומגליקלאַכע מוטער [illegible] זיך געסטאַרעט טון אַלעס פאַרבאָרגן איר צרה.

ווען זי פלעגט יאָסעלען זויגן, פלעגט זי אַזוי אייַנוויקלען די פיסלאַך, אַז קיינער פלעגט נישט באַמערקן. עס איז אָבער אַוועק אַ יאָר, יאָסעלע איז גרעסער געוואָרן און שווערער, די מאַמע פלעגט אים שוין אַראָפּלאָזן אויף דר׳ערד, ער פלעגט זיך קאַראַשקען און אַרומקריכן אויף דער פּאָדלאָגע, די מאַמע פלעגט פילמאָל וויינען, קוקנדיק אויף אים.

ער וועט שוין קיינמאָל אַליין נישט גיין!—אַזוי טראַכט זי און ווישט די טרערן.

קומט אַריין אַ שכנטע: די מאַמע וויל יאָסלען אַרויפֿכאַפּן אויפֿן האַנט, נאָר ער איז שוין שווער, די שכנטע האָט אים באַמערקט און זי נעמט קלאָגן:

—אָנו, גאָט מיין גאָט! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּיסלאַך ביי אייער יאָסעלען!

יאָסעלעס מאַמע ווערט רויט און זי הויבט זיך אָן צו פֿאַרענטפֿערן, ווי זי וואָלט טאַקי איינדעראמתן שולדיג זיין אין זיין אומגליק:

—עס וועט אויסוואַקסן, זאָגט זי,—דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, עס וועט אויסוואַקסן.—זי זאָגט אַ ליגן, דער דאָקטאָר האָט עס נישט געזאָגט. דאָך דאַכט זיך איר אויס אַזוי... עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז אַ מענש זאָל געבאָרן ווערן מיט אויגן, מיט אַ מויל, מיט געזונטע הענט, נאָר די פיס, די פיס... רבונו-של-עולם, פֿאַר וועמעס זינד?

יאָסעלעס עלטערן פֿלעגן יעדן זומער האַלטן אַ סאָד און ווי נאָר די גרינע עפּיל פֿלעגן ווערן גרעסער, אַזוי קלויבט זיך שוין די גאַנצע פֿאַמיליע אין גאָרטן אַריין.

יאָסעלע איז שוין אַלט געוועזן פיר יאָר. אויף די קרומע פּיסלאַך האָט מען שוין פון לאַנג אַרויפֿגעצויגן אַ פֿאָר הייזלאַך, און ער קריכט אַרום אויף אַלע פיר. נישט נאָר זיין טאַטע-מאַמע, נאָר דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך שוין צו אים צוגעוויינט, אַזוי ווי מען איז צוגעוויינט צום שטומען פּאַסטוך, צו שרה-לאהן דער משוגענער... אַזוי איז באַשערט פון גאָט!

ווען יאָסעלע פֿלעגט באַמערקן, אַז מען קוקט אויף אים, פֿלעגט ער אָנהויבן גיכער זיך צו איילן, גיכער אַהיים!

ער פֿלעגט דאַן וואַרפֿן די הענטלאַך פֿאָרויס און שפּריי‑גען אויף די קני. עפּיס אַזוי ווי אַ גרויסע זשאַבע האָט ער דעמאָלט אויסגעזען.

די מאַמע האָט אים גערופֿן „מיין אומגליק" און דער טאַטע האָט קיינמאָל מיט אים נישט גערעדט. דער טאַטע זיינער פֿלעגט

איבערהויפט מער שווייגן ווי ריידן. ער האָט געהאַט אַ גרויסע געלע באָרד מיט גרויסע וואָנסן, וועלכע ליגן ווי אַ צודעק אויף זיינע ליפּן. אפילו אויך מיט זיינע ברידער און שוועסטער פלעגט יאָסעלע זיך זעלטן שפּילן. ער האָט שוין פון די ערשטע יאָרן אָנגעהויבן שווייגן, ווי דער טאַטע זיינער. נאָר זומער אין גאָרטן ווערט יאָסעלע אַ ביסעלע לעבעדיקער. אין סאָד קומט קיינער נישט. ער פלעגט ליגן בײַ דעם שטרויענעםביידל מיט זייער אַלטן הונט „ביאַלוס" און אָפּהיטן פון גנבים, שפּעטער, ווען די באַרנעס מיט די עפּל פלעגן צייטיק ווערן און אָנהויבן אַראָפּ-פאַלן, פלעגט יאָסעלע אַרומקריכן גאַנצע טעג אונטער די ביי-מער און צונויפקלויבן די פּרוכטן. עס פלעגט זיך אָנקלייבן גאַנ-צע עפּל און באַרנעס אין גאָרטן און יאָסעלע לעבט אָפּ.. קיינער זעט נישט זיין פריידג דאָך קיינער פלעגט אויך נישט באַמערקן דאָס, וואָס אין ייִנגלס נשמה קומט פאָר, ווען עס קומט אַ סוחר אין סאָד און קויפט אָפּ די רויטע בערגלאַך עפּל. עס פלעגט פּוסט ווערן דער גאָרטן פאַר אים, אַזוי פּוסט, ווי מען וואָלט אים אַרויסרייסן זיין יונג הערצל. נאָר ער פלעגט שווייגן. די מענטשן זיינען אַלע אַזעלכע הויכע, ווען זיי שטייען אויף די פיס און ער ליגט אויף דר'ערד, ער איז אַזאַ קליינינשקער, אַן אויפגעדרייטער.

צו „ביאַלוסען" פלעגט ער זאָגן:

—שוין באַלד ווינטער, ביאַלוס!—און ער פלעגט זיך צו-טוליען צום קאַלטאַנעוואַטן הונט און שווייגן...

ווינטער איז אים, יאָסעלען, פיל ערגער געווען. אויפן גאַס איז שניי, ווינט און נאַסקייט. ער קאָן דאָך אַנדערש נישט ווי קריכן, ער גייט אויף די הענט און אויף די קני—איז דאָך ווינ-טער און נעץ—אוממעגליך אַזוי צו קריכן. פלעגט ער זיצן אינ-דערהיים און שטענדיק פרעגן ביים עלטערן ברודער: „ווען וועט שוין זיין פסחז" אַמאָל פלעגט דער טאַטע אַרויפטראָגן פון קע-לער אַ קויש עפּל, דאָס לעצטע ביסל, וואָס עס איז איבערגע-בליבן צום פאַרקויפן, און אַז יאָסעלע פלעגט עס דערזען, פלעגט ער זיך דערמאָנען דעם זומער און פריילעכער פלעגט אים ווערן.

נאָר קיינער ווייס נישט, ווען אים איז פריילאַך צי אומעטיק. דאָס יינגל האָט געוואַקסן אַ שווייגנדיקער, אַ בייזער.

ער האָט זיך געלערנט אַרויפקריכן מיט מאָדנע קונצן אויף אַ שטול און ווינטער פלעגט ער שעהן-לאַנג אָפּזיצן ביים פענסטער, אויסבלאָזן פּאַר זיך אויף דער פאַרפראָרענער שויב אַ קליין פענסטערל און אַרויסקוקן. מענטשן לויפן פאַרביי, אַמאָל לויפט דורך אַ הונט, אַ בהמה פירט מען דורך.

—„אַלע האָבן פיס”—טראַכט יאָסעלע.

די קינדער שפּילן זיך אונטער זיין פענסטער, זיי גליטשן זיך און וואַרפן זיך מיט שניי. אַמאָל טרעפט, זיי מאַכן אַ מענטש פון שניי, אַ נאָז און אַ מויל און אויגן פון שוואַרצן קויל, נאָר די פיס קומען ביים שנייענעם מענטש אַרויס אַזוי אומגעלומפּערט און גראָב, אַז ער קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. די קינדער האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם שנייענעם גולם, זיי זיינען זיך שוין צולאָפן, נאָר יאָסעלע זיצט נאָך אַלץ ביים פענסטער און קוקט אויף אים: ביידע זיינען זיי קאַליקעס מיט אומגעלומפּערטע פיס...

דעם לעצטן זומער האָט זיך יאָסעלעס מאַמע פאַרקילט אין גאָרטן, עס זיינען געווען אַזעלכע ווינטן און רעגנס און אין דעם שטרויענעםביידל האָט שטאַרק אַריינגערונען. זי פלעגט הוסטן און קרעכצן. אין הערבסט איז איר ערגער געוואָרן, איז זי געגאַנגען צום דאָקטאָר, דערנאָך איז שוין דער דאָקטאָר געגאַנגען צו איר.

איינמאָל, אינמיטן נאַכט, האָט זיך יאָסעלע אויפגעכאַפּט אַ צושראָקענער. ער האָט דערזען, ווי דער טאַטע שטייט אין אַ ווינקל און וויינט. צום ערשטן מאָל האָט ער דעם טאַטען געזען וויינען. ער איז צוגעקראָכן נענטער און נישט געקאָנט דערגיין, וואָס דאָ טוט זיך: די מאַמע איז געלעגן אויף דער ערד, ווייס ווי קאַלך און נעבן איר עטליכע שכנים. שפּעטער אַ ביסל האָבן אים די שכנים אַוועקגעטראָגן אין אַ צווייטער שטוב; דאָרטן זיינען שוין געווען זיינע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך. זיי האָבן שטיל געוויינט. „די מאַמע איז געשטאָרבן” האָט יאָסעלע געהערט.

אינדערפרי איז געווען די לויה, יאָסעלען האָט מען גע-לאָזט אינדערהיים, ווייל ער קאָן דאָך נישט גיין; ער איז גע-שטאַנען ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט, ווי דער עולם איז אַלץ ווייטער אַוועקגעגאַנגען מיט דער מטה...

שפּעטער האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און איז אַרויסגע-קראָכן אויפן גאַס.

ער האָט אָנגעהויבן גיך צו שפּרינגען אויף די קני, ער איז געקראָכן צום בית-עולם. עס האָט לאַנג געדויערט, די הענט זיינען ביי אים געפראָרן געוואָרן און ער האָט אַלץ געאַיילט.

ווען ער איז געקומען צום אָרט, איז שוין דער קבר גע-ווען פאַרשאָטן. ער האָט דעמאָלט אַזויפיל געוויינט, אַז מען האָט אים נישט געקאָנט באַרוהיגן. ער האָט זיך אַרויסגעריכן פון טאַטנס הענט און אַליין אַוועקגעקראָכן צוריק אַהיים.

פאַרנאַכט האָט מען געמאַכט ביי זיי אין שטוב אַ מנין און די יונגע יתומים האָבן געזאָגט קדיש. דער טאַטע האָט שוין ווי-דער געשוויגן, נאָר ווען ער האָט דערזען, ווי יאָסעלע מאַטערט זיך מיט די הענט אָנצושפּאַרן אָן דער וואַנט, כדי ער זאָל אויך קאָנען זאָגן קדיש, דאַן האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, דער אלמן, און ער האָט זיך אויפן קול פאַנאַנדערגעוויינט.

ב.

יענער ווינטער איז שוין לאַנג אַוועק, יאָסעלעס טאַטע איז אַריבערגעפאָרן אין אַ צווייטן שטעטל און האָט חתונה-געהאַט מיט אַ קרעמערקע. די צוויי מיידלאַך האָט ער מיטגענומען מיט זיך, דאָס עלטערע יינגל האָט ער אַוועקגעגעבן צו אַ בערשטער, ער זאָל זיך אויסלערנען די מלאכה, דעם יינגערן—צו אַ מלמד פאַר אַ בעהעלפער און אים, יאָסלען, האָט ער איבערגעלאָזט ביי אַ פעטער אַ שניידער. ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז אינגיכן וועט ער אים נעמען צו זיך, דערווייל איז דאָס אוממעגלאַך. די קרע-מערקע וועט ביי זיך קיין קאַליקע נישט וועלן האַלטן...

יאָסעלע האָט מורא געהאַט פאַרן שניידער, ער איז שוין

אַלט געווען אַכט יאָר, נאָר צוליב די צעלויבעדריישע פיסלאַך האָט ער אויסגעזען זייער קליין און יאָמערדיק. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיט איין קלאַפּ מיטן פוס צופרעט מען אים. ווי נאָר עס ווערט אַ ביסל וואַרימער, איז שוין יאָסעלע אויפן גאַס. אין אַ מאַרקטאָג פלעגט ער זיך אַרומקראַשקען ביי די פערד, ביי די ביידלאַך. אַמאָל פלעגט אים ווער געבן עטליכע קאָפּיקעס, ער זאָל זיצן און אַכטונג געבן, מען זאָל עפּיס נישט צוגנבענען און יאָסעלע פלעגט שוין קיין אויג נישט אַראָפּלאָזן פון די „כלאָפּעס”. קיין פּיס האָט ער נישט, נאָר זען זעט ער גוט...

איין אָרט איז געווען, וואו יאָסעלע פלעגט זיך פילן גוט: דאָס איז געווען ביים טייך, ביי דער ווייכסל. וואָס ווייטער ער קריכט אַוועק פון דער מאַרקגאַס, וואָס ווייניקער הייזער און מענטשן ער זעט, אַלץ פריילאַכער ווערט אים אויף דער נשמה. אָט איז שוין דאָס וואַסער, ביים ברעג ליגן שטיינער, קלעצער, עס איז דאָ אָן וואָס זיך אָנצושפּאַרן; און אַז אים ווילט זיך גאָר זיין אַליין, קריכט ער אַוועק אונטער דעם פּריצס סעדער. ער קריכט און די אויסגעדרייטע פיסלאַך שלעפּן זיך נאָך, ווי איבריקע, ווי צוגעבונדענע. פון איין זייט זיינען גערטנער, פון דער צווייטער—וואַסער. און יאָסעלע ליגט און טראַכט. מער פאַר אַלץ פלעגט ער טראַכטן פון דער געשטאָרבענער מאַמען און פון „ביאַלוסן”, וועלכן מען האָט ווינטער געפונען אַ פאַרגליווערטן אין פאָרהויז. די מאַמע איז שוין אודאי אין גן-עדן, אַזוי האָט אים געזאָגט לייזער זיין ברודער, דער באַהעלפער; קיין סך זינד האָט זי נישט געהאַט, די מאַמע, איז זי שוין געוויס אין גן-עדן איצט. נאָר ביאַלוס... עטלאַכע ייִנגלעך האָבן אַזוי געזאָגט, אַז אַ חיה האָט נישט יענע וועלט, בלויז איין ייִנגל האָט זיי דאַן איבערגעשלאָגן:

—עס קאָן זיין, אַז יאָ! עס קאָן זיין, מען חייס נאָך נישט.—און יאָסעלען ווילט זיך זייער, אַז ביאַלוס זאָל יאָ האָבן יענע וועלט; ער איז געווען אַזאַ גוטער הונט, און מיט אים, מיט יאָסעלען, האָט ער בעסער געלעבט, ווי מיט אַלעמען און דער הונט איז דאָך נישט געווען קיין קאַליקע, ער האָט געהאַט

געוואונטע פֿיס, פֿיר פֿיס... באַשר ער האָט געשלאָפֿן אין פֿאַרהויז, איז אין דעם נישט יאָסעלע שולדיק, נאָר דער שניידער. אָך! איבער דער הונט וועט האָבן יענע וועלט, וועט זיך דאָס דאַן די מאַמע דערהרייען... זי שפּאַצירט און פּלוצלונג... ביאַלוס לדיפּט איר אַנטקעגן אַ יונגער, אַ רייניגער... אָט די אַלע געדאַנקען פֿלעגט יאָסעלע פֿאַר קיינעם נישט דערציילן.

יאָסעלע איז געוואָרן אַ גאַנצער אויפֿטוער ביים טייך, ער האָט זיך אויסגעלערנט כאַפּן פֿיש: זיצט ער זיך אויף די קני ביים סאַמע ברעג און פֿאַרוואַרפֿט די ווענדקע. עס גייט ביי אים בעסער, ווי ביי פֿיל אַנדערע. יאָסעלע קריגט גיך אַ נאָמען פֿאַר אַ געניטן פֿישפֿאַנגער, אַרום אים קלייבן זיך צונויף פֿיל קינדער: די, וואָס האָבן ווענדקעס און די, וואָס קוקן זיך בלויז איין. אָ, אין די זומערטעג טוט זיך עס ביים ווייכסל מיט די יינגע יידישע פֿישערס, די אָרימע און די רייכערע. אַלע קומען צום טייך האַלב אָנגעטון אין די ארבע-כנפֿותלאַך און עס גייט אַ גאַנג: וועגן יעדער פֿלאָסקע, וואָס מען כאַפּט, ווערט גערעדט. מען בייט זיך מיט די ווענדקעס, מען קויפֿט ווערם און פֿליגן, וועלכע מען באַדאַרף האָבן צו דעם פֿאַנג. אָט האָט זיך אַ יינגל אַרומגעדרייט אַ פּאָר שעה ביים ברעג און אָנגעגראָבן אַ בלעכענע שאַכטל מיט ווערם, און אַז ער קומט צו צו זיינע חברים, הויבט זיך אָן דער האַנדעל:

—וויפֿיל ווילסטו פֿאַר די ווערם?

—פֿאַר די גאַנצע?

—יאָ, פֿאַר די גאַנצע מיטן שאַכטל אינאיינעם...

—צוויי קאָפּיקעס מיט אַ פּאַפּיראָס! און דאָס געשעפֿט איז געענדיקט.

צי ווייל יאָסעלע איז געווען אַזאַ אומגליקלאַכער, צי ווייל די קינדער האָבן מורא געהאַט פֿאַר זיין שטרייגגן בליק, נאָר די יינגלאַך האָבן געהאַט דרך-ארץ פֿאַר אים. עס פֿלעגט טרעפֿן, מען צוהרגעט זיך צוליב אַ פֿלאָטקע אָדער צוליב אַ וואָרם, עס ווערט אַ טומל, אַ געשריי, איינער וואַרפֿט דעם צווייטענס ווענדקע אין טייך אריין און מען שלאָגט זיך מיט די קליינע פֿויסט-

לאַך. גיט אָבער יאָסעלע אַ געשריי:

—שטילער, שרעקט נישט די פיש!

ווערט באַלד שטיל ביים ברעג און די ייִנגלאַך מיט די שוואַרצע פּנימלאַך און לייִנגלאַכע נעזלעך קוקן שטאַר אין וואַסער אַריין און שוויגן... ביז עמיצער ציט אַרויס די ווענדקע און אויפן וואַסער פאַלט אַראָפּ אַ צאַפּלדיק שטיקל זילבער; דאַן לויפט די גאַנצע חברה צו זען, וואָס דאָס איז פאַר אַ פישל.

עס איז אויך געווען ביים טייך אַן עלטערער ייִד, וואָס פלעגט גאַנצע טעג שטיין ביים ברעג און כאַפּן פיש. דאָס איז בערל, בערל דער שערער. בערל דער שערער האָט אַרבעט נישט מער ווי אויף צוויי טעג אין דער וואָך: דינסטאָג, בעתן יריד, דעמאָלט שערט ער די פּויערים און פרייטאָג—די ייִדן. די איבעריקע טעג פון דער וואָך איז ער פריי און ווען נישט דער טייך, וואָלט ער משוגע געוואָרן פון ליידיק אַרומגיין. אים מיט יאָסעלען זעט מען לייִנגער ביים טייך, ווי אַלעמען; צווישן זיי איז עפּיס געשלאָסן געוואָרן אַ שטומע חברשאַפט, ביידע שוויגן זיי און קוקן זיך גוט איין, צי די ווענדקע „רירט נישט". פּלוצלונג ווענדט זיך דער אַלטער צו יאָסלען.

—יאָסעלע, האָסט אפשר אַ וואָרם?—און יאָסעלע גיט אַ וואָרם. שפּעטער רופט זיך יאָסעלע אָן צום אַלטן:

—אפשר האָט איר אַ ביסל טיטון?—און דער אַלטער גיט טיטון. יאָסעלע רויכערט. יאָסעלע איז גאָר אַ גאַנצער לייט געוואָרן ביים טייך, ער האָט שוין עטלאַכע איבערגעגעבענע חברים; מען פאַרקויפט צוזאַמען די אָנגעכאַפּטע פיש און מען קויפט פאַר דעם געלד פּאַפּיראָסן; דער טאָג ביים וואַסער מאַכט יאָסלען פיל וויכער, ביים כאַפּן די פיש איז ער דאָך גלייך מיט אַלעמען. נאָר ווי די ייִנגלאַך הייבן אָן צו ריידן וועגן גנבענען עפּל ביים פּריץ, אָדער וועגן באָדן זיך און קאָזיאָלקעס אין וואַסער, דעמאָלט ווערט ער ווידער שוויגנדיקער, ער ענטפערט נישט, וואָס מען רעדט צו אים. אין אַזעלכע מינוטן קומט אים שטענדיק פאַר די אויגן ביאַלוס דער קאָלטאָנעוואַטער הונט און ער בייִנקט נאָך אים. איך בייִנאַכט, ווען חברה יונגוואַרג שפּאַצירט

אַרום איבערן מאַרק, דעמאָלט קריכט יאָסעלע צו צו פריידעס געוועלבל, זעצט זיך אַוועק עטליכע טריט ווייטער פון שוועל און שווייגט און הערט אַלץ אויס. און זיין יונג קעפל טראַכט בסדר, נאָר פון וואָס ער זאָל נישט טראַכטן, קומט ער שטענדיק צוריק צו זיין אומגליק: פאַרוואָס האָבן אַלע געזונטע פיס און ער מוז אַרומקריכן אויף אַלע פיר? אָט קומען אַריין צו פריידעלען אין קרעמל איין פּאָרל נאָך דעם צווייטן, מען עס צוקערקעס, מען טרינקט סאָדעוואַסער; קינדער יאָגן זיך איבערן מאַרק פריילאַך, פלינק... אַ בייזע קנאה צינדט זיך אָן אין יאָסעלען, און דעמאָלט זאָל בעסער צו אים קיינער נישט ריידן, ער וועט נישט ענט-פערן קיין וואָרט, בלויז חיהלע, פריידעלעס טאָכטער, מאַכט אים אַ ביסל מונטער. זי זעצט זיך אַוועק נעבן אים און פרעגט אים אויס, צי ער האָט היינט אַ סך פיש געכאַפּט, חיהלע איז זיין שטענדיקע חברטאָרין, זי קומט כּסדר צו דער ווייכסל און גראָבט אָן ווערם פאַר יאָסעלען. זי זאָגט, אַז ווען יאָסעלע שטייט אויף די קני און כאַפּט פיש, זעט מען גאָרנישט, אַז ער איז אַ קאַליקע. זי ברענגט אים אָפט צוקערקעס פון דער מאַ-מעס געוועלבל, כאָטש ער פלעגט ליב האָבן צו קויפן פאַר זיין אייגן געלט, וואָס ער פלעגט פאַרדינען פון די פיש. נאָר ביי חיהלען פלעגט ער עס צונעמען און זיך טיילן מיט די חברים.

איינמאָל איז געשען אַ זאַך, צוליב וועלכער אַלע חברים האָבן נאָכמער דרך-ארץ געקריגן פאַר יאָסעלען: צום פריץ איז געקומען צו פאָרן אַ גאַסט, ווייזט אויס זייער אַ רייכער, ווייל ער האָט פשוט געוואָרפן געלט איבער די גאַסן. קומט ער איינ-מאָל צו צום טייך און באַמערקט יאָסעלען מיט די אויסגעקרימטע פיסלאַך. ער האָט געקוקט אויף אים אַ לייענגערע צייט, צוגע-שאָקלט מיטן קאָפּ און דערנאָך, ביים אַוועקגיין, דערלאַנגט ער יאָסעלען דריי רובל, דריי זילבערנע רובל! עס האָט אַזוי ווי אַ בליץ געטון ביים טייך. יאָסעלע איז אַזוי צוטומלט, אַז ער האָט די וווּנדקע נישט געקאָנט איינהאַלטן אין האַנט, בלויז דער אַל-טער בערל איז געבליבן שטיין אַ רוהיקער. ער האָט אָנגעקוקט גלייכגילטיק יאָסעלען מיט די איבעראַשטע ייִנגלאַך און געשוויגן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דער פּריץ ווידער געקומען צום טייך מיט נאָך צוויי פרויען און זיי אָנגעוויזן אויף יאָסעלען, אויף זיינע פיס. דאָס ייִנגל האָט אויף זיי געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן פון אונטן אַרויף. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען: די פיסלאַך האָט ער באַהאַלטן אונטער זיך, ווי אַ גנב באַהאַלט אַ גנבה... און דער פּריץ מיט די פרויען שטייען נעבן אים און פרעגן אים עפּיס... פּלוצלונג רוקט יאָסעלע אַריין די האַנט אין קעשענע, נעמט אַרויס די דריי רובל און... די דריי זילבערנע מטבעות פאַלן אַראָפּ, ווי דריי דערשאָסענע פייגל אין טייך אַריין. די ייִנגלאַך האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן אויף יאָסעלען און ער האָט אָנגעהויבן האַסטיק שפּרינגען אויף די קני, אויף די הענט, אַלץ ווייטער, ווייטער, ביז ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער די סעדער...

אַט אַזאַ איז געווען יאָסעלע...

ג.

ווי אומגליקלעך יאָסעלע האָט זיך נישט געפילט אין די קינדערשע יאָרן, האָט ער דאָך שפּעטער, ווען ער איז עלטער געוואָרן, געהאַט פיל ליכטיקע מאָמענטן צו דערמאָנען פון זיין קינדהייט: דעם טאַטנס סאָד, דער ווייכסל מיט די חברים... אָך, יענע צייט איז שוין לאַנג אַוועק; די חברים זיינען אַלע אויסגעוואַקסן; פיל פון זיי זיינען געפאָרן אין שטאָט אַריין און פון דאָרט זיינען זיי געקומען אויסגעפּוצטע, אויסגעפיינטע. בערל דער שערער איז שוין געשטאָרבן און יאָסעלע אַליין פלעגט שוין נישט קומען אַזוי אָפט צום טייך: דער שניידער, ביי וועלכן יאָסעלע איז געבליבן אויף שטענדיק, האָט אים אויסגעלערנט אַ ביסל אַרבייטן און אַזוי זיצנדיק אויף דר'ערד פלעגט יאָסעלע נייען און טראַכטן; פילמאָל פלעגט זיך די נאָדל אָפּשטעלן אין זיין האַנט, די אויגן פלעגן קוקן ערגעץ אין איין פּינטל; ער פלעגט דאַן זען עפּיס אַ לאַנד פון בלויזע פעלדער און וועלדער, אַ טייך, ביי וועלכן מענטשן זיצן מיט ווענדקעס... די זילבערנע

פישעלעך, ווי לעבעדיק זיי צאַפּלען זיך! יאָסעלע האָט זיי זייער ליב געהאַט, זיי זיינען אים זייער נאָנט געווען. די פיש, זיי האָבן דאָך קיין פיס נישט... נאָך קינדווייז פלעגט ער פיל טראַכטן, אַז אויב ביים רבונו-של-עולם איז שוין נישט געווען קיין פאָר געזונטע פיס פאַר אים, וואָלט ער אים שוין בעסער באַדאַרפט מאַכן פאַר אַ פיש. זיינע חברים זיינען אַלע גרויסע, הויכע און ער קריכט נאָך אַלץ אַרום אויף דר׳ערד און אייביק, אייביק וועט ער אַזוי קריכן ווי אַ שלאַנג, וואָס גאָט האָט פאַרשאָלטן...

קיינער האָט נישט באַמערקט, אַז ער איז שוין אויך אַ גרויסער, אַ גאַנצער חתן-בחור. מען פלעגט אים נאָך אַלץ רופן „יאָסעלע", ווייל פון דער ערד האָט ער זיך נישט אויפגעהויבן; זיין טונקל פנים מיט די בייזע לויפנדיקע אויגן האָט זיך איינגעפאַסט אין אַ רעמל פון אַ שוואַרץ בערדל, וואָס האָט שנעל ביי אים אויסגעוואַקסן. צו זיין שטענדיקן שווייגן און בייזקייט איז נאָך איצט צוגעקומען אַ מאָדנע צושראָקנקייט; אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז יעדער פרעמדער קוקט אויף אים און באַדויערט אים. איצט האָט ער דאָך קיינעם נישט, מיט וועמען אַ וואָרט צו ריידן; ווען עמיצער קומט צופאָרן פון זיינע געוועזענע חברים, בויגט זיך יענער אַראָפּ צו אים און דריקט אים די האַנט און פרעגט אים, וואָס ער מאַכט. יאָסעלע כאַפּט אָן מיט פרייד דעם חברס האַנט, עס געפעלט אים עפּיס וואָס ער האָט אַ געזונטע האַנד, אַזוי ווי ביי יענעם, ביים צווייטן... נאָר די חברים זיינען איצט אַזוי אומגעדולדיק, זיי גייען באַלד אַוועק פון אים, זיי שפּאַצירן מיט מיידלאַך...

יאָסעלע קומט נאָך היינט אויך צו פריידעלען אין קרעמל. פריידעלע איז אַזאַ גוטע. זי טראָגט דימענטענע אירינגלאַך און איר שמייכל איז אַזאַ זיסער, אַזאַ שטראַלנדער... חיהלע איז שלאַנק אויסגעוואַקסן און איז זייער ענלעך צו דער מאַמען. ווען חיהלע איז דאָ אין געוועלבל, איז יאָסעלע רוהיקער, ליגט זיך אין זייןווינקל אָדער אויפן שוועל פון געוועלבל און שווייגט. טרעפט, אַז חיהלע גייט ערגעץ אַרויס, בעט זי יאָסעלען, ער

זאָל אַכטונג געבן אַ רגע. קומט ווער אַריין עפּיס קויפן, זאָגט יאָסעלע, אַז חיהלע וועט באַלד אַריינגיין, און ער איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס חיהלע געטרויט אים, וואָס חיהלע רעדט צו אים... נאָר עס טרעפט פאַרנאַכט, צום געוועלבל קומען צו חיהלעס חברטעס מיט זייערע קאַוואַלערן, מען רעדט אַ קורצע צייט און דערנאָך גייט די גאַנצע חברה אַוועק שפּאַצירן אונטערן שטעטל, ווערט יאָסעלען פינסטער אויף דער נשמה, ער ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, עס דריקט ביים האַרצן, עס ווערגט זיך עפּיס אין האַלז ביי אים. און אין קרעמל קאָן ער נישט אַיינזיצן; פריידעלעס דימענטענע אויריינגלאַך פאַרלירן זייער גלאַנץ, פריידעלעס שמייכל דערוואַרימט אים שוין מער נישט, דעם קאַליקען יתום... ער קריכט אַרום איבערן מאַרק, דערנאָך ווערט ער ערגעץ פאַרשוואונדן אין די ווייטערע געסלאַך. ער קריכט אַרום און טראַכט פון חיהלען, פון די מיידלאַך מיט די בחורים, ער האָט געהערט ווי מען רעדט, אַז זיי „פירן ליבעס". ער ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר ער טראַכט אַז „ליבעס פירן" קענען געוויס בלויז די, וועלכע האָבן געזונטע פיס. ער האָט שוין פילמאָל געזען, ווי אַ בחור מיט אַ מיידל קושן זיך... פאַר אים האָט מען זיך שטאַרק נישט באַהאַלטן: יאָסעלע שוויגט! ער האָט אפילו אַמאָל געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ער זאָל אַ קוש טון חיהלען... זי איז דאָך אַזאַ גוטע... ער האָט דאָך קיינעם נישט, קיינעם נישט... נאָר באַלד האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז דאָך אוממעגלאַך: ער ליגט אויף דר'ערד און חיהלע איז דאָך אַזאַ הויכע, אַ שלאַנקע... עס איז דאָך אוממעגלאַך! ער איז דאַן אַוועקגעקראָכן צום טייך, צו אַ בוים, אַרומגענומען דעם בוים און זיך געסטאַרעט אַוועקצושטעלן אויף די אויסגעדרייטע פיס: פאַרוואָס קענען אַלע גיין און ער נישט? ער האָט זיך געצויגן מיט די הענט, העכער... העכער... אָט שטייט ער שוין, דאַכט זיך... נאָר ער לאָזט אָפּ די הענט, פאַלט אום און צוקלאַפּט זיך, און בייסט די ליפּן פון כעס און פון ווייטיק... איינמאָל זאָגט צו אים פריידעלע די קרעמערקע מיט אַ צופרידענעם קול:—דו ווייסט, יאָסעל, אינגיכן וועט זיין חיהלעס חתונה.

חיהלע איז שוין אַ כלה!–יאָסעלע האָט שוין פריער געהערט וועגן חיהלעס תנאים, וועגן איר חתן, נאָר ער פלעגט זיין זייער פאַרנומען ביים שניידער. איצט האָט ער זיך דערפרייט צום אָנהויב, ווען ער האָט דערהערט, אַז חיהלע וועט אינגיכן חתונה האָבן. ער האָט זיך געפרייט מיט איר גליק, נאָר דערנאָך, ווען חיהלע איז אַריינגעקומען אין געוועלבל אַזאַ מונטערע און זי האָט אָנגעהויבן ריידן מיט דער מאַמען וועגן קליידער און וועש און ביי יעדן וואָרט האָבן ביי איר די אויגן געשטראַלט, ביי איר און ביי דער מאַמען, דאַן האָט יאָסעלע פלוצלונג דערפילט זיין ביטערע איינזאַמקייט און ער האָט זיך אַרויסגעקראַשקעט פון געוועלבל...

עס איז שוין געווען אָנפאַנג הערבסט, די טעג זיינען נאָך אָבער געווען ליכטיקע און וואַרימע; ביינאַכט שיינט די לבנה, נאָר עס איז קאַלט. אין שטעטל האָט שוין אַ גאַנצע וואָך געטומלט: חיהלע האָט חתונה. פריידעלע האָט שוין איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זי אַ קרעמערקע, זי האָט קיין רגע קיין צייט נישט, לויפט אַריין און לויפט אַרויס פון געוועלב. און נאָר זי הערט פון די ווייבער: זאָל זיין מיט גליק! זאָל זיין מיט גליק!

אין דעם טאָג פון דער חתונה, יאָסעלע זיצט און נייט אויף דר׳ערד, ער הערט זיך איין, וואָס מען רעדט אין שטוב וועגן דער חתונה, וועגן חיהלעס חתן, ס׳אַרע פאַרדינער ער איז... ער טראַכט און די נאָדל שטעלט זיך אָפּ... ער דערמאָנט זיך, איינמאָל ביים טייך, בשעת ער איז נאָך געווען אַ יינגל האָט אים חיהלע אָנגעגראָבן ווערם. די זון האָט זיי ביידען אַזוי געוואַרמט. חיהלע האָט ביי אים געבעטן די ווענדקע און ער האָט זיך מיט פרייד אַיינגעקוקט, ווי זי וואַרט אויף אַ פישעלע און זי האָט טאַקי געכאַפּט, געכאַפּט.ביידע האָבן זיי זיך געפרייט און געלאַכט. אַך! ווען ער וואָלט האָבן גאַנצע פיס, וואָלט ער אַוועקגעפאָרן אין שטאָדט, ער וואָלט פאַרדינט געלט, און חיהלע וואָלט איצט געווען זיין כלה... זיין כלה... ער גיט עפּיס אַ ברום, אַ קריץ מיט די ציין; דער שניידער קוקט אים אָן און פאַרשטייט אים נישט און שרייט דאַן:

—אַרבייט, קאַליקע!

פיינאַכט. דאָס גאַנצע שטעטל איז איצט אויף דער שול-גאַס. עס טומלט, מען קריכט אויף די פּאַרקאַנעס, מען צינדט אָן ליכטלאַך, דער חתן שטייט שוין אונטער דער חופּה, דער חזן באַזינגט אים, דערנאָך ברייננגט מען מיט מוזיק די כּלה, מיט אַ צוגעדעקט פּנים; דער חזן זינגט, מען צוברעכט אַ גלעזל און דער עולם שרייט: „מזל-טוב! מזל-טוב!“ באַלד שפּילט ווידער די מוזיק, מען פירט חתן-כּלה אינדערהיים און אַלע, אַלע לויפן-נאָך. מען שטופּט זיך, מען וואַרפט פייערווערק אין דער לופטן... חיהלע איז אַ רייך מיידל, אַ שיינע און אַ גוטע... דער עולם לויבט זי און דעם חתן, און מען אײַלט צו פרייִדעלען אין שטוב... וועט דאָס זיין אַ סעודה!

דאָס שול-געסל איז שוין לאַנג ליידיק, נאָר נאָנט צום פּאַרקאַן קריכט עפּיס אַ באַשעפעניש אויף דר'ערד. דאָס איז יאָסעלע! ער אײַלט נישט, ער איז דאָ געווען די גאַנצע צייט. ער האָט געהערט ווי דער חזן האָט געזונגען, נאָר חיהלען האָט ער נישט געזען: עס איז געווען אַזאַ גרויסער עולם, אַזויפיל מענטשן האָבן אַרומגערינגלט די חופּה און יאָסעלע האָט נישט געקאָנט צוקומען.

ער איז צוגעקראָכן צו פרייִדעלעס שטוב. פון די פענסטער שפּרייט זיך אויס אין דער גאַס אַ ליכטיקקייט: דאָרט איז אַזוי היימלאַך, מען טאַנצט, מען לאַכט, צוערשט האָט יאָסעלע געוואָלט אַריינקריכן אין קיך מיט אַלע אָרימע יינגלאַך. באַלד אָבער האָט ער חרטה געקריגן. קיינער, קיינער איז דאָך נישט אַזוי אומגליקלאַך ווי ער... טרערן האָבן אים גערונען פון די אויגן, ווען ער האָט געקוקט אין די באַלויכטענע פענסטער. ער איז נישט אַוועק פון דעם אָרט, כאָטש עס איז אים אַלץ קעלטער געוואָרן. עס איז דורכגעגאַנגען ראָמאַן דער שטומער פּאַסטוך. יאָסעלע האָט אים צוגערופן מיט אַ וואונק, ער האָט אים אַוועקגעגעבן זיינע אַלע פּאַפּיראָסן און מיט פאַרשידענע סימנים האָט ער אים געוואָלט באַוויזן, ווי אומגליקליך ער איז. נאָר דער שטומער האָט נעגלאָצט מיט די אויגן און אידיאָטיש געלאַכט. ער איז אַוועק.

יאָסעלע האָט צוגעדעקט מיט די הענט דאָס פנים און געוויינט. און ביי פריידע׳ן אין שטוב האָט מוזיק געשפּילט און דער עולם האָט געטאַנצט און צוגעפּאַטשט מיט די הענט.

ד.

אין דער נאַכט, ווען עס איז געווען חיהלעס חתונה, האָט זיך יאָסעלע פאַרקילט און איז קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך געוואַלגערט אויף זיין געלעגער און געקרעכצט. וואָס אַ טאָג ווייטער, איז אים אַלץ ערגער געוואָרן. דער שניידער האָט גערופן דעם פעלדשער, דערנאָך דעם דאָקטאָר, ער האָט געוואָלט וויסן, אַז ער אים איז איבערגעגעבן, דעם קאַליקען יאָסלען, נאָר איגדעראמתן האָט ער זיך אין האַרצן אַ ביסל געפרייט: טאָמער-טאָמער וועט ער שוין איצט פּטור-ווערן „פון דער צרה״, וואָס זיין ברודער האָט אים איבערגעלאָזט. יאָסעלען איז געוואָרן אויף אַ קורצער צייט בעסער, די היץ האָט אָפּגעלאָזט, נאָר באַלד האָט זיך די קרייגק איבערגעטראָגן אין האַלז ביי אים. דער האַלז איז שרעקלאַך געשוואָלן געוואָרן. מען האָט געמוזט מאַכן אַן אָפּעראַציע. יאָסעלע איז אַזוי אָפּגעלעגן דעם גאַנצן ווינטער; אים האָט זיך פילמאָל געדאַכט, אַז ער וועט שטאַרבן, ער האָט שוין געזען די מאַמע און דעם אַלטן שערער בערל. בערל איז אויך אויף יענער וועלט געזעסן ביי אַ טייך און געכאַפּט פיש, נאָר אַ קאַפּאָטע האָט ער געטראָגן אַ נייע און ער האָט מער געשמייכלט, ווי דאָ אויף דער ערד. און ביאַלוס, ביאַלוס דער גרויסער הונט, ווי גוט אים איז דאָרט... ווען יאָסעלע האָט איינמאָל אויפגעעפנט די אויגן און דערזען, אַז ער איז נאָך ביים שניידער אין שטוב, איז אים ביטער געוואָרן אויף דער נשמה. אַך! ווען ער וואָלט געהאַט פליגל, וואָלט ער פון דאַנען באַלד אַוועקגעפלויגן. עס האָט אים געדריקט און געשאָכטן דעם שניידערס בליק.

אָנהויב זומער איז יאָסעלע שוין געזונט געווען, נאָר עס איז אַ שרעק געווען אַ קוק צו טון אויף אים. אַזוי שלעכט האָט ער אויסגעזען. פון דער אָפּעראַציע האָט זיך דער קאָפּ ביי אים

אָנגעבויגן אָן אַ זײַט, דאָס פּנים איז פאַרוואַקסן געוואָרן. בײַ
די שוואַרצע פיבערישע אויגן האָבן צושראָקן, געקוקט אויף גאָט
וועלט. יאָסעלע האָט איצט געזוכט אַן אָרט, וואו זיך צו באַהאַלטן
פון מענטשן, נאָר ער פלעגט נישט קאָנען ווייט אַוועקקריכן, ער
איז נאָך געווען זייער אָפּגעשוואַכט פון דער קרייַנק. צו פריי-
דעלען אין קראָם פלעגט ער שוין מער נישט קומען, צו וואָס?
חיהלע מיט איר מאַן זיינען אַוועקגעפאָרן. ער פלעגט אַמאָל
אַרייַנקומען אין אַ סאָד און קריכן אין דעם ווייטסטן ווינקל און
אַזוי אָפּליגן ביז פאַרנאַכט. ווען ער פלעגט אַרויסקריכן צוריק,
פלעגט מען אים געבן גאַנץ אָפט עטלאַכע באַרנעס. יאָסעלע
פלעגט זיך דאַן סטאַרען נישט אַ קוק טון אין די אויגן. עס
פלעגט אויך פילמאָל טרעפן, בעת ער פלעגט אַרומבלאָנדזען אי-
בערן מאַרק, פלעגט זיך ווער צו אים אַראָפּבויגן און אים אַרייַנ-
רוקן אין האַנט אַ פּאָר קאָפּיקעס. יאָסעל פלעגט זיך דאַן דער-
שרעקן פאַר עפּיס, אַזוי מאָדנע דערשרעקן, נאָר די פּאָר קאָפּי-
קעס פלעגט ער פון אַלעמען באַהאַלטן.

אַרבייטן האָט ער שוין מער נישט געקאָנט. דער קאָפּ איז
בײַ אים געווען אויסגעקרימט, די הענט אָפּגעשוואַכט. דער שניי-
דער פלעגט אַלץ אַרומגיין איבערן שטעטל און פאַר אַלעמען זיך
באַקלאָגן, אַז ער האָט אויף זיך אַן אומזיסטן פרעסער, אַ קאַלי-
קע, וואָס פאַרפינסטערט אים דאָס לעבן; ער האָט אַלץ געקלערט
און געזוכט אַ מיטל, ווי פּטור צו ווערן פון אים און ער האָט
געפונען; איינער עפּיס אַ דורכפאָרנדער שנאָרער האָט געזאָגט
אַמאָל צום שניידער, ווען ער האָט דערזען יאָסעלען, אַז מיט
אַזעלכע פיס קאָן מען אין שטאָדט מאַכן אַ סך געלט. דער שניי-
דער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען מיטן שנאָרער אַ גאַנצע שעה
און גערעדט. אויף מאָרגן האָט דער שניידער געזאָגט צו יאָ-
סעלען, אַז ער שיקט אים אין שטאָט צום דאָקטאָר. און פאַר
אַלעמען האָט דער שניידער דערציילט, אַז יאָסעלען שיקט ער
אין שטאָט צום דאָקטאָר, אפשר וועט מען אים דאָרט אויסגלייכן
דעם קאָפּ, ער זאָל קאָנען אַ ביסל אַרבייטן. יאָסעלע האָט גע-
שוויגן. מען האָט אים אַרייַנגעזעצט אין אַ פור, נעבן אים האָט

זיך געזעצט דער פרעמדער ייד. ער האָט אַלץ געקוקט אויף יאָסעלעס פּיס. דערנאָך איז ער געזעסן אין וואַגאָן, אַזויפיל פרעמדע מענטשן, אַזאַ קלאַפּן פון די רעדער! ער איז אינגאַנצן צומומלט געוואָרן, ווי אַ חיה, וואָס פאַלט אַריין אין נעץ, וואָס מען האָט פאַר איר אָנגעשטעלט. און דאָ האָט דער שנאָרער אים גענומען פירן פון איין וואַגאָן אין צווייטן און גערעדט צו די פּאַסאַזשירן:

—העלפט אַ קאַליקע, אַן אומגליקלאַכן, איך פאָר מיט אים צום דאָקטאָר. און ער ווייזט אָן אויף יאָסעלעס פּיס. פיל פון די מענטשן נעמען זיך צו די געלטבייטלאַך און דערלאַנגען קלע-נערע און גרעסערע מטבעות. יאָסעלע ווייס נישט וואָס צו טון, ער איז צושראָקן, נאָר דער פרעמדער ייד, וואָס פאָרט מיט אים, טורקעט אים אונטער:

—נעם דאָס געלט!—און יאָסעלע שטרעקט אויס אָן זיין ווילן די האַנט און קלייבט די נדבות... און דער באַן לויפט, מענטשן קומען אַריין און גייען אַרויס, דער שנאָרער ווייזט אַלץ אָן אויף דער קאַליקע און באַדויערט אים. יאָסעלע הערט נישט וואָס ער רעדט, דער טומל צומישט אים.

ער איז שוין אין שטאָט. ערגעץ אין אַן איינג געסל, אין אַ ברודיק הייזל. דער ייד האָט אַ ווייב אַ קראַנקע, אַ בייזע. יעדן אינדערפרי פירט דער ייד אַרויס יאָסעלען אויף אַ ראָג פון אַ באַלעבטער גאַס און ער לערנט אים, ווי אַזוי ער זאָל שרייען און בעטן. יאָסעלע פאָלגט נישט, ער איז שטום, ער קוקט אַרום די גאַס. אַלץ איז דאָ פאַר אים אַזוי פרעמד: אַזעלכע הויכע שרע-קעדיקע הייזער, האָט אַלץ אַזאַ געפּיל, אַז עפּיס זאָל נישט אום-פאַלן אויף אים און אים צודריקן. און מענטשן, אַזויפיל מענטשן זייגען דאָ אויף דער וועלט און אַלע מיט געזונטע פּיס... אויף אַ צווייטן ראָג באַמערקט יאָסעלע נאָך אַ קאַליקע, יענער שרייט הויך אויפן קול. יאָסעלע האָט איינמאָל געפּרובט צוגיין צו אים, ער האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין אַ חבר: יענער האָט אויך אויסגעדרייטע פּיס, נאָר ווי ער איז צוגעקומען נענטער, האָט יענער אָנגעהויבן שרייען אויף אים און אים שילטן, פאַרוואָס ער

קומט אויף „זיין גאַס‟, ער שטערט אים קלייבן נדבות. יאָסעלע האָט זיך באַלד אָפּגערוקט און ער האָט ווייטער געקוקט אויף די הייזער, אויף די מענטשן. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי פלינק די מענטשן לויפן דאָס אַריבער די גאַס, ווען אַזויפיל וועגן מיט פערד און אָן פערד פליען הין און צוריק. נישט אַלעמאָל פלעגט ער קאָנען אַזוי טראַכטן. אַמאָל קומט זיין „בעל-הבית‟ צו אים אין גאַס אַרויס און שרייט אויף אים, וואָס ער חלומט. ער פלעגט דאַן אָנווייזן אויף דעם צווייטן קאַליקע, ווי יענער לאָזט נישט דורכגיין קיין מענטשן. אַמאָל פלעגט אים אַ סטראַזשניק אַרומטרייבן פון איין אָרט אויפן צווייטן. ער פלעגט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אָפּשטעלן מיט זיינע פיס און מיטן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, וועלכער פלעגט זיך שאָקלען אַהין און אַהער, בשעת ער פלעגט אַרומקריכן אויפן גאַס. נאָר קיין סך נדבות פלעגט ער נישט מאַכן. ער פלעגט נישט שרייען, נישט געוואַלדעווען אויפן גאַס. ביינאַכט פלעגט ער זיך שלעפּן אַהיים. וואָס ווייטער אַלץ נידריקער, אַלץ קלענער די פענסטער פון די הייזער און פינסטערער אויפן גאַס. ער פלעגט אַוועקגעבן די עטלאַכע קאָפּיקעס, אָפּעסן און אַוועקלייגן זיך אין אַ ווינקל, ווי אַ הונט, וועלכער איז צופרידן, ווען מען לאָזט אים צורוה...

אַזוי האָט זיך געצויגן, כל-זמן עס איז וואַרים געווען. יאָסעלע האָט געפּאָלגט, וואָס מען האָט אים געהייסן. עס האָט אויסגעדאַכט, אַז ער האָט אויפגעהערט צו פילן, צו טראַכטן. נאָר עס זיינען אָנגעקומען די נאַסע הערבסטטעג, קורצע פינסטערע טעג, יאָסעלע האָט אָנגעהויבן פרירן. די הענט פלעגן אים געשוואָלן ווערן פון נעץ און קעלט. די מענטשן האָבן געאַיילט, ער פלעגט זיך צוטוליען צום וואַנט און ציטערן און יאָמערן:

—שיינקט עפּיס, שיינקט עפּיס!—ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט, אָבער דאָס האָט עפּיס געשריען אַן אַנדער יאָסעלע. אויטאָמאַטיש פלעגט ער שוין אָפּשרייען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

עס האָט געטראָפן איינמאָל אין אַ קאַלטן הערבסטאָוונט; יאָסעלע האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט, ווי ער וואָלט אויפגע-

שטאַנגען פון אַ לאַנגער קרייַנק. זיין געבורטסשטעטל איז אים פאַר די אויגן געקומען; דער טייך, די חברים, חיהלע... דאָס אַמאָליקע לעבן ביי דער ווייכסל האָט אים איצט אויסגעזען ווי אַ גן-עדן און דאָ דאַרף ער גאַנצע טעג בעטלען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל די גאַס דערזען, ווי ער וואָלט זוכן הילף ביי עמיצן, נאָר די מענטשן זיינען גלייכגילטיק געלאָפן... די בלאָטע אויף די טראָטואַרן האָט געגלאַנצט. אַך! ווי אים האָט זיך פאַרוואָלט צו זיין איצט אין שטעטל, ער וועט וויינען פאַרן שניידער, ער וועט אים בעטן, ער זאָל אים שוין מער נישט אַוועקשיקן. נאָר ווי אַזוי, ווי אַזוי קומט מען אַהין? דער ייד, ביי וועמען ער שלאָפט און עסט, וועט אים נישט אָפּלאָזן. ביסלאַכוויַיז איז זיך יאָסעלע מיאש פון זיין פּלאַן, נאָר די האַנט שרעקט ער מער נישט אויס, קיין נדבות בעט ער נישט, עפּיס ווערט אים ליכטיקער אויף דער נשמה, ער דערמאָנט זיך אָן „יענער וועלט“. די מאַמע מיט ביאַלוסן וואַרטן אויף אים... יאָ, יאָ, זיי וואַרטן... אַי, וועט ער זיך דאָרט אויסרוען, פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער קריכט אַרום אויף דער ערד; ער וועט דערציילן דער מאַמען, אַז חיהלע האָט שוין חתונה געהאַט... ער ווערט צוטומלט פון די געדאַנקען, ער קאָן נישט אַיינזיצן אויף איין אָרט און נעמט קריכן. ער שלעפּט דעם קערפּער און די פיס שלעפּן זיך נאָך. די קליידער זיינען אים דורכגענעצט און פאַרשמוצט פון בלאָטע. אָט האָט ער שוין פאַרלאָזט דעם טראָטואַר און ער איז שוין אויפן מיטן גאַס. ער קריכט... ער איילט צו דער מאַמען, צו ביאַלוסן... דאָ קאָן ער שוין מער נישט זיין.

ווי אַ וואַנזיניקער, ווי אַ שכּורער שטעלט ער זיך נישט אָפּ. פורמאַנעס שרייען צו אים, נאָר זיי זעען, אַז ער הערט נישט, מיידן זיי אים אויס. עס ווערט אים עפּיס ליכטיקער אין די אויגן, עס נעמט רוישן אין די אויערן—דאָס לויפט אַן עלעקטרישער טראַמוויי, נאָר יאָסעלען דאַכט זיך, אַז ער טראָגט זיך אינדערהויך, צום הימל... אינדערהויך! ער וויל שוין אַ געשריי טון, „מאַמע!“—נאָר פּלוצלונג!

ז. סעגאלאָוויטש.

. . . .

אויפן גאַס ווערט אַ טומל, אַ געשריי, אַ געלויף, איינער פרעגט ביים צווייטן:

—וואָס איז געשען, וואָס האָט געטראָפן?

און מען ענטפערט:

—איבערגעפאָרן! אַ קאַליקע איבערגעפאָרן אויף טויט...

עס לעבט נישט...

„עס לעבט נישט", איר פאַרשטייט! „עס לעבט נישט!" מיט די ווערטער ווענדט זיך צו מיר מיין פורמאַן, ווען די פערד הויבן זיך פּאַוואָליע באַרג-אַרויף. איך קוק אים אָן, זעט ער, אַז איך בין נישט פאַרטרויט אין זיינע געדאַנקען, פרעגט ער מיך: „איר ווייסט נאָך נישט אונזער נייע צרה?" „וועלכע צרה?" פרעג איך אים. „אַ צרה ווי אַלע צרות, גאָט האָט אַראָפּגעשיקט אויף אונז סאַמאָכאָדן, איר פאַרשטייט, סאַמאָכאָדן! מען דאַרף שוין נישט קיין פערד, קיין פורמאַן. מען קלויבט צונויף אַ דרייסיק פאַרשוין און מען זעצט זיך אַלע אַריין טאַקי אין סאַמאָכאָד, מען גיט אַ דריי אַ רעדל, הויבט עס אָן זיך בלאָזן, קרעכצן, רוישן, ביז עס גיט זיך אַ ריס-אָפּ פון פלאַץ און היידאַ! שוין עטליכע יאָר ווי מען האָט גערעדט פון זיי: „סאַמאָכאָדן"! סאַמאָכאָדן הייבט, סאַמאָכאָדן מאָרגן... באשר וואָס מען רעדט, מען האָט גערעדט, אַז עס קומט אָן אַ גרויסע מגפה, געגלויבט דער אויבערשטער — נישט געקומען. נאָר די סאַמאָכאָדן זיינען טאַקי געקומען... איך פאָר זיך אַזוי מיט מיינע קאַשטאַנעס אויפן שאָסיי, איך אַייל צו דער באַן, שוין באַלד פרילינג, פּאַסאַזשירן קומען איצט מער, מען דינגט שוין זומער-וואוינונגען — פאָר איך מיר אַזוי און

טראַכט פון נייעם סעזאָן, זאָל כאָטש קיין רעגנדיקער זומער נישט זיין, וועט מען פאַרדינען. אַ, באַדאַרף איך עס היינטיקן זומער געלד, איר פאַרשטייט, איך מאַך חתונה אַ טאָכטער... טראַכט איך אַזוי פון דעם אַלעם, מיט איינמאָל: „זשו, זשו, שש" עס גיט אַ שווינדל פאַר די אויגן אַ מאַשין... די פערד שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס און אַראָפּ פון שאָסיי. צובראָכן, צושאָטן מיין גאַנצע קאָטש, געלויבט דער אויבערשטער, די ביינער זיינען גאַנץ. קריך איך אַרויס פון אונטער די צובראָכענע רעדער און רייד צו די צושראָקענע פערד: שפרינגט, שפרינגט! עס קומט אויף אונז אַלעמען אַ גרויסע צרה, אויף קיין ביסל היי וועט נישט זיין, ווער רעדט שוין פון האָבער. עס קומט, עס קומט אַ צרה. אָ, מיין טאָכטערס חתונה! דערמאָן איך זיך, נאָר מען טאָר קיין סך נישט טראַכטן. קוים זיך דערשלעפּט אַהיים. אין שטעטל אַ געוויין: אַזויפיל פורמאַנעס בלייבן אָן ברויט. און דער סאַמאָכאָד שטייט זיך אין מיטן מאַרק אַרומגערינגלט פון אַלע סאָרטן ליידיקגייערס, מען שטייט און מען גלאָצט אויף דער ווילדער חיה... אין עטליכע טעג איז געקומען דער צווייטער סאַמאָכאָד. אָט אַזוי וועלן זיי לויפן הין און צוריק, הין און צוריק, פון פּילאַווו קיין יאַנאָווצע. וואָס גייט מיך שוין איצט אָן, צי עס וועט זיין אַ רעגנדיקער זומער אָדער אַ טרוקענער... קיין פרנסה וועט שוין נישט זיין, איר פאַרשטייט! נאָר דער עיקר איך וויל אייך זאָגן, אַז מיר געפעלט נישט די גאַנצע מעשה, אָט די מאַשין די ווילדע, וואָס מענטשן צאַצקען זיך אַזוי מיט איר! עס לויפט טאַקע, ווי אַ טייוול, עס איז פלינק, נו, איז וואָס? עס לעבט דאָך אָבער נישט, איר פאַרשטייט. זיי זאָגן, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע פורמאַנעס וועלן האָבן אַזעלכע מאַשינעס, קיין פערד וועלן שוין נישט זיין, מיר געפעלט עס נישט... איך רייד נישט פון קאָנקורענץ וועגן, מיט אַזעלכע שדים קאָן מען דאָך נישט קאָנקורירן... נאָר די מאַשין אַליין געפעלט מיר נישט, ס'איז נישט קיין פערד, איר פאַרשטייט! אַ פערד איז אַ בהמה און אַ בהמה לעבט, עס מעג פייפן פון היינט ביז מאָרגן—עס לעבט נישט! ווען איך פאָר אין וועג,

האַלט איך די לייצעס, אָבער דאָס פערדל אַליין ווייס שוין גאַנץ
גוט, אַז עס בעדאַרף גיין, עס ווייס, אַז עס קריגט ביי מיר צו
עסן, דעריבער פאָלג און פאָר!... טרעפט אַמאָל, די לייצעס פאַלן
אַרויס פון די הענט, ביינאַכט, מען איז מיד פון טאָג, שלאָפט
מען איין אויף די „קאָזלעס", איז וואָס? דאָס פערדל ווייס שוין
גוט דעם וועג, ציט עס, ציט עס, ביז מען קומט קיין יאַנאָווצע.
נו, אויף דעם טייוול, אויף דעם סאַמאָכאָד זייערן קאָן מען זיך
אויך אַזוי פאַרלאָזן? עס וועט דיך פאַרטראָגן צו אַלדע שוואַרציאָר,
עס וועט אַראָפּשפּרינגען פון שאָסיי, אַריין אין אַ גרוב... עס איז
דאָך בלינד, אינגאַנצן בלינד און דער עיקר—עס לעבט נישט!
אויף אַ מענטשן זאָגט מען אָפט: „פערדישער קאָפּ!" מיינט איר
טאַקע, אַז אַ פערד איז אַזאַ נאַר, עס הויבט זיך נישט אָן...
מען שפּאַנט אים איין, גייט עס אין די האָלאָבליעס. אַ מענטש
איז דאָך אויך אַזוי איינגעשפּאַנט זיין גאַנץ לעבן... אינדערפרי,
ווען איך קום אַריין אין שטאַל, הויבן זיי אויף, מיינע פּאָר
קאַשטאַנעס, די קעפּ און איך שפּיר, זיי דערפרייען זיך מיט מיר.
עס ווערט עפּיס וואַרים אויף דער נשמה... איר פאַרשטייט! און
אַז איך וועל אַוועקשטעלן אַ סאַמאָכאָד אין שטאַל ביי מיר, וועט
עס ווען דען אַרויסווייזן אַ סימן פון פריינדשאַפט, קיינמאָל נישט!
עס איז דאָך טויט, אינגאַנצן טויט. אַ מאַשין און מער גאָרנישט!
קום איך פאַרנאַכט אַהיים, די פערד רוהען זיך אויס, וואָלט איר
זען, ווי מיינע צוויי יינגסטע בנים לאָזן זיך עס אַוועק רייטן
איבערן שטעטל. מיינע בנים, איר וועט נאָר אַ פרעג טון אין
שטעטל אויף די „זלמניאַקעס", וועט מען זיי אייך באַלד אָנווייזן.
מיט אַ פּאָר טעג צוריק קומען זיי צו צו מיר, רופן מיך אָפּ
אין אַ זייט... וואָס איז? הערט זיך איין, וואָס לאָבוזעס קאָנען:
„טאַטע, מיר ווען צוברעכן דעם סאַמאָכאָד". וואָס הייסט? גאָר-
נישט, זיי ווילן צוברעכן. זיי האָבן עפּיס געהאַט אַ גאַנצן פּלאַן,
אונטערלייגן שטיינער האָבן זיי געוואָלט. האָב איך זיי אָנגעריסן
פאַר די אויערן: יונגאַטשעס, אין תפיסה ווילט איר מיך נאָך
ברענגען! זיי ווילן צוברעכן די סאַמאָכאָדן... נאַרישע קינדער,
עס פעלט אַזעלכע שדים אויף דער וועלט, מען וועט ברענגען

ניט... נאָר איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, איך האַלט נישט פון גאַנצן סאַמאָבאָד... ווי איז, אַז עס טרעפט ווינטער אין אַ שניי, אין אַ זאַווערוכע. מיט אַ פערד איז דאָך נישט אַזאַ צרה, אַ פערד העלפט אַליין אַרויסקריכן, עס שמעקט די לופט, עס וויל דערשפירן דעם וועג, עס בריקעט מיט די פיס, טאַפט אָן, צי עס איז דאָ אַ באָדן אונטער די פיס. אַ פערד וויל דאָך אַליין אויך קומען אַהיים, עס וויל זיך אויסרוהען ווי אַ מענטש און עפּיס טאַקי אָפּעסן אויך... אָבער די מאַשין איז דאָך אַ טויטע זאַך. דער וועג איז פאַרשאָטן. שטיי! רירן זיך נישט פון אָרט, שטאַרב אינמיטן פעלד... איר וועט דאָך לאַכן, האַ! נאָר איך זאָג אײַך דעם אמת, פאַר אַ פערד רעדט מען זיך אַמאָל אָפּ דאָס האַרץ. אָט אַזוי, גייסט אַריין אין שטאַל, אויפן האַרצן איז אַזוי טרויעריג, מיטן ווייב האָסטו זיך צושלאָגן, קיין גוטער ברודער, ווי אין אַמאָליקע יונגע יאָרן, איז איצט נישטאָ... גייסטו אַריין אין שטאַל, זיך גלאָט אַזוי, אונטערשפּרייטן אַ ביסל שטרוי דיין סוס, זעסטו אָבער פאַר זיך אַ לעבעדיק נפש, לייגסטו אַרויף די האַנט אויף זיין גזשיווע און רעדסט צום פערד, אַלע דיינע זאָרגן דערציילסטו... איר וועט דאָך לאַכן, האַ! נאָר איך זאָג אײַך דעם ריינעם אמת. עס דאַכט אויס, אַז דאָס פערד פאַרשטייט דיך, עס שטייט אַזוי פאַרקלערט און הערט אַלץ, אַקוראַט ווי אַ גוטער פריינט, וואָס פילט דיך מיט און קאָן דיר, נעבעך, מיט גאָרנישט העלפן... אַ פערד איז אַ בהמה און עס לעבט... איר פאַרשטייט! אָבער די פאַרשאָלטענע מאַשין, אונזער בייער מלאך-המות, וועל איך זיך ווען. פאַר אים אַמאָל אויסריידן? ס'איז דאָך אַ טויטע זאַך, עס לעבט דאָך נישט! און אַז דו ווערסט אַמאָל אין כּעס אויפן וועג, דאָס פערדל גייט פויל, לאָזט מען טאַקי דערמאָלט אויס דעם כּעס צום פערד; אויף דעם ווייב איז מען אין כּעס, אויף די קינדער, איז דאָך שוין בעסער אויסלאָזן דעם כּעס צום פערד: אַ בהמה איז דאָך נישט קיין מענטש, עס קאָן מער אַריבערטראָגן, קריגט עס טאַקי דערמאָלט פון מיר אַ ביסל שמיץ... און וואָס זאָל איך טון מיט דער מאַשין, שמייס עס פון היינט ביז מאָרגן... איינץ, שטאָל, עס שפּירט נישט, און אַז ע-

דער שפירט נישט, ווען מען שמייסט אים, וואָס פאַר אַ שמייסן איז דאָס דעמאָלט? דאָס איז חוזק געמאַכט פון זיך אַליין... איר פאַרשטייט! און שבת, שבת, איר פאַרשטייט! אַ זומערדיקער שבת, נאָכן שלאָפן גייט מען זיך אַרויס אונטערן שטעטל, איר ווייסט, צו וועמען מען גייט? טאַקע צום פערדל. עס שטייט זיך אויף דער לאָנקע, ווי ביים טאַטען אין ווייגאָרטן און עס פרעסט דאָס פרישע גראָז, זעץ איך זיך צו פון ווייטן און קלויב נחת. קומט צו אַ צווייטער בעל-עגלה, זיצט מען און מען רעדט. איר ווייסט דאָך פון וואָס אַ פורמאַן רעדט? פון פערד! עס זיינען פאַראַן אַלערליי פערד אויף דער וועלט, ביליגע און טייערע און גאָר טייערע! און אַ פערד מוז האָבן פיר פיס, הינקט אים אונטער איין פוס, טויגן שוין אויך די איבריקע דריי אויף כפרות. אודאי ווייסט איר דאָס, נאָר מיין הנאה וועט איר אפשר נישט פאַרשטיין: איך האָב ליב צו ליגן פון ווייטן אויפן גראָז און צוזען, ווי מיין פערדל פאַשעט זיך. און וואָס פאַר אַ נחת וועל איך האָבן פון אַ מאַשין? אַריינגעשטעלט אין שטאַל און פאַרטיק — אַ טויטע זאַך... אָט, מכּח פרנסה ווייס איך נישט, וואָס איצט צו טון. בערקע לץ, אויך אַ בעל-עגלה, זאָגט, אַז מיר וועלן פליען אויף לופטבאַלאָנען, און טאַקע מיט די לופטבאַלאָנען אַריבערפעקלען די פּאַסאַזשירן פון פולאַוו קיין יאַנאָווצע... אַפּנים, אים איז גרינג צו לאַכן, בערקען — קיין קינדער האָט ער נאָך נישט... איר זעט, איר זעט, וואָס פערד זיינען, זיי האָבן שוין דערשפירט, אַז צום שטעטל איז נאָענט און זיי האָבן אָנגעהויבן האַסטיקער צו לויפן. אַ פערד ווייס דעם וועג, עס וויל אַליין קומען פריער. און זייערע מאַשינעס, כּל-זמן דו דרייסט נישט אָן דאָס רעדל, שטייט זי, ווי אַ גולם אויפן פלאַץ. און דער עיקר, וואָס איך זאָג, אַז אַ פערד איז אַ בהמה און אַ בהמה לעבט, און די מאַשין איז פון שטאָל און אייזן, איר פאַרשטייט! די מאַשין איז טויט, עס לעבט נישט... עט! שוין באַלד אין יאַנאָווצע... ניאָ!!

די זלמניאַקעס.

אויפן מאַרק שטייען עטלאַכע ליידיקע ברישטקעס. אויף איינער פון זיי האָבן זיך אויסגעזעצט זלמן דעם בעל-עגלהס בנים. זיי זיצן, איינער אויפן קאָזלע, צוויי אין קאַרעטקע, דער פירטער שטייט נעבן און שיילט וויינטער. חברה וואַרימען זיך אויף דער זון און מען מאַכט חוזק פון אַלע דורכגייער.

נישט אַלע מאַכן זיך ווינסדיק, נישט פאַר אַלעמען פאַסט עס אָפּצוזענטפערן אַזעלכע תברהלייט. אָפּטמאָל ענטפערט עמיץ יאָ אָפּ, דאַן הויבט זיך אָן אַ גאַנצער יריד אויפן מאַרק: זלמנס בנים פאַרשווייגן נישט.

זלמן האָט זעקס זין. צוויי פון זיי האָבן שוין ווייב און קינד, נאָר מען קאָן נישט זאָגן, אַז זיי זיינען געוואָרן בעסער. אמת, זיי זיינען שוין נישט אַזוי היציק, ווי די יונגערע, נאָר דאָס שטעטל האָט אויך פון זיי גענוג צרות.

זלמנס בנים זיינען אַלע „געדינטע", אויסער דעם יינגסטן, וועלכער דאַרף שוין אינגיכן גיין. האָט אָבער דער שנעק זיך איינגעשפּאַרט: „אַמעריקע". עפּיס האָט ער דאָרט אַ „ליובע", וועלכע שרייבט אים בריף, ער זאָל קומען. איז די לעצטע צייט בי-

זלמנען אין שטוב אַ טומל, דער אַלטער וויל, דער שנעק זאָל גיין דינען:

—איך וויל ניט,—זאָגט ער,—מען זאָל האָבן צו מיר פּרע-טענ עס. פינף האָבן געדינט, קאָן דער זעקסטער אויך גיין.

די פינף אויסגעדינטע זין זייַנען אַלע אַזעלכע הויכע, געזונטע.

—„מיין גוואַרדיע״—אַזוי רופט זיי זלמן דער בעל-עגלה, און נישט איינמאָל האָט אים שוין די גוואַרדיע אַרויסגעראַטע-וועט. עס טרעפט, מען פאַרנעמט אַ פערד ביי אים אויף אַ פרעמדן גראָז. לאָזן זיך די בנים אַוועק צום כלאָפּ און ברייג-גען עס אָפּ. דער כלאָפּ שווערט זיך, אַז ער האָט גאָרנישט געוואוסט, וועמעס פערד דאָס איז... די זלמניאַקעס פירן אַלץ אויס.

טרעפט זיך אַ געשלעג אויפן מאַרק, בעדאַרף מען נור אַ געשריי טון:

—די זלמניאַקעס גייען! עס ווערט באַלד אַן אַנדער וועלט. די זלמניאַקעס רייסן באַלד פאַנאַנדער די, וואָס שלאָגן זיך און זיי הויבן אָן זוכן גערעכטיקייט: איינער באַקומט אַ זעץ פון זיי אין די ציין אַריין, אַן אַנדערער כאַפּט אַ שטויס מיטן פוס... פאַנאַנדערגעוואָרפן, פאַנאַנדערגעטריבן—אויס געשלעג, אויס, אויס...

איצט איז נאָך האַלבן טאָג. אין אַ צוויי שעה אַרום דאַרף מען שוין פאָרן צום ראַדאָמער צוג, וואַרט מען.

מען דאַנקט גאָט, אַז עס גייט ווער פאַרביי, פון וועמען מען זאָל קאָנען אַ שפּאַס מאַכן און אַ יאָלד אויז יענער, ווער עס באַליידיקט זיך: די זלמניאַקעס האָבן ליב צו שפּאַסן.

—איך האָב געלאַכט,—לאַך איך, מיך אַרט עס, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי...

פרעגט עפּיס אַ יונגערמאַן ביי זיי, אַ שטאָטישער יונגער-מאַן, ווען גייט דער צוג, וויפיל איז איצט דער זייגער, כאַפּט זיך דער ייִנגסטער זלמניאַק:

—דעם זייגער ווילט איר וויסן? איר זעט דאָך...—דערביי ווייזט ער אים מיטן האַנט אויף דער וואַנט קעגנאיבער.

דער יונגערמאַן גלאָצט מיט די אויגן און זוכט אַ זייגער אויף דער וואַנט.

—איך זע נישט,—באַקלאָגט ער זיך.

—איר זעט נישט, זע איך אויך נישט.—און מען לאַכט, מען האָט געפּאַקט אַ פרייער.

דאָך אמת פריילאַך און אויפגעלעבט ווערט די מאַרק-גאַס, ווען שרה-לאה די משוגענע באַווייזט זיך אויפן פּלאַץ.

שרה-לאה מיט די זלמניאַקעס! דאָ איז שוין אַ גאַנצע פאַר-שטעלונג. שרה-לאה קומט צו די לאָבוזעס מיט פּרעטענזיעס:

—איר זענט דאָך געזונטע יונגען, ווען איר וואָלט נאָר אַ זאָג-געטון, וואָלט מען שרה-לאהן אַזוי נישט באַהאַנדלען.

יענע הויבן אָן צוזאָגן שרה-לאהן גאָלדענע בערג, זיי וועלן זיך אָננעמען פאַר איר יעדעס מאָל, ווען זי וועט זיי נאָר רופן, נאָר איין זאַך בעטן זיי ביי איר: זי זאָל זיך אַריינזעצן אין בריטשקע מיט זיי. שרה-לאה פאָלגט. זי זיצט אין בריטשקע ווי אַ פּריצטע, די פערד רירן און עס ווערט אַ טומל אויפן מאַרק. ווער עס האָט נאָר אַ שטיקעלע פּלאַץ הייבט זיך נאָך אויף דער בריטשקע.

עס איז אַ לעבעדיקע חתונה! עלטערע מענטשן גייען פאַר-ביי און זיפצן: „וואָס לאָבוזעס קאָנען, חוזק מאַכן פון אַ גאָט-געשטראָפטן מענטשן".

מען שילט זיי, די לאָבוזעס. יענע, זעהענדיק, אַז מען איז אויף זיי אויפגעבראַכט, נעמען זיך נאָך האַסטיקער טרייבן די פערד. עס דאַכט זיך, קיין סוף וועט צו דעם נישט נעמען.

די בריטשקע לויפט, שרה-לאה מיט די נאַקעטע הענט גלאָצט מיט די אויגן און רעדט מיאוסע רייד און מיט איר אַלע לאָבוזעס פון שטעטל.

באַווייזט זיך אָבער פלוצלונג זלמן דער בעל-עגלה און דערלאַנגט אַ געשריי:

—לאָבוזעס, די קעפּ וועל איך אייך צומאָלן!

די בריטשקע שטעלט זיך אָפּ. שרה-לאה, וועלכע האָט, דאַכט זיך, פאַרן טייוול אַליין קיין מורא נישט, טראָגט זיך אויך

אָפּ. זלמן דער בעל-עגלה איז אַ בייזער ייד, מיט אים טאָר מען זיך נישט שפּילן.

די יונגען דאַנקען גאָט, ווען דער טאַטע גייט שוין אַוועק פון מאַרק און מען קאָן שוין ווייטער שטיפן און שפּאַסן.

קומט צו דער ייִנגסטער זלמניאַק, אָט דערזעלבער, וואָס וויל נישט גיין דינען... ער דערציילט עפּיס זיינע ברידער אויפן אויער.

די זלמניאַקעס קוקן זיך אַרום, צי דער אַלטער כעסן (דער טאַטע, הייסט עס) איז דאָ נישטאָ, צי די סטראַזשניקעס ליגן נישט אויפן שוועל פון דער גמינע און איבערצייגן זיך, אַז נישט, שפּרינגען זיי אַלע אַראָפּ פון דער בריטשקע און מען לאָזט זיך לויפן צו דער לובלינער גאַס. אויפן וועג נעמען זיי מיט זיך עטליכע וואוילע יונגען.

עס גייט אין דעם: שוין עטליכע חדשים ווי די פּולאַווער פורמאַנעס פירן מלחמה מיט די קאַזמערזשער. די לעצטע ווילן נישט, אַז די פּולאַווער זאָלן צונעמען פּאַסאַזשירן ביי זיי.

—ברייִנגסט אַ מענטש—גאַנץ גוט! קיינער קאָן עס דיר נישט פאַרווערן. ברייִנגען פון באַן מעג מען, אָבער צונעמען אונזער פּרנסה דאָס וועלן מיר נישט דערלאָזן

איצט האָט עס דער יונגסטער זלמניאַק דערשמעקט, אַז אויף לובלינער גאַס שטייט איטשע דעם פּולאַווערס צווייפערדי- גער שפּאַן און איטשע אַליין פאַרברייִנגט אין קרעטשמע און חברה האָט זיך דאָס אַוועקגעלאָזט אָפּרעכענען מיט זיינע פּאָר סוסים.

קומען זיי צו צום פּלאַץ, וואו די פערד שטייען און עס הויבט זיך אָן אַ באַראַטונג: וואָס זאָל מען טון מיט די פערד? אויסשפּאַנען און אַוועקטראָגן אין פעלד אַריין?

דאָס האָט מען שוין אַמאָל געטון מיט דעם אַמעריקאַנערס פערד—עס האָט נישט געהאָלפן.

קודם-כל כאַפּט זיך איינער אונטער צו אַ פערד און דער- לאַנגט אים מיט אַ פוס אונטערן בויך. דאָס פערד שפּרינגט אויף

פון ווייטיק. דער צווייטער זלמניאַק הויבט אָן צו שרייען:

—גזלן, וואָס איז דאָס פערד שולדיק!—און דערלאַנגט מיטן שטיוול דעם צווייטן פערד.

דער עולם אויף לובלינער גאַס ווערט דערווייל אַלץ גרעסער:

—ברודער! ס'איז דאָ אַן עצה... ס'איז דאָ! מירן אים מאַכן אַ קאָנצערט, אַז ער וועט שוין געדיינקען קאַזמערזש.

און עס ווערט באַשלאָסן—אויסשפּאַנען די פערד, אַראָפּנעמען די רעדער פון בריטשקע און די בריטשקע אַליין זאָל מען שלעפּן איבערן גאַנצן מאַרק.

גערעדט און געטון. אין אַ צען מינוט אַרום האָט זיך געדירט אַזאַ מין פּראָצעסיע איבער קאַזמערזשער גאַסן: פאָרויס זיינען געגאַנגען די זלמניאַקעס, איינער פון זיי האָט געפירט איטשעס פערד, די איבעריקע האָבן געקויקעלט די רעדער איבער די גאַסן און דערביי געמאַכט פאַרשידענע אַקראָבאַטישע קונצן. נאָך די זלמניאַקעס זיינען געגאַנגען אַנדערע לאָבוזעס און געטראָגן די האָלאָבליעס, נאָך זיי ערשט האָט זיך גערירט דער וואָגן. גרויס און קליין האָבן געשלעפּט א'טשעס בריטשקע, וואָס האָט איצט אָן רעדער אויסגעזען ווי אַ קאַסטן, און ער האָט געקלאַפּט ווי אַ פּוסט פאַס.

אַלע פורמאַנעס זיינען זיך פריילאַך צונויפגעלאָפן:

—אַ מפלה אויף די פולאַווער!

איטשע דער בעל-עגלה איז דערווייל אַרויס פון שיינק און האָט אָנגעהויבן שרייען, ברעכן מיט די הענט... געוואַלד! די זשוליקעס האָבן אים אומגליקלאַך געמאַכט. אויפן מיטן מאַרק איז איינער פון די זלמניאַקעס אַרויף אויף אַ פערד און אויסגערופן:

—היינטיקן מאָל לאָזן מיר דורך, נאָר אויב עס וועט נאָכאַמאָל טרעפן, וועלן מיר די פערד די פולאַווער פאַרסמען.

—אַ קלאָג אין דיין טאַטען אַריין!—האָט איטשע פון אויפרעגונג אַ געשריי געטון. די זלמניאַקעס האָבן דערהערט אַ „קלאָג אין טאַטען", האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון צו איטשען. זיי וואָלטן אים אפשר צוריסן.

—מיך שעלט, אונז אַלעמען שעלט... אָבער דעם טאַטען...
איך וועל דיך באַלד צוטראָגן, ווי די ברישקע דיינע...

צום גליק זיינען אָנגעקומען די סטראַזשניקעס און גענומען צוטרייבן דעם עולם, אַלע האָבן געשריען, אַלע האָבן דערציילט, נאָר פריער פאַר אַלעמען האָבן זיך די זלמניאַקעס אָפּגעטראָגן.

מיט די סטראַזשניקעס לעבן זיי גוט, און דעריבער... טראָג זיך אָפּ...

איטשע דער בעל-עגלה האָט זיך געמאַטערט צונויפצושטעלן צוריק זיין ברישקע. ער האָט געשאָלטן די זלמניאַקעס און געברומט:

—אוי, זשוליקעס, זשוליקעס, ווען וועט מען שוין פּטור ווערן פון אַייך!

איצט האָט אים שוין דער עולם מיטגעפילט. אפילו די סטראַזשניקעס האָבן אים געהאָלפן פאַרריכטן זיין וואָגן און צוגעזאָגט זיך אָפּצורעכענען מיט די זלמניאַקעס...

די יחסנטע

אויף די שטיינערנע טרעפּ פון וואָקזאַל האָבּן זיך אויסגע־זעצט די פולאַוועו פורמאַנעס, אָפּוואַרטענדיק דעם צוג. אַ וואַרי־מער פרילינגסטאָג, עס ווילט זיך שפּאַסן, שטיפן אין אַזעלכע שעהן; די פורמאַנעס זיינען שוין אָבער נישט אַזעלכע יונגע שנע־קעס: די פּלייצעס זיינען שוין צו ברייט, עס באַוועגט זיך נישט דער קערפּער אַזוי שנעל ווי אין די יינגלשע יאָרן.. ליגט מען האַלב אויסגעצויגן אויף די טרעפּ, מען איז פויל און אַזוי אין פוילקייט מאַכט מען חוזק איינער פון צווייטן, גוטמוטיק, גוטברודעריש, מען באַליידיקט זיך נישט איינער אויף דעם צווייטן, ער מעג ווי טיף אין האַרצן טרעפן מיט זיין שפּאַס. באַליידיקן טאָר מען זיך נישט, פאַרקערט, מען דאַרף מיטלאַכן...

—זעליג, זעליג! דערציייל עפּיס פון דיינע אַמעריקעס! דו קבצן איינער, ווען וועסטו שוין פאַרקויפן דיינע גאָלדענע ציין פון מויל... די ירושה פון דיין טייערער אַמעריקע?...

ענטפערט זעליג באַלד אָפּ, כאָטש פריער לאָזט ער דעם עולם זיך אויסלאַכן:

—אַזאַ יאָר מיר, סאַר אַ גאָלדן לאַנד עס איז...

—טאָ פאַרוואָס-זשע ביזטו דאָרט נישט פאַרבליבן?

פייניגט אים שוין אַ צווייטער בעל-עגלה.—כאַ כאַ כאַ! ווי־

האָבן זיי דיך דאָרט גערופן, דזשעק? חברה, איר האָט געהערט אַ נאָמען „דזשעק"?

מיט זעליגן האָט פּאַסירט אַ מאָדנע געשיכטע: מיט עטלאַ-כע יאָר צוריק איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. אים איז דאָרט נישט שלעכט געגאַנגען, נאָר דער גרויסער פורמאַן מיט די פּאָר געזונטע הענט, מיטן גרויסן פּאַרטעמפּטן קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו בענקען אַהיים! עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. ער איז גע-קומ ן צוריק קיין פּוילן, געבראַכט אַ ביסל געלד און אָנגעהויבן האַנדלען מיט פערד, האָט ער דאָס געלד געפּטרט און געבליבן ביי איין דאַר פערדל. אויך די גאָלדענע ציין, וואָס ער האָט זיך אין אַמעריקע געלאָזט אַריינשטעלן, זיינען אים געבליבן. נאָך קינדווייז האָט אים אַ פערד זיינע אמתע ציין אויסגעהאַקט...

איצט מאַכן פון אים די פורמאַנעס חוזק. באַלד אָבער פאַרגעסן זיי אָן אים און מען נעמט זיך צו אַ צווייטן, דערנאָך צו אַ דריטן—אָט אַזוי איינער פון צווייטן, מען דאַנקט גאָט וואָס דער צוג איז נאָך נישטאָ.

—זלמן, דערציילט פון אַייער יחסנטע... איר געדענקט נאָך? זלמן, דערציילט!—זעליג ווייס נאָך נישט די מעשה און בערל דער אָפּאָלער ווייס אויך נישט, אַלע שטייען צו צו זלמנען, יענער שאָקלט מיטן קאָפּ ביין און ניין, נאָר חברה ווייס שוין, אַז זלמן וועט באַלד דערציילן, הערט מען אים אויף צו בעטן. שווייגט זלמן אַ רגע און דערנאָך פרעגט ער ביי זעליגן:

—דו ווייסט טאַקע נישט? וועל איך פאַר דיר דערציילן.

אוי, אַ יחסנטע, איך האָב זי נישט פאַרגעסן ביזן היינטיקן טאָג.—און ער הויבן אָן דערציילן.

—עס איז געווען אַזאַ טאָג, ווי היינט, מיר זיצן און וואַרטן אויפן צוועלפער צוג, זעה איך אַזוי, ווי פון איוואַנגאָראָ-דער שאָסיי פאָרט אָן אַן אָפיציר מיט אַ דענשטשיק, ביידע רייטנדיק. פאָרן זיי צו צו אונז, איך בין געזעסן נעענטער, ווענדט ער זיך צו מיר:

—זשיד, קופּי קאָבילו!—מיין איך, ער מאַכט חוזק... אַ קלאַטשע האָסטו געדאַרפט זען—אַ צאַצקע. דעם קאָפּ פאַריסן ווי

אַן אַדלער. קוים איינגעהאַלטן, אויפגעריסן ס׳פּיסק—שוין נישט אַזאַ יונגע בתולה! אָבער דערפאַר אַ שיינקייט האָט איר באַדאַרפט זען, צעפּעלאַך געפלאָכטן מיט קאָלירטע סטיינגעלאַך, דעם עק אונטערגעשאָרן. מיט איין וואָרט, אַ גייער אַ ריכטיקער, עס איז געווען וואָס צו זען. פרעג איך ביים אָפיציר:

—גאָספּאָדין פּריין! וויפיל קאָסט עס דיין קראַסאַוויצע?

—ווייסט איר וויפיל ער האָט געבעטן, טרעפט! נישט מער און נישט ווייניקער: פּופציק רובל. גיבן דאָך אַלע פאָרמאַנעס אַ שפרונג פון די ערטער... אַלע ווילן קויפן, מען גיט שוין מער, וויפיל ער בעט. מיר איז עס אַריין אין קאָפּ. פופציק רובל, עס מוז עפּיס זיין אַ מעשה אין דעם. איך הויב אָן אַרומקוקן, אַרומטאַפּן די נפשטע... ס׳איז דאָ! די פיס זיינען געהרגעט, ביי אַ פּראָסט פערד וואָלט מען עס גלייך דערקענט, אָבער די קאָבילקע די אויסגעפוצטע, די יחסנטע, עס איז גאָרנישט איינגעפאַלן. ווייז איך עס מיינע קאָנקורענטן, טראָגן זיך יענע באַלד אָפּ. איך הויב זיך אָן דינגען מיטן אָפיציר... די אונטערשטע שורה— איך האָב באַצאָלט דרייסיק רובל און באַקומען די קלאַטשע מיט אַ גאַנצן פּאַק פּאַפּירן. ווייסט איר וואָס פאַר אַ פּאַפּירן? מעטריקעס פון דער קלאַטשע, וואו עס איז פאַרשריבן געוואָרן, ווען זי איז געבאָרן געוואָרן און פון וועלכן פאָטער, אפילו איר זיידע איז דאָרט פאַרשריבן, עפּיס אַ געוואַלטיקער יחוס! ס׳איז פאַראַן אַזאַ פערד-יחוס... די איבריקע פּאַפּירן זיינען געווען אַקטן, באַשרייבעכצן אַזעלכע, וויפיל געלד זי האָט געוואונען אויף די ווישציגעס... חברה האָט פון מיר געלאַכט: די קלאַטשע, זאָגן זיי, טויג אויף כפרות. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך וועל לאַכן פון זיי.

געקומען אַהיים, האָב איך די קלאַטשע אַוועקגעשטעלט אין שטאַל און אַליין זיך אַוועקגעלאָזט אין שטעטל צו די געבילדעטע יונגעלייט, צו פייגעלע דער שניטקרעמערקעס בנים, זיי זאָלן מיר איבערלייענען, וואָס אין די פּאַפּירן שטייט. האָט מען מיר געהאַט צו לייענען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד... הערט זיך איין: „אין מאָסקווע דעם און דעם טאָג געוואונען דרייטוויזענד רובל”...

איך גיב אַ שפּרונג פון אָרט, אַ קליינינקקייט, אַזויפיל געלט...
אָבער וואָס האָב איך פון דעם?... מען לייענט ווייטער און ווי-
דער אַזעלכע וואונדערליכע זאַכן. זי האָט אויף איר לעבן גע-
וואונען אפשר אַ מיליאָן רובל, די וועלט האָט אַמאָל געקאָכט און
געשטורמט מיט מיין קלאַטשע... לאָז איך מיך אין שטאַל אַריין
און איך טראַכט: האָסטו שוין פאַרדינט אַזויפיל געלט, טאָ טו
מיר אויך אַ שטיקל טובה, איך בין, נעבעך, נישט אַזאַ רייכער
ווי דיינע פריערדיקע בעלי-בתים, איך באַדאַרף אודאי נויטיקער
פאַר זיי אַ פּאָר קערבלאַך... אין שטאַל שטייט מיין קלאַטשע און
פרעסט נישט. איר האָט געהערט, מענטשן! אַ פערד זאָל נישט
פרעסן. מיין איך, נישט אַיינגעוויינט. גייט אַוועק אַ טאָג נאָך
אַ טאָג, זי גריזשעט די סטאַילע און עסט נישט דעם היי, וואָס
איך האָב איר איבערגעלאָזט. כאַפּ איך זיך און וואַרף אונטער
אַ ביסל האָבער—אַהאַ! זי איז דאָ! דעם האָבער עסט זי, אַ קליי-
ניקקייט אַזאַ יחוס! אַנדערש איז זי נישט געוויינט. דאָסמאָל האָב
איך דורכגעלאָזט. ווען מען קומט צום ערשטן מאָל אין חדר,
שמייסט מען נישט, שפּעטער וועסטו ביי מיר פגרן פאַר הונגער.
האָבער וועל איך דיר געבן, ווען איך וועל וועלן, און איבער-
הויפּט וועסטו ביי מיר ליידיק נישט שטיין. אויף מאָרגן פיר איך
אַרויס מיין פריצטע אויפן הויף און וויל עס אַיינשפּאַנען... נעמט
עס שפּרינגען, ווייס איך, אַז יעדעס סאָלדאַטסקע פערד שפּרינגט...
דאָך גייען אַוועק עטליכע טעג, אַ וואָך אַ גאַנצע איז אַוועקגע-
לאָפן, די קלאַטשע לאָזט צו זיך נישט צו—אַ יחסנטע! עטליכע
מאָל האָט זי זיך שוין אַרויסגעריסן פון די הענט און ווי אַ קויל
זיך אַ לאָז געטון איבערן שטעטל, געלויבט דער אויבערשטער—
זי האָט קיינעם נישט קאַלעטשעט. דערפאַר האָט מען געלאַכט
פון מיר... אוי, געלאַכט! עס האָט נישט געהאָלפן קיין זאַך, איך
האָב אָנגעהויבן טראַכטן פון פאַרקויפן. געבאַלאָמוטשעט טעג, גע-
פאָרן איבער די ירידים, אַ נעכטיגער טאָג! די קלאַטשע האָט שוין
נישט געהאַט אַזאַ אויסזען, ווי ביים אָפיציר, ביי מיר אין שטאַל
איז נישט קיין אכסניה, האָט זיך דאָס פערד אויסגעמאָגערט
אויפן גרויסן אופן... זאָג איך וועמען, עס קאָסט מיר דרייסיק

רובל און אַזויפיל ווי איך... לאַכט מען פון מיר. פיר איך צוריק די קלאַטשע פון יריד, מילא, נישט פאַרקויפט, אָבער די חרפּה! פאָר אַריין אין יאַנאָווצע, אַלע זאָלן לאַכן פון דיר:

—אָט פאָרט זלמן פון יריד מיט זיין פאַרזעסענער מויד—אַזוי האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן מיין מציאה... און אַ צווייטער שפּאַסט:

—ער האָט דאָך די פּאַפּירן, עס וועט אים צונויף קומען...

בין איך דאָך געגוג אויף צרות, האָט זי נאָך צו מיר פּרעטענזיעס, די יחסנטע, איז פּסדר נישט צופרידן. זי איז אַיינגעוויינט, עס זאָל זיין אונטערגעשפּרייט אַ ביסל שטרוי און טאָקע יעדן טאָג פרישע... איך זע, ווי זי זעצט מיט די פיס און בייזערט זיך, בייזערט זיך אויף דער גאַנצער וועלט, גייט עס מיך נישט אָן. עס טרעפט אָבער, זי בייסט... נישט מיר, נאָר מיין צווייט פערד, מיין ברוויטגעבער. סאַר אַ טויגעניכץ דאָס איז, איר פאַרשטייט! זי אַליין טוט גאָרנישט און דאָס פערדל, וואָס האָרעוועט אַזוי ביטער אַ גאַנצן טאָג, צובייסט זי; האָב איך איינמאָל געכאַפּט אַ דראָנג און גענומען דרעשען, עס איז שוין ווערט געווען די דרייסיק רובל... ווילסט נישט אַרבעטן—ברעך דעם קאָפּ. בריינגסט מיך צו לייטיש געלעכטער—ברעך דעם קאָפּ! אָבער מיין ברוויטגעבער, מיין קאַשטאַן זאָלסטו נישט אָנרירן...

די פורמאַנעס ריכטן זיך שוין אויפן באַן, איינער נאָכן צווייטן הויבט זיך פון זיין אָרט אויף. זלמן איילט זיך שוין אויך צו:

—איר ווילט דאָך וויסן דעם סוף, חברה! איז דאָס געווען אַזוי: איך בין געפאָרן אויפן יריד קיין אָפּאָלע, האָט מיר שוין איינער געוואָלט געבן פופצען רובל, עפּיס אַ משוגענער. ווייל איך אַליין האָב געזען, אַז מיין פערד טויג צו גאָרנישט, האָב איך עס שוין געוואָלט אַוועקגעבן, גיט עס מיר עפּיס אין האַרצן אַ צופּ: איך זאָל דערלייגן אַזויפיל געלד, ניין! איך קען דאָס מיין יחסנטע נישט מוחל זיין. וואָס פאַר אַ נפקא-מינה איז דיר: שפּרינגען אויף די ווישציגעס אָדער פירן זלמנס בריטשקע? אַי וואָס עס פּאַסט דיר נישט צו זיין ביי אַ יידישן בעל-עגלה...

עס פּאַסט דיר נישט, טאָ וואַרט. איך טרייב דאָס פערדל צוריק אַהיים און ביים סאַמע שטעטל, ווייסט איר דאָך, לעבט דאָרט מיכאל דער היצעל, בין איך אַראָפּ צו אים און פאַרקויפט מיין קלאַטשע פאַר פינף רובל, זאָל ער זיך אַראָפּנעמען די איידעלע פּעל... זאָל ער... ווייל קיין יחסנים זיינען ביי מיר נישטאָ!

די לעצטע ווערטער האָט זלמן אַרויסגערעדט מיט כעס און אין איילעניש, ווייל דער צוג איז מיטן גאַנצן אימפּעט צוגעלאָפן צו דער סטאַנציע.

גאָלדענע פּאַוועס.

א.

טעמערלס טרוימען.

טעמערל זיצט בײַם פענסטער און האַפּט. לאַנגזאַם און פויל אַרבעט די בלאַסע טעמערל. זי האַפּט אויף אַ גרויס שטיק קאַנווע צוויי גאָלדענע פּאַוועס. מיט גאָלדענע פעדם אַרבעט טעמערל... דאָס איז די איינציקע אַרבעט, וואָס מען האָט דער כּלה דערלויבט. אין צען טעג אַרום וועט זיין ביי טעמערלען חתונה. דאָס ווייסן איצט אַלע אין יאַנאָווצע: ביים רבס אייניקל, ביי דער פרום-אויגיקער טעמערל וועט זיין איינגיכן חתונה. אַלע נייטאָרינס זיינען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט: יונגע מיידלאַך גרייטן זיך...

און פריידעלע, די רייכע שניטקרעמערקע קומט יעדן טאָג אַליין צום רב אין שטוב, וואו טעמערל זיצט איצט גאַנצענע טעג, ווייל אין שטוב ביי איר טאַטן איז אַ צו גרויסער טומל...

קומט פריידעלע צום רב אין שטוב, און די נייטאָרין קומט, און די שייטל-מאַכערקע קומט, און אַלע קוקן אויף טעמערל, און אַלע ווינשן איר גליק. טעמערל מוז זיך צוליב זיי אָפּרייסן פון איר האַפּטן. זי מוז זיך שטעלן און אָנפּאַסן די קליידער.

זי מוז זיי ענטפערן, צי דאָס קלייד געפעלט איר, צי נישט...

זי וואָלט אָבער וועלן, מען זאָל זי לאָזן אַליין מיט אירע גאָלדענע פּאַוועס. זי פלעגט קיינמאָל קיין סך נישט ריידן, נאָר איצט, די לעצטע טעג פאַר דער חתונה, איז זי נאָך שווייגנדי-קער געוואָרן... זי ווייס נאָר איין זאַך: האַפטן. און זיצנדיק ביים פענסטער, רייסט זי זיך אָפט אָפּ פון דער אַרבעט און פאַרטראַכט זיך און פאַרקוקט זיך אינדערהויך צום הימל; צווערשט זעט זי נאָר די קלאָרקייט, די בלויקייט פון רוים... ביסלאַכווייז שווימען אָבער פון דער בלויקייט אַרויס פאַרשידענע בילדער, ערינערונגען פון איר קינדהייט, פאַנטאַזיעס... ביז זי דערזעט איר חתן: זומער פאַרנאַכט, אַ טאָג נאָך די תנאים, זיי גייען ביי-דע אַרויס פון שטוב, בלייבן שווייגנדיק שטיין ביי דער שוועל. דערנאָך זאָגט ער צו איר:

—אויב איר ווילט, טעמערל, וועלן מיר גיין אין פעלד.

איר האַרץ האָט זיך דאַן אַזוי אָנגעהויבן שרעקן. עס האָט געקלאַפּט פון פרייד און אומרויקייט: זי איז נאָך קיינמאָל נישט געגאַנגען שפּאַצירן מיט קיין בחור, זי האָט אַליין נישט געהערט, ווי זי האָט געענטפערט: „קומט!"

אַז זיי זיינען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, איז טע-מערלס מאַמע זיי אָנטקעגן געקומען און געזאָגט צו טעמערל: „עס פּאַסט נישט, קום אַהיים!" איז זי מיט דער מאַמען צוריק אין שטוב אַריין און דער חתן האָט נאָכגעקוקט, אומעטיק נאָכ-געקוקט; מען האָט זיי נישט געלאָזט זיין צוזאַמען, פון דעמאָלט איז שוין אַוועק באַלד אַ יאָר. זי האָט דעם חתן פאַר דער גאַנ-צער צייט נישט געזען און דערמאָנט זי זיך אָן אים, זעט זי אַלץ, ווי ער שטייט אויפן גאַס און קוקט איר נאָך, ווי זי גייט אַריין מיט דער מאַמען אין שטוב... אַנדערש זעט זי אים נישט.

און די פינגער ווערן לייכט, די גאָלדענע פעדים וויקלען זיך אויף די פינגער און פאַלן אַראָפּ, ווי שטיפערישע שלענגע-לאַך. זי וועבט-אויס אויף דער קאַנווע אַלע אירע חלומות... אַ גאַנץ יאָר האָט זי געבענקט און קיינער האָט איר קיינמאָל נישט בעטרייסט, איצט וועט קומען איר חתן... איצט וועט ער שוין

קומען... וואָס פריער די כוואַליעס וועלן פאַרטיק ווערן, אַלץ גיבער וועט ער קומען...

ב.

צוויי אַלטע מומעס.

עס עפנט זיך די טיר און טעמערל רייסט זיך אָפּ פון אירע טרוימען. עס זיינען געקומען אירע צוויי מומעס, לאה און מערע; ביידע אַלטע, איינע איז שוין אַן אלמנה פון צען, די צווייטע פון זיבן יאָר. זיי לעבן צוזאַמען. זיי האָבן געלט און קיינער ווייס נישט, וואו זיי האַלטן עס. אין שול דאַוונען זיי שטענדיק פון איין גרויסן „קרבן-מנחה”. מען זאָגט, אַז זיי האָבן דעם גרעסטן קרבן-מנחה אין גאַנץ פוילן. ביידע טראָגן זיי גרויסע, אַלטמאָדישע אויררינגלאַך פון גאָלד און גרויסע טערקישע טיכער. ערב יום-כפור טראָגן זיי פונאַנדער צו אַלע קרובים וועקסענע ליכט. ערב אַ שמחה קומען זיי צו די קרובים מיט עצות און אָפט מיט מתנות...

טעמערל האָט ליב אירע מומעס. זיי זיינען גוטע און אַזעלכע מאָדנע. טעמערל פלעגט פריער זייער אָפט קומען צו זיי אַהיים. סאַר אַ פרייד עס פלעגט אָנפאַלן אויף די אַלטיטשקע. איינע פלעגט אויפזוכן „גוטע זאַכן” פאַר טעמערל, די צווייטע פלעגט גלעטן און קושן דעם רבס אייניקל.

די אַלטע מומעס פלעגן אויך דערציילן פאַר טעמערל אַ סך מעשיות, וואָס זיי פלעגן שטענדיק לייענען... און נישט איינמאָל פלעגט טעמעלע קומען אַהיים אַ פאַרטרויערטע און פאַר די אויגן פלעגט שוועבן „אַ קינד, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין די קאָרן”; „אָט אַזוי גייט דאָס יינגעלע אַלץ ווייטער, אַלץ טיפער אין די קאָרן, די זון פאַרגייט, דער הימל ברענט, די זאַנגען וויגן זיך, וויגן זיך... און דאָס יינגעלע האָט פולע הויפנס בלומען. פלוצלונג פאַרביינקט זיך עס, דאָס יונגע הערצל גיט אַ צאַפּל און עס שרייט אויס: „מאַמע”... דאָס ווינטל כאַפּט-אונטער

דאָס וואָרט און טראָגט עס צווישן ווייט-ווייט. קיין ענטפער קומט ניש און נאָכאַמאָל שרייט דאָס קינד מיט מער שרעק: „מאַמע!“ און טרערן פאַלן אויף די בלומען, אויף די קליינע קינדישע פויסטלאַך... און די נאַכט לאָזט זיך אַלץ נידעריקער צו דער ערד אַראָפּ...“

טעמערל פלעגט אַזעלכע מעשהלאַך לאַנג געדיינקען. זי פלעגט געדאַנקלאַך איבאייניעם מיט דעם קינד בלאָנדזשען צווישן קאָרן... זי פלעגט פון דעם ליידן און טרוימען. טעמערל האָט ליב געהאַט די מומעס מעשהלאַך.

די מומעס זיינען געקומען זען, ווי גרייט זיך עס דעם רבס אייניקל צו דער חתונה. זיי האָבן זי אַרומגענומען און געקושט און געוויינט פון פרייד...

—טייערע כלהשי, אַ גליקליך לעבן זאָל דיר גאָט געבן, אַ זיס מזל זאָלסטו האָבן. דערנאָך זיינען ביידע מומעס שטיל געוואָרן. טעמערל הערט אויף צו האַפטן און קוקט אָן פאַרוואונדערט די שווייגנדיקע מומעס. פאַרשעמען זיך די מומעס פאַר טעמערל און די עלטערע מומע, לאה, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ קליין פּעקעלע, איינגעוויקלט אין אַ טיכל. זי בינדט עס אויף און נעמט אַרויס אַ טונקל-רויט שאַכטעלע. טעמערל דערזעט אַ קליינעם מעדאַליאָנטשיק באַזעצט מיט קליינע דימענטן. זי פרייט זיך און קושט זיך ווידער מיט די מומעס...

און די מומעס קוקן אויף טעמערלס גאָלדענע פּאַוועס, און זיי דערציילן שוין מעשיות פון פּאַוועס: „אַמאָל האָט געלעבט אַ פּריץ, דער פּריץ האָט געהאַט אַ גרויסן גאָרטן, אין גאָרטן האָבן אַרומגעשפּאַצירט פּאַוועס מיט בלויע קעפּ, מיט בראַונע פליגל און די עקן זיינען ביי די פּאַוועס ווי אַ רעגנבויגן—אַזויפיל פאַרבן האָבן זיי אויף די פעדערן געהאַט... דער פּריץ האָט געהאַט אַ טאָכטער, די טאָכטער האָט זיך געליבט“. פאַרגעסט אָבער די מומע מערע, וועמען דעם פּריצס טאָכטער האָט ליב געהאַט, דערמאָנט איר דאָס די מומע לאה, און דאַן נעמען שוין ביידע מומעס דערציילן מיטאַמאָל... ווערט טעמערל פריילעך; די מומעס זעען אויס ווי קינדער און עס ווילט זיך גוטמוטיג לאַכן פון זיי...

ז. סעגאלאוויטש.

ג.

טעמערל ביי דער מאמען.

די מומעס גייען אוועק און טעמערל נעמט ווידער איר קאנווע און האפט ווייטער א גאלדענעם פאדעם נאך א גאלדענעם פאדעם, און אין די געדאנקען שוועבן די מומעס ווערטער: „אמאל האט געלעבט א פריץ, דער פריץ האט געהאט א גארטן, אין גארטן האבן ארומגעשפאצירט פאוועס מיט בלויע קעפ, מיט ברוינע פליגל און די עקן זיינען געווען ביי די פאוועס ווי א רעגנבויגן—אזויפיל פארבן האבן זיי געהאט”. און אירע פאוועס וועלן זיין איינגאנצן פון גאלד...

זי טראכט אזוי און וועבט און וועבט מיט די פינגער. דער טאג גייט שוין אוועק, דער זיידע זיצט אין צווייטן צימער און לערנט אויפן קול... עס ווערט טונקל, טונקעלער און פינסטערער אין צימער. די קאנווע איז שוין ארויסגעפאלן פון איר האנט, זי וואלט וועלן, אז איצט זאל אריינגיין אין איר צימער דער חתן... אבער שפעטער, ווען אלע געסט וועלן זיך צונויפקלויבן, וועט זי זיך שעמען צו זיין מיט אים צוזאמען...

ווען זי גייט אהיים, איז שוין פינסטער אויפן גאס. נעבן דער מאמעס הויז שטעלט איר אפ א הויכער ייד, ארים אנגעטון, „טעמערל”,—זאגט ער,—טעמערל, ביי דיר וועט זיין חתונה?” „יא!”—ענטפערט זי, באקלאגט זיך פאר איר דער ייד, אז מען האט צוגענומען צוויי אנדערע מארשאליקעס און אים נישט.—„זע, טעמערל, איך זאל אויך זיין”. זי זאגט אים צו און גייט אריין אין שטוב.

ווערט איר פרייליך אויפן הארצן, ווען זי זעט, וואס דא טוט זיך ארום: אזויפיל קליידער, וועש... „אלץ פאר מיר, אלץ פאר מיר”. זי פילט זיך, ווי א בת-מלכה, נאר מיטאמאל נעמט זי וויינען און אנטלויפט אין צווייטן צימער און וויינט זיך אויס. פארוואס? פאר ווען? זי ווייס נישט... די מאמע, וואס קומט ו איר, ווייס אויך נישט פארוואס, טעמערל וויינט, נאר זי פרעגט
א

נישט, זי דערמאָנט זיך, אַז צו איר חתונה האָט זי אויך אַזוי געוויינט...

ווען טעמערל הערט-אויף צו וויינען, באַטראַכט זי, וואָס מען האָט דאָ אָנגעגרייט פאַר אירטוועגן אין איר כלה-שטוב. דאָ איז אַזוי אויפגערוימט און אויסגעפוצט. יעדן טאָג טראָגט עפּיס די מאַמע צו: נאָך אַ קישן, נאָך אַ קופּערנע פאַן.

—„מאַמע,—פרעגט טעמערל,—וואָס וועל איך טון מיט אַזוי-פיל פאַנען?“ און די מאַמע ענטפערט:

—אָט אַזוי איז געווען ביי דיין באָבען און ביי דיין מאַ-מען, און אַזוי וועט זיין ביי דיר, טעמערלו אַ ביסל קופּער איז אַ צירונג אין שטוב. און די פאַנען גלאַנצן מיט זייערע ברוין-גאָלדענע דעקן און דערציילן פון רחבות און ריינקייט. די מו-מעס, לאה און מערע, ברענגען אויך וואָס-עס-איז. זיי קאַרגן נישט פאַרן רבס אייניקל.

טעמערל דערמאָנט זיך אָן דאַרן ייד און זי בעט פאַר אים דער מאַמען: „וואָס אַרט דיר, אַז עס וועלן זיין דריי מאַר-שאַליקעס?“ די מאַמע זאָגט צו. די מאַמע איז איצט אַזאַ גוטע, דאָס טעלערל פון הימל וועט זי פאַר דער טאָכטער אַראָפּ-ברענגען.

און ביינאַכט, ווען זי גייט זיך לייגן שלאָפן, לאָזט זי פאַ-נאַנדער אירע לאַנגע האָר און עס ווערט איר אומעטיק: „די האָר וועט מען אָפּשניידן, אָפּשערן—אַזעלכע לאַנגע בלאָנדע האָר, גאָלדענע, ווי די פעדם, מיט וועלכע זי נייט-אויס אירע גאָלדענע פאָוועס... זי באַנעצט זיי מיט טרערן, די לאַנגע האָר און שלאָפט אַזוי איין...

ד.

געסט קומען.

עס זיינען זיך צונויפגעפאָרן געסט פון די אַרומיקע שטעטלאַך און פון וואַרשאַ. אַ רב, אַ נאָענטער קרוב איז אויך גע-

קומען: אַ שוויַגנדיקער ייד מיט אַ פאַרוואַקסענעם פנים און מיט אַ הויכן שטריימל. דער רב האַלט זיך ווייט פון די שטאָטישע געסט, נאָר אַלע אינאיינעם האָבן איבערגעאַנדערשט דאָס גאַנצע שטעטל. פון די געוועלבער לויפט מען יעדע רגע אַרויס און מען קוקט אויף די אָנגעפּאָרענע, ווי אויף גאָטס וואונדער. מען גיט איינער דעם צווייטן איבער סאַר אַ מתנות די געסט האָבן מיטגעבראַכט, סאַר אַ רייכע און באַוואוסטע זיי זיינען... און טעמערל זיצט אַלץ און ווענט מיט די פינגער און פאַרענדיקט אירע גאָלדענע פּאַוועס. עס דאַכט זיך אויס, אַז זי קאַרגט מיט די פּאַוועס, זי וויל עס נישט ענדיקן... „נאָך דריי טעג“—שעפּטשען אירע ליפּן, און זי דערשרעקט זיך פאַר עפּיס און פאַרשעמט זיך. „די קליידער זיינען שוין פאַרטיק“—דערמאָנט זי זיך ווידער און הערט-אויף צו האַפּטן...

און די צוויי מומעס, לאה און מרע, קומען יעדע עטלאַכע שעה צוגיין און פּלוידערן ביידע און טאַנצן אַרום טעמערל... מיט אַזאַ געטריישאַפט, מיט אַזאַ ליבע...

—טעמערל, ווילסטו אפשר עפּיס עסן?

און די צווייטע מומע:

—די מאַמע דיינע איז פאַרנומען מיט די געסט.

און ווידער די מומע לאה:

—טעמערל, ווען ביי מיר איז געווען חתונה...

און עס גייט אַוועק אַ מעשה: „איינער פון די מחותנים האָט פאַרבלאָנדזשעט אין פעלד, עס האָט שוין באַלד געדאַרפט זיין חופה און אויפן גאַס האָט געשאָטן אַזאַ שניי, אַזאַ שניי... מען האָט נישט געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אַ טריט ווייטער, און אַ ווינט איז געווען... אוי, אַ ווינט! עס האָט געבויגן דעם מענטש, ווי אַ שוואַך ביימעלע... און אַלע האָבן געוואוסט, אַז מיין פעטער, משה זעליגס איז אַרויסגעפאָרן פון פּולאַוו. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער ראַנגלט זיך איצט אין פעלד. מיין מאַמע האָט געיאָמערט און נאָך איר אַלע ווייבער... עס האָט שוין געזאָלט זיין אַ פאַרשטערטע חתונה. דעם רב האָט געזאָגט, אַז מען מוז זיך פאַרלאָזן אויף גאָט און די חופה טאָר מען נישט

אָפּלייגן... איז מען געגאַנגען מיט פאַרוויינטע הערצער צו דער חופה, מען האָט מיך אַיינגעוויקלט אין אַ גרויסער פּאַטשיילע און געפירט, געפירט... פּלוצלונג לויפט אָן אַ שליטן, די פערד פּאַר־שנייט און צורייצט, זיי האָבן אונז שיער נישט צוטראָגן. עס האָט אויסגעדאַכט, אַז זיי זיינען מ׳ט פליגל געקומען צופליען, אָדער דער ווינט האָט זיי געבראַכט... די פערד שטעלן זיך אָפּ און משה זעליגס שפּרינגט אַרויס פון שליטן און שרייט-אויס: „יידן, גאָט האָט מיך מציל-געווען!" און פאַלט אויפן שניי. מען האָט אים אָפּגעמינטערט און ער האָט דערציילט, ווי ער האָט גע-בלאָנדזשעט און זיך געראַנגלט אויפן פעלד, סאַר אַ שרעק ס׳האָט אים אַרומגענומען, וויפיל קאַפּיטלאַך תהילים ער האָט געזאָגט און דערנאָך האָט ער זיך שוין גאָר אָן אַלץ מיאש-געווען. קיין כח איז שוין נישט געווען און קיין גלויבן אויך נישט... דער שניי האָט אים אַלץ מער פאַרשאָטן, ווי אַ וואַנט וואָלט לאַנגזאַם פון אַלע זייטן אַרויפקומען אויף אים, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם... ער האָט שוין גאָרנישט געפילט, נאָר צייטנווייז פלעגט זיך נאָך אין זכרון אויפכאַפּן אַ געדאַנק... אויף אַ רגע... פּלוצלונג האָבן די פערד זיך אויפגעריסן פון די ערטער, פאַנאַנדערגעשאָטן דעם שניי אַרום זיך און גענומען לויפן, פליען און שפּרינגען איבער גריבער און פאַרשנייטע דערנער... נישט אַנדערש, פון אויבן האָט מען זיי געהייסן: „פליט!" אוי, טעמערל, טעמערל, האָט מען זיך דעמאָלט געפרייט!"

די מומע פאַרענדיקט דערציילן און אַלע דריי פאַרטרוימען זיך ווי קינדער.

ה.

דער חתן געקומען.

דעם לעצטן טאָג, ערב דער חתונה, ווען ער קומען... די פּאַווע וועלן שוין דעמאָלט פאַרטיק זיין... ציט זיך, ציט זיך, גאָלדענע פעדים... פלעכט אַיין, פלעכט איין טעמערלס חלומות.

און פאַלט אויף אייך אַ טרער, זאָלט איר נישט בלייבער ווערן— דאָס איז אַ טרער פון דערוואַרטונג...

און ווען טעמערל גייט אַהיים פון רבס שטוב, קוקט איר יעדערער נאָך, און מאַמעס ווינשן זיך: „אויף מיין טאָכטער גע-זאָגט געוואָרן, אַזאַ שטילע, אַזאַ איידעלע כלה". עס שוועבט אַרום איר עפּיס הייליגעס... נישט אומזיסט קומט זי אַרויס פון רבנים, פון אַזאַ יחוס. און ווען זי קומט אַריין צו דער מאַמען, טראָגט מען איר אונטער אַ ווייסן שנור פּערל. טעמערל פאַרגעסט אַלבדינג און נעמט זיך שפּילן מיט די פּערל. „פון חתן",—זאָגט די מאַמע. טעמערל גיט אַ ציטער און פרעגט איבער: „פון חתן?" זי טוט אָן אויף זיך די פּערל און קוקט אַריין אין שפּיגל, און עס ווערט איר אַזוי פריילאַך. זי פילט זיך, ווי אַ בת-מלכה, פאַר-געסט זיך אויסטון די פּערל און גייט אַרום אין זיי איבער דער שטוב. באַמערקט אַ דינסט, ווי טעמערל שיינט אין די פּערל, פרעגט זי ביי דער פרומער כלה: „פון אים?"—שמייכלט טעמערל און שאָקלט מיטן קאָפּ...

די לעצטע עטלאַכע טעג לויפן געשווינט אַוועק. טעמערל האָט שוין געענדיקט אירע פּאַוועס, זי האָט זיי אויפגעהאָנגען ביי זיך אין איר נייער היים. זי האָט אָנגעקוקט דאָס בילד און אין האַרצן באַדויערט, וואָס דאָס איז שוין געענדיקט. עס האָט איר עפּיס באַנג געטון... דעם לעצטן אָוונט פאַר דער התונה איז זי געזעסן אין שטוב און געהערט, ווי די קינדער שפּילן זיך אויפן גאַס און וואַרפן זיך מיט שניי. זי האָט זיך דאַן אַרויסגעגנבעט פון שטוב און אַוועק אויפן גאַס. זי איז צוגעגאַנגען צו די קינ-דער און גערעדט מיט זיי. עמיצער האָט איר דערלאַנגט מיט אַ גאָמולקע שניי, האָט זי זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט און באַלד אַ טראַכט געטון: „ס'פּאַסט נישט, אַז אַ כלה זאָל אַזוי לאַכן". נאָר דער לייכטער פראָסט רייצט. זי וויל זיך שוין אָנבויגן צום שניי, זי ווערט זיך שפּילן מיט די שטיפער! אין דעם דערהערט זי, ווי די קינדער שרייען: „דער חתן געקומען, טעמערלס חתן געקו-מען". זי ציטערט אויף און לויפט אַריין אין שטוב.

ו.

יאַנאָווצע ערב דער שמחה.

אין יאַנאָווצע קלאַפּן די טירן און ביי אַלעמען זיינען ערב-יום-טובדיקע פּנימער. מען קאָכט און מען פּרעגלט ביי טע-מערלס מאַמע.

אַזאַ שמחה איז שוין לאַנג אין יאַנאָווצע נישט געווען. איינער דעם צווייטן האָט איבערגעגעבן, סאַר אַ פיש און פליישׁ מען האָט אָנגעקויפט, סאַר אַ לעקאַך מיט טאָרט מען האָט גע-בראַכט פון וואַרשע... קינד און קייט האָבן געוואַרט אויף דעם מאָרגן. ביי בערלען דעם מוזיקאַנט האָט מען איצט געמאַכט רע-פּעטיציעס, מען האָט צוגעגרייט נייע וואַלסן צו דער מאָרגנדי-קער חתונה. בערעק האָט דריי זין און אַלע שפּילן. איין זון האָט געשפּילט אין וואַרשע, לערנט ער איצט דעם טאַטען מיט די ברידער די נייע מעלאָדיעס. טעמערל הערט פון וויטן, דאָרט ביי זיך אין צימער, ווי זיי שפּילן און הערן אויף... זי קאָן נישט שלאָפן, זי טראַכט אַלץ פון אים און דאָס האַרץ קלאַפּט: „מאָרגן, מאָרגן!” די מאַמע גייט צו צו איר און פרעגט: „טע-מערל, וואָס ביזטו אַזוי פאַרזאָרגט?” טעמערל ענטפערט נישט און די מאַמע גייט ווידער צו דער אַרבעט. שלאָפט טעמערל אַיין, חלומט זיך איר, אַז זי פליט. זי ליגט אין אַ וויגעלע און פליט, פוןביידע זייטן וויגעלע זיינען צוויי גאָלדענע פּאַוועס, טעמערל שטרעקט אויס די האַנט און שפּילט זיך מיט די פּאַוועס. שטייט שוין די מאַמע ביי איר געלעגער, צוקושט זיך מיט טעמערל און זאָגט: „היינט, גליקליכעס קינד מיינס, היינט איז ביי דיר חתונה”. און די פּאַוועס פון וואַנט שמייכלען צו: „מזל-טוב, מזל-טוב”. זיי שמייכלען און גלאַנצן, די גאָלדענע.

פון אומעטום שוועבן צו איר די גוטע ווערטער: „מזל-טוב”. זיי גלעטן און וואַרימען איר. עס איז אַ ליכטיקער, ווייסער ווינ-טערדיקער פרימאָרגן. טעמערל טוט זיך אָן און גייט צו צום פענ-סטער. דער שניי איז אַרום נאָך אין ערגעץ נישט צוטראָטן,

בלויז אַ קליין שטעגעלע פירט צו דער שטוב. און די זעט, ווי די וויבער גייען אַריין אין דער צווייטער העלפט און גייען אַרויס, מען טראָגט גרויסע בלעכן פאַרשידענע געבעקס און גע-פּרעגלטע פליישן. מען לויפט, נאָר מען אַרבעט שטיל, מען הילט טעמערל זאָל זיך נישט אויפרעגן, טעמערל זאָל זיך היינט אויס-רוען... און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם גנבעט זיך צו טעמערל פון ער-געץ-וואו אַזאַ צאַרטער אומעט, זי וויל נישט טראַכטן... און דאָך שוועבן פאַר אירע אויגן בילדער פון איר קינדהייט, האַלב-פאַר-לאָשענע חלומות און קיינמאָל האָט זיך איר נישט געוואָלט אַזוי ווערן צוריק אַ קליין מיידעלע, ווי איצט...

ז.

דער לעצטער טאָג.

טעמערל קוקט זיך אַרום: אין איר חדר זיינען אַריינגעקו-מען אירע צוויי מומעס און זיי קוקן אויף טעמערל מיט אַזויפיל גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט. טעמערל פאַלט אַרויף צו דער מומע אויפן האַלז און וויינט זיך פּונאַנדער.

די מומעס גלעטן זי און דערציילן אויס אַלע נייסן: עס זיינען שוין געקומען אַלע מחותנים און „דיינער" האָט געפרעגט: „וואָס מאַכט מיין כלהשי?" טעמערל שפרינגט-אויף פון גליק און פרייד, זי גלויבט נישט אירע אייגענע אויערן: „וואָס מאַכט מיין כלהשי?" אַזוי האָט ער געפרעגט. עס דאַכט זיך איר אויס, אַז קיין גרעסער גליק האָט נישט געקאָנט זיין... זי וויל פרעגן ביי די מומעס, ווי ער זעט אויס, און וואָס נאָך ער האָט געפרעגט, נאָר זי שעמט זיך צו ריידן פון חתן.

פון פרייד לויפט זי ווייזן אירע פערל,ביידע מומעס שרייען מיטאַמאָל אויס: „אוי!", ווען זיי דערזעען דאָס ליכטיקע שנירל פערל. טעמערל מוז עס אָנטון און זיי קענען זיך זאַט נישט אָנקוקן... און די מומעס דערציילן ווידעראַמאָל פון זייערע חתונות, זיי ריידן אַ סך, טעמערל הערט נישט, וואָס זיי ריידן...

זי איז אַזאַ רוהיקע, אַ שטילע, ווי אַ טויב, די מומעס ווערן מיד פאַרצייל־דיק און גייען אַוועק. די זון האָט שוין אָנגעשאָסן אַ פול צימער מיט ליכטיקע ווינטער־שטראַלן, ס׳איז שוין האַלבער טאָג. טעמערל פאַסט היינט, נאָר זי שפירט זיך נישט שוואַך. זי הערט כסדר אויס, ווי מען שפילט ביי בערעק דעם מוזיקאַנט. בערעק מיט זיינע בנים וועלן היינט ביינאַכט ווייזן, וואָס זיי קענען.

אין יאַנאָווצע רודערט. ווייבער גלעטן זייערע קופּקעס, און יונגע מיידלאַך לויפן איינע צו דער צווייטער. דער פּעלט אַ סטיינגע, דער צווייטער אַ קרייזעלע. מיידלאַך פאַרקעמען איינע די צווייטע, מען גיט זיך עצות, מען זאָגט מבינות און מען רעדט פון טעמערלען:

—האָסט געזען?

—האָסט געזען טעמערלס פּאַוועס? זי האָט זיי שוין געענ־דיקט. אַ גאַנץ יאָר האָט זי אויף זיי געאַרבעט.

—און געענדיקט האָט זי פונקט צו דער חתונה.

—זאָל זי האָבן אַזאַ גאָלדן מזל.

—זי איז אַ גוטע, טעמערל.

—זי איז אַ שיינע, טעמערל...

—און ווער האָט געזען דעם חתן?

יאָ, דעם חתן האָבן שוין אַלע געזען; פון נעכטן אָוונט גנבעט זיך דאָס גאַנצע שטעטל אונטערן רבס פענסטער און מען כאַפּט אַ קוק אויף דעם חתן. אַלע זיינען בייגיריק צו וויסן, וואָס ער טוט, ווי ער זעט אויס. און די מיידלאַך פלוידערן זאָרגלאָז אַ גאַנצן טאָג און שפּיגלען זיך אָן אַן אויפהער.

און פריידעלע די שניט־קרעמערקע גיט אַלעמען עצות, ווי אַזוי ווער זאָל זיך אָנטון און פאַרקעמען. פריידעלע האָט רייכע קרובים אין וואַרשע, צו וועלכע זי פאָרט זייער אָפט אויף שמחות, און פון דאָרט ברייננגט זי אַלע מאָדעס. פריידעלע איז אַ ווייבל מיט געשמאַק, אפילו די אַרומיקע פּריצטעס קומען אָפט צו איר נאָך עצות. און אַליין שטייט זי שוין אין געוועלב האַלב־ יום־טובדיק אָנגעטון, דאָס שייטל איז אויסגעלייגט און פאַרקעמט, אין די אויערן שעמערירן אירע בריליאַנטענע אויריננגלאַך, וועל־

כע די טוט אָן בלויז דאָן, ווען זי פאָרט קיין וואַרשע אויף אַ שמחה, און היינט זאָגט זי, „ווען וואַרשע זיין אין יאַנאָווצע". עס איז טאַקע אַזוי: אַ סך וואַרשעווער געסט האָט היינט יאַנאָווצע.

זיי שפּאַצירן אַרום, די געסט, איבערן שטעטל, און דערציילן זיך געשיכטעס פון יחוס, פון אַמאָליקע פּריצים. דער טאָג איז אַ שטייפער און דאָס פרעסטל איז אַ געשמאַקס, עס איז אַ מחיה נאָך דער גרויסער שטאָט, נאָך דער איינגשאַפּט.

קיינמאָל האָט נאָך יאַנאָווצע אַזעלכע שיינע בגדים, אַזעלכע פּעלצן נישט געזען. און דעריבער פילט זיך היינט דאָס שטעטל יחוסדיק... און סימעלע די אָרימע, וועלכע האָט היינט פון טעמערל'ס מאַמע אַ שיינע נדבה באַקומען, גייט אַרום פון איין געוועלב צום צווייטן און דערציילט עס אַלעמען: „סאַר אַ גוטע מענטשן זיי זיינען פון רבס משפּחה", און זי בענטשט זיי מיט כּל-טוב.

—טעמערל, טעמערל!

אַ קליין בייגיריק מיידעלע האָט זיך אויף די שפּיץ פיסלאַך אויפגעשטעלט, אַריינגעקוקט צו טעמערל אין פענסטער און אַ רוף געטון: „טעמערל, טעמערל!" נאָר איידער טעמערל האָט באַוויזן צוצוגיין, איז שוין דאָס מיידעלע נעלם-געוואָרן און טעמערל איז געבליבן שטיין אַ פאַרזאָרגטע, זי האָט מקנא-געווען דאָס קליינע מיידעלע...

זי איז דאָ אין צימער צווישן אַזויפיל קליידער און צירונג, די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט, זי זאָל אַכטונג געבן, עס קען נאָך וואָס פאַרלאָרן גיין: „דאָס איז דאָך אַלץ דיינס, טעמערל!"

נאָר די ווערטער האָבן טעמערלען נישט געטרייסט, זי פילט זיך איצט פאַרלאָזן... כאָטש יעדע רגע לויפט אַריין די פאַרנומענע מאַמע, אָדער עפּיס אַ קרובה... זיי לויפן דאָך נישט צו טעמערל, זיי ברייגען צו פאַרשידענע חפצים אין דער כּלה-שטוב און זיי שושקען זיך אַזוי, אירע קרובים מיט דער מאַמען... לייבטער אויפן האַרצן ווערט ביי טעמערל, ווען זי קוקט

זיך אײַן אויף אירע פּאַוועס. זי דערמאָנט זיך דאַן איר זאָרג-לאָזע יוגנט, די תּנאָים און דעם חתן... אָך, ווען זי וואָלט זיך איצט אַרויסגעבעטן און אַוועק צו אים, קיינער זאָל נישט זען... זי וואָלט זיך געשראָקן און דאָך געגאַנגען צו אים. זי וואָלט אויף אים איין קוק געגעבן און גאָרנישט גערעדט, גאָרנישט גע-רעדט. צו וואָס באַדאַרף מען ריידן, ווען דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק, ווען די אויגן שעמען זיך... צו וואָס באַדאַרף מען ריידן?

ח.

„פּלהשי גרייט זיך!“

ביסלאַכווייז רוקט זיך אַוועק דער טאָג, ביי טעמערל אין צימער זיצן אירע חברטעס.

איינע זאָגט:

—טעמערל, דײַנע פּאַוועס זײַנען אויסגעצייכנט.

די צווייטע פרעגט:

—טעמערל, וואָס שווייגסטו? אַ כּלה דאַרף זיין פריי[illegible]אַך. און אין דעם קומט אַריין די מאַמע טעמערלס.

—קינדערלאַך, שוין צייט, העלפט מיין טעכטערל זיך אָנטון. איך געדיינק, ביי מיר האָט לאַנג געדויערט דאָס חופּה-קלייד אָנ-טון.—און פלוצלונג פאַלן מאַמע און טאָכטער אויפן האַלז איינע דער צווייטער און וויינען זיך פאַנאַנדער, דערנאָך גייט די מאַ-מע לאַנגזאַם אַרויס און טעמערל ווישט די טרערן פון די אויגן.

און טעמערל זיצט מיט פאַנאַנדערגעלאָזטע האָר, מען פאַר-קעמט איר און קיינע פון די חברטעס ריידן נישט פון דעם, אַז מאָרגן וועט מען די גאַנצע האָר אָפּשערן, כאָטש אַלע טראַכטן זיי פון דעם און אַלעמען טוט עס באַנג...

אין צימער ברענט שוין אַ גרויסער לאָמפּ, די פענסטער זײַנען פון דרויסן פאַרמאַכט און אינווייניק פאַרהאַנגען: קיין שפּאַרע זאָל נישט זיין, ווייל חברה שטיפערס, וואָס שפּילן זיך

אין שניי איצט אויפן גאַס, האָבן זיך צונויפגעקליבן אונטערן פענסטער און שרייען:

—טעמערל, מזל-טוב, טעמערל, מזל-טוב!

איר ווייס-זיידן קלייד גלאַנצט און שורשעט אין צימער. אויף אַ רגע ווערט זי פריילעך און נעמט מוטיק און שטאָלץ שפּרייזן איבערן צימער... די חברטעס שושקען זיך: „אַ בת-מלכּה, אַ בת-מלכּה".

און איר חופה-קלייד, וואָס איז אויסגעפּוצט מיט פאַרשידענע בלומען און זילבערנעם אויסנייעכץ, שעמערירט איבערן גאַנצן צימער. זי טוט-אָן איר צירונג, די פּערל מיט דעם אַלטן מעדאַליאָנטשיק פון די מומעס... און אַז די מומע מערע קומט אַריין, גיט זי אַ קלאַפּ מיט די הענט פון פרייד און שרייט-אויס:

—אַן אמתע יידישע כּשרע כּלה!—זי אַנטלויפט באַלד צו דער מומע לאה אָנזאָגן, אַז די כּלה איז שוין גרייט און אַז די מחותּנים וועלן זיך שוין באַלד צונויפקלייבן...

אין אַלע פענסטער לייכטן היינט העלער די פייערלעך, ווי אין אַלע נעכט. מען וואַשט זיך און מען צוואָגט זיך און מען רייניקט די קליידער, וואָס ליגן און רוען אין די אַלמערס פון איין שמחה ביז דער צווייטער.

בערעק באַווייזט זיך אויף דער גאַס מיט זיין קאַפּעלע, בערעק אַליין מיט אַ פידל, דער יונגער בנאָק מיט אַ גרויסער פּויק. אַ ביסל ווייטער פון זיי גייען די איבעריקע מוזיקאַנטן מיט פידלען און קלאַרנעטן, אַ רויטער מוזיקאַנט מיטן באַס און דער לעצטער גייט בערעקס זון, וואָס שפּילט אין וואַרשע. ער גייט יום-טובדיק אָנגעטון און האַלט זיך אָנשטענדיקער ווי די איבעריקע.

עס לויפן נאָך פיל קינדער. מען וואַרפט זיך מיט שניי-גאָמולקעס און מען שלאָגט זיך. פּלוצלונג נעמט בערעק אָן דעם סמיק, ער גיט אַ וואונק... עס דערהערט זיך באַלד איבערן גאַנצן שטעטל אַ פריילאַכער מאַרש...

טעמערל גיט אַ ציטער אין איר חופה-קלייד... און אין די איבעריקע הייזער נעמט מען זיך גאָכמער צײלן...

ט.

אויפן כלה-טראָן.

—„מען פירט, מען פירט די כלה צום טראָן!“—דאָס האָט איינער פון די דריי בדחנים אָנגעזאָגט, לויפנדיק פאָרויס אין דער „צווייטער העלפט“, וואו עס האָבן זיך שוין צונויפגעקליבן עטליכע געסט...

טעמערל, אַרומגערינגלט פון פיל ווייבער און מיידלאַך, קומט אין גרויסן באַלויכטענעם צימער, איר איז שווער צו טראָגן דאָס לאַנגע קלייד מיטן שלייער. זי קוקט זיך אַרום אַ ביסל צו-שראָקן, באַגריסט זיך מיט אַלעמען און ביים זעצן זיך אויפן „טראָן“ פאַרריכט זיך נאָכאַמאָל דעם שלייער. עס גייען צו די חברטעס און מען צוקושט זיך... מען קושט זיך לאַנג, האַרציק, מען ווינשט זיך טריי דאָס בעסטע אין לעבן. דערווייל נעמען שוין די מוזיקאַנטן שפּילן. עטליכע קינדער טאַנצן די ערשטע. צווישן די קינדער זיינען דאָ אָנגעפּאָרענע, שעמען זיי זיך, די פרעמדע קינדער, צו טאַנצן מיט די „יאַנאָווצער“. נאָר ביסלאַכ-ווייז ווערן זיי צוגעוויינט און די פּיסלאַך הויבן זיך זיכערער, גראַציעזער...

יונגע מיידלשע קעפּלאַך בויגן-אַיין צערטלאַך די נישט-אַנטוויקלטע אַקסלען און טראָגן זיך לייכט איבערן זאַל... טע-מערל קוקט אויף די קינדער. עס זעט איר אויס ווי אַ ווייטער חלום, נאָר זי מוז זיך פון חלום יעדע ווילע אָפּרייסן, ווייל עס קומען אַלץ אָן נייע געסט, עס קומען אַלע כלות פון יאַנאָווצע און יונגע ווייבלאַך, וועלכע זיינען אַליין נישט לאַנג געזעסן אויפן טראָן...

—„וועסט עס איבערקומען, טעמערל“,—טרייסטן זיי איר, ווען זיי צוקושן זיך און שמייכלען, און טעמערל פרעגט:—„פאַר-וואָס גייען זיי נישט טאַנצן?“ גייען שוין די עלטערע אויך טאַנצן און מישן זיך מיט די קינדער אויס... די גרויסע טאַנצן מיט די קליינע... מען טאַנצט אַזוי ערנסט, שווייגנדיק און די מוזי-

קאַנטן פאַרנעמען זיך העכער, שטייפער... עס קלינגען טענער און וועקן פיל ערינערונגען ביי אַלעמען. בערעק אַליין טרוימט אויך שפּילנדיקערהייט. אויף וויפיל חתונות האָט ער שוין גע-שפּילט—אין זומערנעכט און אין ווינטערנעכט... ביי אָרימע און ביי רייכע... אויף וויפיל שמחות איז ער שוין געווען, און זיין לעבן איז ביז היינט אַזוי פינסטער און טרויעריק געבליבן. נישט אומזיסט קומען אַרויס אַלע טענער ביי אים אַזוי טרויעריק.

דער טאַנץ רייסט זיך פּלוצלונג איבער, ווייל די מוזיקאַנטן הערן אויף צו שפּילן... אַלעמענס אויגן ווענדן זיך צום אַריינ-גאַנג. עס זיינען געקומען טעמערלס צוויי מומעס. מערע מיט לאהן זיינען געקומען. אָי, אָי... ווי מאָדנע זיי האָבן זיך אָנגע-טון, די אַלטע... זיי טראָגן אַזעלכע רונדע שוואַרצע קליידער, וועלכע זיינען געמאַכט מיט דראָטענע רייפלאַך. פון אונטן איז דאָס קלייד זייער ברייט, וואָס העכער—אַלץ שמעלער, און עס שטייט אַזוי אָפּ אַרום און אַרום, ווי ביי אַ פּאַווע... אויף די קעפּ טראָגן זיי אַלטמאָדישע קופּקעס, אויסגענייט מיט פּאַטשער-קעס פון אַלע קאָלירן, און אויף די אַקסלען אַזעלכע זיידענע טערקישע שאַלן און צירונג, רינגען, בראַסלעטן... אַלץ פון גאָלד, פון שווערן גאָלד...

ביידע מומעס לויפן מיט זייערע אַלטמאָדישע קליידער צו טעמערל, און ביידע שרייען זיי מיטאַמאָל אויס: „טעמערל!‟ נאָר די מומע מערע איז פלינקער און זי פאַלט פריער אַרויף אויף טעמערלס האַלז, דערנאָך די מומע לאה און באַלד ווידער די מומע מערע... זיי וואָלטן זיך ווער ווייס ווי לאַנג געקושט מיט דער כלה, ווען נישט דער בדחן, וואָס דערלאַנגט פּלוצלונג אַ געשריי צו די מוזיקאַנטן:

—אַ פריילאַכס לכבוד די מחותנתטעס!

די מוזיקאַנטן שפּילן-אויף אַ פריילאַכס, און די צוויי אַלטע שמייכלען און שאָקלען מיט די קעפּ צו: אָט אַזוי, אָט אַזוי טאַנצט, קינדערלאַך! און איינע און די צווייטע חזרט איבער: „ביי מיר אויף דער חתונה, ביי מיר אויף דער חתונה!‟ זיי וואָלטן איצט וועלן פאַר אַלעמען דערציילן זייערע ערינערונ-

געַן, נאָר אַלע זייגען פאַרנומען, מען לויפט אַריין און אַרויס... און די כלה אַליין זיצט אַ שווייגנדיקע און מען קאָן נישט פאַר-שטיין, צי הערט זי, וואָס מען רעדט צו איר, צי זי קלערט זיך אַרויס...

י.

דער גאַנצער יחוס.

דאָס צימער איז שוין פול. פריידעלע די שניטקרעמערקע איז געקומען אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד, באַפּוצט מיט טול און געהעקלט, און דער קאַרטשעק פון דעם קלייד איז מיט גאָלד געשטיקט, זי ווערט באַלד אַרומגערינגלט פון פיל מיידלאַך, וועל-כע באַטראַכטן איר קלייד. פריידעלע דערקלערט זיי עפּיס וועגן דעם קלייד און דערביי פאַרריכט זי ביי וועמען פון די כלות די פריזור, גלייכט אויס אַן אַרבל, וואָס ליגט נישט אַזוי, ווי זי פאַרשטייט. זי קוקט אָן אַלע קליידער — כמעט אַלע לויט איר עצה געניים געוואָרן...

געסט, געסט, אַזויפיל געסט...

אַ הויכע יידענע אין אַ גרוי שייטל שפּאַצירט אַזוי שטאָלץ איבערן זאַל. נישט אַלע ווייסן, ווער זי איז. פרעגט מען איינער ביים צווייטן און מען דערוויסט זיך, אַז דאָס איז אַ רביצין.

אַזעלכע קרובים, אַזאַ יחוס...

יאַנאָווצער בעל-הביתטעס האָבן זיך דאָס היינט אַ ביסל אויסגעפּוצט! איינע טראָגט אַ גרין-זיידן מאָרע-קלייד מיט אַ קליין שירצעלע און פיל האָבן זיך אָנגעטון אין שוואַרצע סאַמעטענע קליידער מיט גרויסע בופן אויף די אַרבל; די קליידער אַרום און אַרום אויסגענייט מיט פּאַטשערקעס, און ווער עס האָט אַ שטיקל צירונג, האָט זיך היינט אין דעם אויסגעפּוצט. שעמערירן און שפּילן די שטראַלן פון די פאַנאַנדערגעברענטע ליכט אויף פיל דימענטן, קרעלן און פּערל, ברילִיאַנטן וואַרפן זיך אין די אויגן, און גאָלדענע פינגערלאַך און קמיעות, אַלערליי סטיינגעלאַך, האַלז-בענדער...

אַן אַלטע באָבע, מיט אײַנגעפאַלענע אויגן, זיצט נישט ווייט פון טעמערל. זי קוקט, קוקט אויף יעדן לאַנג, איידער זי דערקענט, ווער דאָס איז... אויך אויף איר בליצט אַ גרויסע בראָש מיט גרויסע קאָלירטע שטיינער און אין האַנט האַלט זי, די באָבעשי, דאָס שאַכטל פון בראָש...

די קרובים און מחותנים לויפן אַריין און אַרויס, די מוזיקאַנטן שפּילן און הערן אויף. דער עולם קילט זיך מיט די פאָכערס, אויף וועלכע עס זײַנען אויסגעמאָלט פאַוועס מיט זילבערנע שוואַנען, בלומען מיט גאָלדענע בלעטער, אַנדערע פאָכען זיך אָפּ מיט זײַדענע טאַשנטיכלאַך, וואָס זײַנען אַרומגעזוימט מיט עכטע בריסעלער שפּיצן...

עס שפּרייזן אַרום די בעל-הביתטעס, די יחסנטעס; אַנדערע זײַנען אַזעלכע נישט-רירעוודיקע, שווײַגנדיקע, ווי פאַרמאַטערטע מלכּות זעען זיי אויס. אַנדערע, ווידער, ריידן און שמייכלען צו אַלעמען און זײַנען היינט אַזוי גוט, אַזוי גוט... אין טאַשנטיכלאַך האַלטן זיי געלט אויף נדבות און טיילן אויף רעכטס און אויף לינקס...

האָט אַ מיידל פאַרלאָרן אַ שנירל קרעלן, ווערט אַ טומל— אַלע זוכן... דאָס מיידל וויינט און אַלע ערגערן זיך. שפּעטער געפינט מען די קרעלן און עס ווערט אַ פרייד... אַלע לעבן און עטעמען מיט דער חתונה...

בלויז טעמערל איז נישט פריילעך. אַלע כּלות זײַנען שוין אַזעלכע: אין דעם בעסטן טאָג פון זייער לעבן ווערן זיי אומעטיק, אַזוי זאָגט די מומע מערע און אַזוי זאָגט די מומע לאה. זיי זיצן איצט אַרום טעמערל און טרעטן נישט אָפּ פון איר „טראָן“, ווי צוויי מלאָכים, ווי צוויי שומרים פון קעניג-טראָן. זיצן זיי נעבן טעמערל פון ביידע זײַטן מיט זייערע רונדע קליידער און קאָלירטע קופּקעס... קינדער שטעלן זיך אַרום און קוקן אויף דער פאַרפּוצטער כּלה מיט אירע צוויי מאָדנע מומעס...

טעמערלס מאַמע איז איצט ביים רב, וואו דער חתן געפינט זיך. טעמערלס טאַטע איז היינט געקומען פון וואַרז ער איז אויך ביים רב. טעמערלס טאַטע איז אַ גרויסער למדן; און

אַ גרויסער סוחר. ער איז שטענדיק באַשעפטיקט אין די אַרומי-קע וועלדער. מיט טעמערל פלעגט ער זעלטן-ווען ריידן, ווייל ביידע זיינען זיי שווייגנדיקע.

יא.

צו דער חופּה.

די מוזיק נעמט שפּילן... מען באַזעצט די כלה. סאַר אַ טרויעריקע מעלאָדיע עס באַגלייט דעם מאַרשאַליק, וויפיל ערינע-רונגען וועקן זיך אויף אין צענדליקער פרויען-הערצער. עס פאַלן טרערן... און דער בדחן אַליין איז אַזוי גערירט. ער קלויבט אויס זיינע בעסטע גראַמען און ווערטער. אַ קליינינקייט, אַזאַ חתונה; און די טענער צוגיסן זיך און רירן אָן אַלץ טיפער, טיפער אין דער נשמה... די פריילאַכסטע האַלטן נישט אויס און פאַרקלערן זיך...

באַר פלוצלונג ווערן די מוזיקאַנטן ווידערשפּעניק, זיי ווילן מער נישט קלאָגן, און הויבן אָן שפּילן אַ האַסטיקע מעלאָדיע, אַ מעלאָדיע פון אויפלעבונג און שטורם... אין זאַל רייסן זיך אַריין אַ סך יידן מיטן חתן. ער שטופּט זיך קוים דורך צו טע-מערלען. ער האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און פאַרדעקט טע-מערלס געזיכט מיט איר וועלאָן... און באַלד לויפן זיי אַלע אַרויס.

אַלע מיידלאַך און ווייבלאַך רינגלען אַרום טעמערלען, וועלכע שטייט איצט מיט אַ פאַרדעקט פּנים... מען נעמט איר אָן אונטער די אָרעמס, און מען פירט די כלה צום שול-געסל...

און בערעק שפּילט מיט זיין חברה, אַז די שטערן טאַנצן און האָפּקען אין הימל העט...

יב.

די חופה.

קינדער לויפן פאָרויס מיט ליכטלאַך אין די הענט. אויך באַלויכטן דעם וועג. דער שיין פאַלט אויף די פאַרשטייטע דע־בער און אויף די פּנימער פון די, וואָס זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַ קוק טון אויף טעמערלס חופה. אַזאַ נייגיריקקייט איז שוין לאַנג נישט געווען. אַלע זיינען אַרויס אויפן גאַס און לויפן נאָך בערקען מיט זיין קאַפּעלע...

און די כּלה אַליין גייט איצט מיט אַ פאַרדעקט פּנים, מיט פאַרבונדענע אויגן גייט טעמערל צו איר גליק. זי הערט בלויז, ווי קינדער שרייען און שטיפן. פון דער רגע, וואָס זי איז אַרויס אויפן גאַס, האָט זי זיך פאַר עפּיס דערשראָקן און די שרעק גייט שוין נישט אַוועק...

דערנאָך האָט זי זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן... איר חופה איז היינט... זי וויל זיך עפּיס דערמאָנען... איר חופה, איר חתן... עס שוועבן איר פאַר די אויגן די מומעס מיט די קרינאָלינעס און די פּאַוועס, די גאָלדענע, שטייען איר פאַר די אויגן.

באַלד שפּירט זי, אַז איר האַנד האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן עמיצענס אַקסל... „דאָס איז ער, ער... דער חתן". טויזנט שטי־מען נעמען זינגען אין איר און באַלד פאַרשווינדט איר פרייד...

טעמערל הערט ווי דער חזן זינגט, זי הערט אַרום זיך פאַרשידענע ברכות. נאָר עס קומט איר אַלץ אויס אַזוי וויט... דער שמש האָט זי געבעטן, זי זאָל געבן דעם פינגער, און איי־דער זי האָט נאָך אַליין אויסגעשטרעקט איר האַנט, האָט שוין אַ צווייטע האַנט איר אָנגענומען און אויף איר פינגער איז שוין געווען אַ שווער רינגעלע, ווי עמיץ וואָלט זיך דאָ שפּילן מיט איר אַ נייע שפּיל... וואָס ווילן זיי, די אַלע מענטשן פון איר? פאַרוואָס האָבן זיי איר דאָס פּנים פאַרדעקט? און דאָ הויבט מען ביי איר אויף דעם וועלאָן און מען טראָגט איר צו אַ גלעזל

אַריין צו די ליטן. זי טרינקט אָפּ עטליכע טראָפּן און כאַפּט זיך אויף, ווי פון אַ חלום...

יג.

דרשה-געשאַנק.

אין דער „צווייטער העלפט" איז ליכטיק און פריילאַך. טע-מערל זיצט אַרומגערינגלט מיט פיל ווייבער. אין די איבריקע חדרים זיצן די מענער. זי הערט, ווי זיי זינגען און לאַכן, אָבער זיין קול הערט זי נישט...

בערעק איז שוין באַגלעזולט און אין אַזאַ מאָמענט שפּילט ער פריילאַכער. עטלאַכע מחותנים זיינען שוין צו אים צוגעגאַנ-גען און דערלאַנגט עטלאַכע גילדן. אין קעשענע קלינגט שוין ביי אים גאַנץ לעבעדיק. שרייט ער צו די מוזיקאַנטן: „פריילאַ-כער, חברה!"

האָט איינער פון די מחותנים אַ געשריי געטון:

—בערעק, אַ מצוה-טענצל!

זיינען די ווייבער מיט דער כלה צוזאַמען אַריין צו די מענער און אין גרויסן צימער האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט און איינגעקוקט, ווי די צוויי מומעס, מערע און לאה טאַנצן... ביי-דע האָבן מיט איין האַנט צוגעהאַלטן אַ טיכל פאַר די שפּיצן און מיט דער צווייטער דאָס קלייד. ווי ערנסט און שווייגנדיק זיי זיינען דאָס געוואָרן אין טאַנצן! די ליפּן האָבן זיי צוגעמאַכט פעסט, און זעלטן, זעלטן אַ שמייכל געטון. עס דאַכט זיך, אַז זיי ווילן ווייזן, וואָס זיי קענען: „אָט, זעט טאַקע אַלע, ווי מיר האָבן געלעבט און געטאַנצט, נישט אַזוי ווי היינט". די קרינאָ-לינעס האָבן געטאַנצט מיט זיי, די טערקישע שאַלן האָבן זיך געוויגט אויף זייערע אַקסלען און צום סוף איז ביי דער מומע מערע דער שאַל אַראָפּגעפאַלן. זיי האָבן זיך אָבער נישט אָפּגע-שטעלט, ביז די לעצטע כחות האָבן זיי געטאַנצט, איינע אַנט-קעגן דער צווייטער. הין און צוריק, הין און צוריק... בערעק

האָט געזען, אַז זיי זיינען שוין גוט מיד, האָט ער אָפּגעשטעלט די מוזיק און ביידע מומעס זיינען מידע צוגעפאַלן צום אָרט, וואו טעמערל איז געזעסן און איינע האָט קוים אַרויסגערעדט: „אוי, טעמערל, ביי מיר אויף דער חתונה"...

דערנאָך האָבן געטאַנצט די איבריקע מחותנים. טעמערל האָט אויך געמוזט איינמאָל טאַנצן, כאָטש זי איז געווען אַזוי מיד, אַזוי מיד... ווען זי האָט געטאַנצט, האָבן אַלע ווייבער זיך געשושקעט, אַזוי שיין איז זי געווען, אַזוי שטיל, ווי אַ טויב אַ געפאַנגענע...

דער מאַרשאַליק האָט אויסגערופן דרשה-געשאַנק און עס האָבן זיך גענומען שיטן זילבערנע און גאָלדענע חפצים... בע-כער, דוקאַטן, רענדלאַך, אַ זילבערן תורהלע און אַ זילבערנער חנוכה-לייכטער, אַ סידור מיט אַ פּערלמוטערנעם טאָוול. די, וואָס האָבן געגעבן, זיינען געווען שטאָלץ ביי זיך, און די, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט, האָבן געפינקלט מיט די אויגן און אַרויסגעוויזן יעדע רגע פאַרוואונדערונג. און דער בדחן שרייט אַלץ העכער: דרשה-געשאַנק פון דער כלהס צד, פון התנס צד...

י.

ביידע צוזאַמען.

ביז פאַרטאָג האָט מען געהוליעט. מען איז שוין מיד און שכור געווען... מען צוקושט זיך מיט די מחותנים, מען זעגנט זיך מיט חתן־כלה, אַלץ ווייניקער, ווערן געסט.

מען פירט שוין טעמערל מיט „אירן" אין „זייער הײלפּט".

די מאַמע קושט לאַנג איר טאָכטער, און די מומעס, מידע און שוואַכע, קושן אויך טעמערל. טעמערל באַמערקט נישט, ווי זי בלייבט אַליין מיט אים אין צימער. זיי שווייגן ביידע, זי שפירט, אַז „ער" שטייט אין צווייטן ווינקל פון צימער און באַלד, באַלד וועט ער אָנהויבן ריידן, נאָר זי האָט נישט קיין מוט אויפצוהויבן אויף אים די אויגן. זי וויל דאָך אויף אים אַ קוק

טון, ווי ער זעט אויס... זי קען אים דאָך אַזוי ווייניק, אַזוי ווייניק... זי וואַנדערט מיט די אויגן פון איין זאַך אויף דער צווייטער, ביז זי פאַלט אַרויף מיט איר בליק אויף די פאַווען... אויף די גאָלדענע פאַוועס, וואָס הייגען אויפן וואַנט. עס דאַכט זיך איר אויס, אַז די פאַוועס בויגן זיך צו איר אַראָפּ נידעריקער, נידעריקער... ציען אויס די לאַנגע העלזער און בויגן זיך צו טעמערל, זיי ווילן, אַז זי זאָל זיי אַ גלעט טון... זיי האָבן געבענקט נאָך איר, און זי האָט דאָך נאָך זיי אויך געבענקט...

קוקט אַזוי טעמערל אויף די פאַוועס און פאַרחלומט זיך און פאַרגעסט זיך אויף אַ רגע, אַז הינטער איר שטייט ער, איר חתן... איר לאַנג דערוואַרטעטער. פּלוצלונג דערהערט זי זיין רויִקע, אַטלאַסענע שטים:—ס'איז דיין אַרבעט, טעמערל? דיינע פאַוועס?" „יאָ,—ענטפערט זי און דערפילט אַזאַ נאָענטקייט צו דעם מענטשן.—יאָ, איך האָב זיי געאַרבעט מיט גאָלדענע פעדם"...

און דורך די לאָדנס גנבעט זיך אַריין אַ בלייכער פרימאָרגנשטראַל און פאַלט אַראָפּ אויף די גאָלדענע פאַוועס...

געשיינקטע יאָרן.

פאַר אָט דערדאָזיקער אַלטער זאָלט איר האָבן דרך-ארץ—סך-הכּל פעלט איר צו הונדערט יאָר נאָך אַ יאָר פערצען. נישט מער, וויפיל זי וועט נאָך לעבן, ווייס דער הימל. נאָר זי אַליין האַלט, אַז אירע יאָרן האָט זי שוין אָפּגעלעבט און איצט דאָס, וואָס זי גייט נאָך אַרום, דאָס, וואָס אירע אויגן זעען נאָך און די ליפּן קאָנען נאָך דאַוונען און בענטשן, אַך, דאָס איז אַלץ געשיינקטע פון גאָט יעדער טאָג, יעדע שעה און מינוט—דאָס איז אַלץ געשיינקט, דאָס איז אַלץ אַ מתנה פון דעם, וואָס לעבט אייביק.

געשיינקטע יאָרן...

די אַלטע איז רוהיק, די אויגן זייען געזונט און אַז אַ מענטש, זאָגט זי, העט—לעבט ער נאָך. זי גייט מיט אַ געגאָלטן גרויען קאָפּ, וועלכער איז צוגעדעקט מיט אַ קאָלירטער קופּקע. די ווייסע צוויי ברעמען איבער די אויגן לייכטן ווי זילבערנע צוויי פּרעסקעס אויף אַן אַלטער וואַנט. קיין ציין האָט זי שוין נישט, נאָר דאַוונען זאָגט זי, דאַוונט מען מיט דער נשמה, מיט די ליפּן און נישט מיט די ציין.

זי איז שטענדיק נעבן איר קרבן-מנחה, ווייל דער קרבן-

מנחה איז זײער אַ גרויסער—גײט זי צו אים, זי האָט נישט קײן כּח צו טראָגן אַזאַ גרויסן ספר.

בײם קרבן-מנחה ליגט שטענדיק אַ פּאָר אַלטעברילן אין אַ שװאַרץ שײדל. די ברילן טוט זי אָן צוליב די קלײנע בוכשטאַבן, די גרעסערע װערטער קען זי, געלױבט דער איבערשטער, לײענען אָן ברילן.

זמערצײט קוקט זי אַרויס פון פענסטער און װער עס קומט צו נענטער, דערקענט זי. זי קען אַלעמען, עס מעגן זײן קינדער פון די לעצטע גאַסן אין שטעטל.

—קום נאָר אַהער,—זאָגט זי,—קום נאָר אַהער ײנגעלע, דו ביזט נישט שאול דעם מלמדס?—די אַלטע האָט געטראָפן, די אַלטע טרעפט שטענדיק.

נישט װײט פון איר זונס שטוב, װאו זי לעבט איצט, ליגט דער אַלטער בית-עולם. „דער אַלטער בית-עולם”. די אַלטע רעדט שטענדיק מיט טיפער אַכטונג פון דעם אַלטן בית-עולם. פון נײעם בית-עולם האַלט זי נישט שטאַרק... װײס איך, װאָס! װער ליגט דאָ אויף דעם נײעם בית-עולם? עטלאַכע שוסטערס, עטלאַכע שנײדערס און עטלאַכע פּשוטע בעלי-הבתים... אָבער דאָ אויף דעם אַלטן בית-עולם ליגן עטלאַכע פרומע דורות מיט רבנים, מיט אַלע אירע קרובים—אַ יחסן אַ בית-עולם!

אויף דעם־דאָזיקן בית-עולם האָט די אַלטע אַן אָנגעגרײטן קבר שוין פון אַ סך יאָרן און זי האָט זיך אַלײן צוגעקוקט, װי דאָס לײדיקע אָרט װערט אַלץ מער פאַרװאַקסן. אַ מענטש האָט שוין אַ קבר און איז שוין אַלט, נאָר גאָט שײנקט יאָרן—אַזוי באַדאַרף געװיס זײן.

די אַלטע לעבט שוין מער מיט יענער װעלט, װי מיט דער װעלט: שטענדיק קומט איר װער צו חלום פון „דאָרט” און זי דערצײלט פאַר אַלעמען די חלומות מיט אַזאַ ערנסטקײט, פּונקט װי זי װאָלט רײדן פון די שכנים און דערצײלט װעגן זײערע לעבעדיקע ענינים...

באשר זי האָט אַלעמען איבערגעלעבט און גאָט האָלט איר אין אײן שענקען טעג מיט װאָכן, װאָכן און יאָרן.

און כל-זמן מען איז דאָ נאָך צווישן די זינדיקע מענטשן, באַדאַרף מען זיין אַ מענטש און מען בעדאַרף לעבן ווי אַ מענטש. מורמלען אירע ליפּן כּסדר פרומע תּפילות און שבת איז זי גאָר אַן אַנדער מענטש: אַ לוסטיקע, אַ צוגעפּוצטע...

די פאַסט יום-כּפּור און בלייבט אַ גאַנצן טאָג אין שול. די ווייבער אַרום איר קוקן כּסדר און וואונדערן זיך.

—ווי די אַלטיטשקע האַלט זיך, רבונו-של-עולם, געפּענשט זאָלסטו זיין.

און די אַלטיטשקע דאַוונט און דאַוונט. עס דאַכט זיך, אַז זי דאַוונט פאַר דער גאַנצער וועלט. זי שטייט און זיצט אין איר שוואַרץ קלייד, וועלכעס זי טראָגט בלויז אין שול און אויף שמחות. די קינדער פון דער ווייבערשער שול קאָנען גלייכגיל-טיק נישט פאַרבייגיין איר קלייד.

זיי שטעלן זיך אַרום, די שטיפערס, און נעמען באַטראַכטן די פאַטשערקעס:

—זע נאָר, אַ גרינע...

—זע נאָר, אַ בלויע...

און אַ סך טעג האָט מען באַדאַרפט, ווייזט אויס, אַרבייטן און אַ סך נעכט נישט שלאָפן, כּדי אָנצושטעקן אַזויפיל פאַטשער-קעס אין דעם שוואַרצן זיידענעם קלייד, וואָס די אַלטע טראָגט.

שפּעטער, ווען מען ענדיקט דאַוונען און ווען די אַלטע קומט צוקריכן אַ האַלב-טויטע אַהיים, קושט זי זיך מיט די קינ-דער און רעדט אַרויס:

—נאָך אַ יאָר האָט גאָט געשיינקט.

יעדעס מאָל, ביי יעדער געלעגנהייט, חזרט זי איבער די ווערטער:

—ס'איז דען מיין וועלט? מיינע יאָרן? אַלע זיינע, זיין מתּנה, איך האָב שוין מיין וועלט אָפּגעלעבט און דאָס, וואָס איך גיי נאָך אַרום צווישן אייך, זינדיקע מענטשן, דאָס איז אַ צוגאָב, אַ מתּנה...

טרעפט זיך, אַז זי ווערט קראַנק, זאָגט זי צו די קינדער גאַנץ רוהיק: „אפשר שוין?" לייגט זי זיך אין בעט, טוט איבער

ריינע וועש, וואשט זיך אָרום, פאַרריכט די קופקע און ליגט אַזוי און קרעכצט.

זי ליגט אַ טאָג, אַ צוויי, עס ווערט איר אַ ביסל בעסער, נעמט זי דעם קרבן-מנחה און דאַוונט... ביז זי ווערט געזונט.— גאָט האָט צייט... צו וואָס בעדאַרף ער מיך דאָרטן? און זי גייט ווידער אויף דעם אַלטן בית-עולם, פונקט ווי זי וואָלט גיין צו גוטע שכנים, און דאָרט באַגעגנט זי טאַקי אָפט נאָך אַזאַ אַלטע, ווי זי און די אַלטע ריידן זיך אויס די הערצער...—שוין געווען קראַנק, שוין געמיינט, אַז איך גיי שוין צו מיינע אויף יענער וועלט און גאָט שיינקט נאָך אַ ביסעלע טעג...

זיצן זיי, די אַלטיטשקע, און ריידן פון יענער וועלט, פונקט ווי פון אַ נייער דירה, וואו מען באַדאַרף זיך אַריבער-קלויבן. עפּיס דער גן-עדן מיטן גיהנם איז ביי זיי אַזאַ נאָענטע זאַך, זיי בעל-הבתעווען דאָרט געדאַנקלאַך און אָרדנען זיך, ווי גאָט הייסט.

אין די אלול-טעג גייט זי כמעט נישט אַראָפּ פון בית-עולם, די אַלטע. און איצט איז זי קיינמאָל נישט אַליין. אַלע באַקאַנטע בית-עולם-קלאָגערינס קלייבן זיך דאָ צונויף, נאָר זי אַליין וויינט נישט און שרייט נישט אויפן קול.

אַז זי האָט עפּיס אַ בקשה צו אירע פאַרשטאָרבענע: עס מאַכט זיך, אַז עמיצער אינדערהיים איז נישט געזונט, צי עמי-צער בעדאַרף גיין פאַר אַ סאָלדאַט, קומט די אַלטע צו אירע געטרייע קבֿרים און רעדט אַריין צו זיי און דערציילט און בעט און פאָדערט ביי זיי דאָס, וואָס זי דאַרף.

זי דערציילט גענוי פון אומגליק און פאָדערט אַ זיכערע הילף.

דערנאָך זיצט זי אַ שווייגנדיקע ביי אַ קבֿר. עס קומט צו עפּיס אַ יידענע און דערציילט אירע זאָרגן... די אַלטע טרייסט, זי טרייסט אַלעמען. אַ מענטש אָן אַ טרייסט, זאָגט זי, איז ערגער, ווי אַן עלנטער שטיין.

בלעטער פאַלן פון די ביימער און די אַלטע מיט די

קנייטשן זעט אויס, ווי אַ מאָנומענט אויף דעם בית-עולם אין הערבסט-טאָג.

נאָר דער מאָנומענט הויבט זיך אויף און שפרייזט אין די שמאָלע אַלייען צווישן די אַלטע מצבות, די געלע בלעטער צו-פליען, דער ווינט מאַכט ריין דעם וועג פאַר דער אַלטער.

זי שפרייזט אַזוי, די פרומע, די אָפּגעלעבטע, און פלוצלונג דערזעט זי איר שטיקל ערד.

—פאַרוואַקסן,—טראַכט זי און זי האָט עפּיס רחמנות אויף דעם שטיקל ערד, וואָס בלייבט אַזוי לאַנג ליידיק.

—וואָס בין איך שולדיק,—טראַכט זי אין זיך.

„באשר גאָט שיינקט מיר טעג און יאָרן, טעג און יאָרן"...

דער ליבער אַלטער בית-עולם ווערט רוהיקער און אַייב-געהאַלטענער. ער וועט וואַרטן, ער האָט געדולט, דער בית-עולם...

דער באָבעס ווינקל.

מיט עטליכע יאָר צוריק איז די אַלטע געקומען פון שטעטל:

—קינדער, שווער איז עלנט צו לעבן און שווער איז עלנט צו שטאַרבן, איך באַדאַרף אַ קליין ווינקעלע.

זי האָט אויך דאַן מיטגעבראַכט איר גאַנץ פאַרמעגן: אַ ביסל מזומן, וואָס זי האָט אָפּגעלייזט פאַר דער שטוב און אַ ביסל אַלטמאָדישע צירונג, שנירעלאַך פּעריל און אַ שיין ביסל קופּער...

די קינדער—דער עלטערער זון מיט דער שנור און דער האַלבער מנין אייניקלאַך האָבן די באָבע אויפגענומען גאַנץ פיין.

די אַלטע האָט באַקומען אַ צימער און זי האָט זיך דאָרט איינגעאָרדנט איר „קליין ווינקעלע", וואו זי פלעגט אָפּזיצן לאַנגע שעהן איבערן תהילים און קרבן-מנחה.

זי איז געווען אַ פרומע און אַ קלוגע באָבע: דער זון דאַוונט נישט, די אייניקלאַך אויך נישט, עס האָט איר פיל עגמת-נפש פאַרשאַפט, נאָר די אַלטע פלעגט קיינעם נישט שטראָפן, זי פלעגט בלויז אָפּזיפצן.

—גאָט אין הימל! אַ מאָדנע וועלט געוואָרן, נאָר מן-השמים איז דאָך דיין ווילן אַזוי...

און זי פלעגט דערפאַר דאַווענען פאַר אַלעמען: פאַר דעם זון מיט די אייניקלאַך.

זי איז געווען אַ ציכטיקע, ווי אַ יונג מיידל. דאָס קלייד מיט דער קופקע, אַלץ האָט געלויכטן פון זויבערקייט און ריינקייט, איר בעט איז שטענדיק צוגעדעקט געווען מיט אַ ווייסער געקרויזטער דעק, דאָס טישל מיט אַ ליכטיקן סערוועט. דער קרבן-מנחה, די שפּאַקולן—יעדע זאַך האָט זיך געהאַט אַן אָרט. פרייטאָג פלעגט זי בענטשן ליכט. צוערשט האָט זי עס געפּרובט אין עסצימער טון, האָבן די אייניקלאַך געטריבן שפּאַס פון דעם...

די באָבע איז שוין אַלט, נאָר אירע אויגן באַמערקן אַלץ, איר אויער דערהערט... האָט זי צוגענומען אירע לייכטער צו זיך אין צימער און דאָ האָבן זיי עפּיס העלער געלויכטן...

אַז אפילו העליע, איר אייניקל די גימנאַזיסטקע, האָט אַמאָל געזאָגט:

—ביי דער באָבען אין צימער איז עפּיס אַזוי מאָדנע גוט, אַ הייליקקייט שוועבט דאָרט.

ווען די באָבע פלעגט עפענען די טיר און אַריינקומען צו די קינדער, פלעגט זיך דאַן אויסדאַכטן, אַז עפּיס אַן אַנדער מענטש פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט קומט אַריין. זי האָט אין דער שטוב געבראַכט אַ ווידערקול פון דער פאַרגאַנגנהייט...

מען האָט געהאַט דרך-ארץ פאַר איר. צוליב איר האָט די שנור געפירט אַ כשרע קיך און ערב-יום-טוב פלעגט זי זיך מיט איר מישב-זיין, וואָס אַיינצוקויפן.

די אַלטע האָט געלעבט בלויז מיט זכרונות, זי פלעגט דערמאָנען דעם אַלטן און אַנדערע פאַרגאַנגענע געשטאַלטן. די קינדער פלעגן זי אויסהערן און אין זייערע מוחות פלעגט זיך עפּיס דערוועקן אַן אַנדער לעבן, אַ נאָנטע און ווייטע לעגענדע פון זייער אייגענעם צווייג און שטאַם.

אין די איבריקע חדרים פלעגט שוין דער פרעמדער לשון קלינגען און פרעמדע געדאַנקען האָבן אַלעמען געפאַנגען, און

בלויז דער באָבעס צימער איז געווען איינגעהילט אין יענער לעגענדע.

זי איז נאָך עלטער געוואָרן, פון אונטער איר שייטל רוקן זיך אַרויס בערגלאַך שניי-ווייסע האָר, און די קנייטשן אויף איר געזיכט האָבן זיך איינס אויפן צווייטן געלייגט... נאָר דעם גע-דאַנק און פאַרשטאַנד האָט זי נישט פאַרלאָרן. אפילו די ציכטיק-קייט פון איר בגד און איר חדר האָט זי נאָך אַלץ מיט דער-זעלבער פלייסיקקייט אָפּגעהיט. זי פלעגט נישט רוען, ווען די גאַרדין פון איר פענסטער איז טונקעלער פון שטויב געוואָרן, די גאַרדין האָט מען געמוזט אומבייטן.

עטלאַכע מאָל איז זי קראַנק געוואָרן, פלעגט זי אַריינרופן דעם פאַרנומענעם זון:

—איין מאַמען, מער האָט נישט אַ מענטש... זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זאָגן קדיש!—און דער זון פלעגט עס צוזאָגן, ער האָט די מאַמע ליב געהאַט.

זי פלעגט אָבער גיך צו זיך קומען:

—גאָט איילט זיך נישט און איך האָב אויך צייט,—פלעגט זי זיך וויצלען אין אַזוינע פאַלן.

נאָר דאָס לעצטע מאָל איז זי געפערלאַך קראַנק געוואָרן און באַלד פאַרלאָרן דאָס לשון. ווען דער זון איז אַריין, האָט זי אויף אים אַ לאַנגן קוק געטון. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט און ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „איך וועל זאָגן, מאַמע, איך וועל זאָגן קדיש".

זי איז געשטאָרבן.

דאָס חדר איז ליידיק געוואָרן, די דינסט האָט עס אויפ-געראַומט, ווי אַלעמאָל. נאָר וואָכן זיינען אַוועק און קיינער פלעגט אין צימער נישט אַריינגיין.

אַלע זיינען פאַרנומען געווען און אַלעמען פלעגט עס נע-מען קלעמען ביים האַרצן, ווען מען פלעגט דערמאָנען די פאַר-שטאָרבענע.

מען האָט זיך איצט דערמאָנט, מיט וואָס פאַר אַן אומע-טיקע אויגן זי פלעגט קוקן אויף אירע אייניקלאַך: יענע האָבן

גאָרנישט געוואוסט פון יידישקייט און פון דאַוונען, מען פלעגט איר דערמאָנען צו גוטן: סאַר אַן איידעלע אַלטיטשקע דאָס איז געווען.

נאָר דער חדר, וואו זי האָט געלעבט און געשטאָרבן, איז געבליבן אויף אַ לאַנגער צייט פאַרשלאָסן.

ביז עס איז געקומען ערב אַ יום-טוב, ערב פרילינג, די זון האָט אַריינגעשיינט, ביי אַלע שכנים האָט מען שוין געעפנט די פענסטער און מען שטויבט אַלץ אויס.

די דינסט האָט אויפגעשלאָסן דער באָבעס צימער. העליע, די גימנאַזיסטקע, האָט די ערשטע אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, דערנאָך איז אויך קובאַ אַריינגעלאָפן... און נאָך אים אַלע קינדער...

איצט האָבן זיך אַלע נאָכאַמאָל דערמאָנט אָן דער באָבען. אויפן טיש איז, ווי שטענדיק, געלעגן איר גרויסער קרבן-מנחה, די ברילן, די לייכטער זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקל...

אַלץ פאַרשטויבט און פאַרלאָזן.

די קינדער זיינען געשטאַנען אין צימער און אַלץ אַרומגעקוקט און אַלץ דערמאָנט די באָבע. טאַטע-מאַמע זיינען אויך אַריין צו זיי, עס האָט זיך געהערט אַ זיפץ... עס האָט עפּיס אַלעמען געדריקט. נאָר די דינסט האָט פּלוצלונג אָן עפן געטון דאָס פענסטער.

אַ פרישער שטראָם לופט און ליכט האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער. אַלע זיינען צוגעלאָפן צום פענסטער און אַראָפּגעקוקט אונטן: דער הויף איז באַלויכטן און באַשטראַלט, קינדער שפּילן זיך. און אָט קומט אַ קאַטערינשטשיק און נעמט שפּילן און קאָמעדיאַנטן וויזן קונצן, זיי ברעכן זיך און שלינגען פייער.

אַלע האָבן זיך פאַרקוקט, און דאָס צימער איז דערווייל פול געוואָרן מיט פרישער לופט, מיט פרישן לעבן...

אין דער רגע האָט שוין קיינער נישט דערמאָנט די באָבע.

גאָטס שליחות.

אַ בייזער קאַלטער ווינט האָט זיך צוהוליעט איבער די פעלדער. ווי אַ צעווילדעטע חיה יאָגט ער זיך אַרום און יאָמערט, יאָמערט שרעקלאַך. אָט ווערט ער שטיל אויף אַ מאָמענט, ווי ער וואָלט וועלן אַרומקוקן, וועלכע חורבנות ער האָט דאָ אָנגעמאַכט. נאָר די פעלדער זיינען פוסט, אויסער עטלאַכע ביימער שטייען, איינער ווייט אָפּגעטיילט פון צווייטן; זיי בויגן זיך אַיין, די ביימער, קניען פאַרן ווינט, נאָר אינגאַנצן אויסציען זיך אויף דער ערד ווילן זיי נישט, און דער ווינט ווערט נאָך בייזער — ער גיט מיטאַמאָל אַ שטורם — עס הויבן זיך אויף צופוילטע פאַרטריקנטע בלעטער און טראָגן זיך אין דער לופטן; די ביימער בויגן זיך, אָט-אָט, באַלד ברעכן זיי זיך אַיין, נאָר זיי האַלטן אויס.

עס האָט לייכט געשנייט, נאָר דער ווינט האָט די ערשטע שנייעלאַך קיין מקום-מנוחה נישט געגעבן: ער האָט זיי אַרומגעטראָגן אין דער לופטן, געוואָרפן זיי אין זיינע פאַליעס אַרויף און אַראָפּ, פאַנאַנדערגעבלאָזן זיי, ווי שטויב... ביז דער שניי האָט זיך פאַרשטאַרקט און האָט אָנגעהויבן ביסלאַכווייז פאַרדעקן די פעלדער; דער ווינט האָט נישט גערוט — ער האָט אָפּגעדעקט

איין שטיק פעלד און צוגעדעקט דאָס צווייטע, און אַזוי האָט ער לאַנג אַרומגעשליידערט דעם שניי, ווי אַ ווייסע גרויסע קאָלדרע. די שניי־קאָלדרע איז אָבער אַלץ גרעסער געוואָרן און לייגער, ברייטער. די פעלדער זיינען שוין איינגאַנצן ווייס און דער ווינט איז פאַר הרפה אַנטלאָפן.

דער שניי האָט זיך איצט לאַנגזאַם געשאָטן און אַלץ געדיכטער צוגעדעקט די פעלדער. שוין אַלץ ווייס אַרום, אויסער עטלאַכע קראָען האָבן זיך נישט ווייט אַראָפּגעלאָזן, די איינציקע שוואַרצע פינטלאַך אויף גאָטס ווייסער וועלט.

פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ געשטאַלט אויפן וועג, אַ פאַרשנייטער מענטש מיט אַ פאַרשנייטער לאַנגער באָרד. אויפן פּלייצע טראָגט ער אַ קאַסטן. ער גייט איינגעבויגן און קרעכצט און אײַלט זיך.

דאָס איז דאָך בנימין, דער אַלטער גלעזער פון יאַנאָווצע. וואָס לויפט ער אַזוי? וואָס קרעכצט ער, דער אַלטער?

היינט איז פרייטאָג און ער האָט זיך צופיל פאַרזוימט אין דאָרף: דער לעצטער ווינט האָט אויסגעבראָכן אַ סך שויבן, ער האָט געהאַט אַרבעט און האָט פאַרדינט, נאָר ער האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט פאַרשפּעטיקט, ווי היינט. שטענדיק פרייטאָג אין דער צייט איז ער שוין אינדערהיים און זיין אַלטע ברכה דרייט זיך אַרום אים, ווי אַ טויב.

איצט מוז זי זיך שטאַרק וואונדערן, וואָס ער, בנימין, איז נאָך אַלץ נ־ישטאָ, זי שרעקט זיך שוין אודאי, די אַלטע. אַ גאַנצע וואָך וואַרט זי דאָך אויף אים. דעם אַלטנס האַרץ ווייטיקט פון דעם געדאַנק און ער נעמט שפּרייזן האַסטיקער.

די פיס ברעכן זיך פון שוואַכקייט, ער האָט זיך געמוזט שטעלן אָפּרוען. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און זיך אַרומגעקוקט, אַלץ אַרום איז ווייס געווען. די קראָען האָבן זיך דערשראָקן פאַר אים און זיינען אָפּגעפלויגן אַ ביסל ווייטער.

דער גאַנצער קערפּער האָט אים ווי געטון. עס האָט אים געצויגן צו דער ערד: זיך אַוועקזעצן און אָפּרוען אויפן ווייסן, ווייכן שניי. נאָר ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק,

דער טאָג איז קורץ און יאַנאָווצע איז נאָך גענוג ווייט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּרייזן.

שוין עטלאַכע און פערציק יאָר ווי ער איז גלעזער—זומער פאַרדינט זיך כמעט גאָרנישט, נאָר ווען די פּויערים קומען פון די פעלדער, ווען זיי ענדיקן די אַרבעט אין שייער, הויבן זיי דעמאָלט אָן אַרומקוקן די הייזלאַך. בנימין דער גלעזער נעמט דאַן דעם קאַסטן מיטן גלאָז אויפן פּלייצע און לאָזט זיך אַוועק איבער די דערפער, און וואו ער באַמערקט אַן אויסגעשלאָגענע שויב, שטעלט ער זיך אָפּ.

אַלע פּויערים אין די אַרומיקע דערפער קענען אים. די שקצים וואַרפן אויף אים קיין שטיינער נישט, די הינט בילן נישט אויף אים. ער קומט, ווי אַן אייגענער אין דאָרף, שטעלט אַריין די שייבלאַך, וועלכע פעלן אין די דאָרפישע קליינע פענסטער און גייט אַוועק אין אַ צווייטן דאָרף. ער האָט איצט געטראַכט פון די דערפער, וועלכע ער האָט נאָך דורכצוגיין. זאָל ער נאָר קומען אַהיים, זאָל ער זיך נאָר אויסרוען און נאָך שבת וועט ער זיך ווייטער לאָזן אין וועג אַריין.

ער האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט און אַ שרעק איז אים באַפאַלן: דער שניי האָט אָנגעהויבן טונקעלער צו ווערן—עס קומט שוין אָן די נאַכט...

וואָס וועט דאָ זיין מיט אים?

דער וועג איז אים נאָך קיינמאָל אַזוי לאַנג נישט געווען. און אפשר האָט ער פאַרבלאָנדזשעט? אַ קאַלטער שוויס איז אים אַרויס אויפן שטערן. ער האָט געקוקט, געקוקט און האָט נישט דערקענט, צי דער וועג איז דערזעלבער... קערט זיך אום עטלאַכע טריט צוריק, עטלאַכע טריט אויף לינקס, אויף רעכטס—דער שניי פאַרקלעפּט די אויגן, דאָס האַרץ קלאַפּט און שרעקט זיך.

וואָס וועט דאָ זיין מיט אים?

האָט ער געוואָלט נעמען שרייען, נאָר זיין שטימע איז אים פאַרגליווערט געוואָרן און די נאַכט איז אַלץ נידעריקער, נידעריקער אַראָפּגעפאַלן.

דער אַלטער האָט זיך געכאַפּט, אַז עס איז שוין שבת, ער

ז. סעגאַלאָוויטש.

האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָסטן אויפן שנײ. ער האָט אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט פון קעשענע און גענומען ווידער גיין, נאָר זײַנע פיס האָבן אים נישט געדינט. עס האָט אים געצויגן שטאַרקער צו דער ערד.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, נאָר באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט אימפּעט, אָפּגעגאַנגען עטלאַכע טריט און זיך ווידער אַוועקגעזעצט. דער קערפּער איז אים שווערער און דער שנײ האָט געגלעט זײַנע אַלטע באַקן, די ברעמען פון די האַלב-פאַרשלאָסענע אויגן. ער האָט האַלב-געעפנט די ליפּן און מיד געשטאַמלט:

— וואָס וועט דאָ זײַן פון מיר אויפן פעלד? וואָס וועט דאָ...

און זײַן קערפּער האָט זיך אַלץ מער צו דער ערד געבויגן. ער האָט עפּיס אומפאַרשטענדלאַך גענומען מורמלען, ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, זיך געראַנגלט עטליכע רגעס און באַלד אַראָפּגעפאַלן אויפן שנײ...

ער איז אײַנגעשלאָפן...

...און אַ מאָדנער חלום האָט זיך געחלומט דעם אַלטן גלעזער: ס'איז אַ ליכטיקער זומערטאָג, ער גייט אויף דעם פעלד מיטן קאָסטן אויפן פּלייצע, ווערט ער מיד און זעצט זיך אויפן גראָז אָפּרוען און אַזוי זיצנדיק, הויבט ער אויף די אויגן צום הימל און ער ווערט דערשטוינט: אַזאַ קלאָרן הימל האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען, העל-בלוי און דורכזיכטיק, ווי גלאָז, איז איבער אים דער רוים... ווי גלאָז... און ער וואונדערט זיך: וועלכער גלעזער האָט עס געקאָנט אַזוי שיין מאַכן. עס האָט דורכגעלויכטן און ער זעט, ווי אין הימל שוועבן הונדערטער, טויזנטער מלאכים, אַלע, אַלע ווייסע, ווי שנײ. זיי דרייען זיך אויף איין אָרט, פאַלן צו איינער צום צווייטן, פליגל איבער פליגל און עס דאַכט זיך אים, אַז זיי רינגלען וועמען אַרום. יעדערער פון זיי וויל זײַן נענטער צו דעם אָרט. אַרום און אַרום הערט מען ליב-געזאַנגען. דאָס לויבן זיי גאָט, גאָט...

דעם אַלטן גלעזער דאַכט זיך, אַז ער וועט באַלד אָנהויבן

טאַנצן פון שמחה. גאָט! גאָט! ער זעט אים נישט, נאָר ער שפירט. די מלאכים טרעטן נישט אָפּ פון אים. אַזויפיל ווייסע מלאכים. אָט שפרייטן זיי זיך פאַנאַנדער: גאָט האָט אודאי אויפגעהויבן זיינע אויגן, גאָט וויל עפּיס זאָגן...

נאָר פּלוצלונג איז עפּיס געשען: אַלע מלאכים לויפן זיך צושראָקן פאַנאַנדער. „אַן אומגליק, אַן אומגליק", שעפּטשען זיי.

פון זונטער גאָטס פּיס האָט זיך אַרויסגעגליטשט דאָס פוס-בייגקעלע און פון דעם קלאַפּ האָט זיך דער גלעזערנער הימל דורכגעבראָכן.

גאָט האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ הימל העכער און די ווייסע מלאכים זיינען אים אַלע נאָכגעפלויגן, בלויז איינער האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיי און דורך דעם אָפענעם אָרט אין הימל האָט ער זיך אַלץ נידריקער צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט און אָט איז ער צוגעפלויגן צו דעם אָרט, וואו עס רוט דער גלעזער אויפן פעלד און ער פרעגט ביי אים:

—דו ביזט בנימין דער גלעזער?

—יאָ,—ענטפערט ער,—איך בין עס.

און דער מלאך זאָגט צו אים:

—גאָט האָט מיך געשיקט צו דיר, מען דאַרף פאַרריכטן דעם הימל.—און אין דעמזעלבן אויגנבליק נעמט ער אים אַרויף אויף זיינע פליגל און פליט מיט אים אַלץ העכער, העכער...

ער וויגט זיך מיט אים, דער מלאך, אין דער לופטן און ער פרייט זיך, דער אַלטער גלעזער, וואָס ער האָט דערלעבט צו אַזאַ כבוד. ער וועט ביי גאָט פאַר דער טרחה גאָרנישט נעמען... ער איז שוין גליקלאַך מיטן כבוד... גליקלאַך, גליקלאַך...

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שניי געשאָטן, אַלע וועגן זיינען געדיכט פאַרדעקט געווען, אינדערפרי האָט אויפגעהערט צו שנייען און דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. עס האָט זיך באַוויזן אַ שליטן אויפן וועג מיט עטלאַכע פריילאַכע פויערים.

פלוצלונג האָבן די פערד זיך אָפּגעשטעלט. די פויערים

זיינען אַראָפּגעגאַנגען זען, וואָס דאָס באַדייט, האָבן זיי באַמערקט עפּיס אַ קאַסטן אויפן וועג און אַ ביסל ווייטער—האָבן פון שניי אַרויסגעשטעקט צוויי פיס. זיי האָבן אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון פאַרפראָרענעם קערפּער, האָבן אים אַרומגעקוקט און דערקענט אין אים דעם אַלטן גלעזער פון יאַנאָווצע.

דריי זקנים.

אויפֿן גרויסן מאַרק-פּלאַץ אין קאַזמערזש האָט זיך אויסגעשפּרייט די זון. ווי אַ ריזיקער פֿויגל האָט זי אַלץ פֿאַרדעקט און וואַרעמט און ברענט מיט אירע דורכזיכטיקע שטראַלן-פֿליגל.

ברענט און בלענדט די אויגן, זעלטן ווען עמיצן פֿאַרגלוסט זיך דורכגיין דעם פּלאַץ.

עטלעכע ייִנגלאַך האָבן זיך צוגעכאַפּט צום פּלומפּ און אָנגעשעפּט אין די הויפּנס וואַסער, אָנגעטרונקען זיך, אָפּגעגאָסן זיך דעם קאָפּ, פֿאַרנעצט די יונגע האָר און אַנטלאָפֿן צו דער ווייכסל זיך באָדן. אַ הונט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ בערגל מיסט און עס דאַכט זיך אויס, אַז ער גייט דאָ באַלד אויס פֿון היץ. דער נאַרישער כּלבֿ! ׳ער קאָן זיך דאָ באַהאַלטן אין שאָטן, נאָר ווייזט אויס, ער איז שוין אײַנגאַנצן צודולט געוואָרן פֿון היץ, ליגט ער אַזוי און שאָקלט מיט דער צונג, ווי מיט אַ רויט פֿאַפּענדיקל.

הייס, פּלאַמיק, גיהנמדיק.

די בעל-עגלות האָבן זיך אָפּגעטראָגן, דער סטראַזשניק ליגט

ערגעץ אין שיינק און לעשט די היץ מיטן ברענענדיקן טראָפּן און בלויז אין די געוועלבער, אין די אַלטע קאַלטע מויערן פון קאַזמערזש דעם גרויסנס צייטן, פאָרען זיך מענטשלאַך, איינציקע, רויטע מידע מענטשן, און געניצן פון לאַנגווייליקקייט און וואַרטן נישט היינט אויף קיין קונים—ווער וועט אין אַזאַ היץ קומען?

נאָר אָט, אויף דעם באַלויכטענעם מאַרק-פּלאַץ באַווייזט זיך אַ מענטש, מיט לאַנגזאַמע קליינע טריט, מיט אַ שטעקן. אַ שטיקל שאָטן, אַ טונקעלער פלעק פאַלט אויף דעם באַלויכטענעם פּלאַץ.

דאָס שפּרייזט דער אַלטער חיים מינק, דרך-ארץ! דאָס שפּרייזט אַ גאַנצע מאה יאָרן...

אַ געוועזענער בעל-הבית, אַמאָל האָט צו אים אַ האַלב שטעטל אָנגעהערט. אַ זיבעציקער ריינינקער אַלטער, ער לייקנט שטענדיק די יאָרן:

—צו אַ מאה פעלט נאָך,—שפּאַסט ער זיך מיט מענטשן, פּונקט ווי ער וואָלט האָבן צו עמיצן אַ פּרעטענזיע.

—צו אַ מאה פעלט נאָך...

נאָר מענטשן ווייסן אַ חשבון: חיים מינק האָט שוין אַ גאַנצע מאה און איז נאָך ביים געזונטן פאַרשטאַנד, געדיינקט אַלע קינדער, די אייניקלאַך און אור-אייניקלאַך און וואַרט פון זיי בריוו, פון וואַרשע.

איצט שפּרייזט ער אַיינגעוויקלט אין אַ שווערן מאַנטל. איינס, צוויי... יעדער טריט איז געמאָסטן און אויסגעהאַלטן, נישט פלינקער, נישט לאַנגזאַמער. ער שפּרייזט און שפּרייזט, ביז ער קומט צו צו פריידעלע דער שניטקרעמערקע—זי איז זיינע אַ קרובה. פריידעלע דערזעט אים און לויפט אים אַנטקעגן מיט אַ ביינקל.

—פעטער, זעצט זיך...

דאָס ביינקל שטעלט זי אין שאָטן. דער אַלטער זעצט זיך אַוועק און שווייגט און גאַפּעט זיך אין ליידיקן מאַרק אַריין, זיצט אַזוי אַפּ עטלאַכע מינוט און נעמט עפּיס שטאַמלען, גייט פריידעלע ווידער צו אים צו.

וואָס איז, פעטער חיים?

—קאַלט,—שטאַמלט דער אַלטער,—קאַלט, פריידעלע.

שמייכלט גוטמוטיק פריידעלע: הערסט, מענטשן ווערן צו־שמאָלצן און אים איז קאַלט... אוי, די אַלטקייט, די אַלטקייט.

שטעלט זי אים איבער דאָס ביינקל אויף דער זון. זיצט דער אַלטער אַ שווייגנדיקער און דערוואַרימט זיך לאַנגזאַם און נעמט שמייכלען מיט אַ קינדישן שמייכל: איינער וואָלט מיינען, אַז ער זעט שוין דאָרט אין באַלויכטענעם שטח דעם גן-עדן מיט די מלאכים, מיט די וויין-גערטנער, מיט אַלע גוטע-גוטע זאַכן פון יענער וועלט.

זיצט ער זיך אַזוי לאַנג-לאַנג און רופט נישט קיינעם און שטערט נישט קיינעם, ביז ער דרימלט-אַיין אויפן ביינקל און די זון גלעט זיינע גרויע ברעמען מיט די טיפע, איידעלע קנייטשן.

בעת ער שלאָפט, קוקט אויף אים פריידעלע די שניט-קרעמערקע, ער זאָל פון ביינקל נישט אַראָפפאַלן און ביי איר אין האַרצן איז פאַראַן אַזויפיל טרייסט פאַר אים, אַזויפיל גוטע וואונשן...

—זאָל ער נאָך לעבן, דער אַלטער, זאָל ער נאָך לעבן...

אויף דער צווייטער זייט מאַרק, ביי „זאַמאָיסקיס" גע־וועלבל, זיצט אַ צווייטער אַלטער. „זאַמאָיסקי", דאָס איז די עלטסטע פירמע אין קאַזמערזש. דער בעל-הבית אַליין הייסט בראָמבערג, נאָר די פירמע הייסט „זאַמאָיסקי", ווייל נאָך בראָמ־בערגס עלטערזיידע האָט שוין געליפערט אַלע גוטע זאַכן פאַר די זאַמאָיסקעס, דעריבער הייגנט עס איבערן געוועלבל אַ גרוי־סער שילד מיט גרויסע אותיות: „זאַמאָיסקי".

זיצט ביי בראָמבערגס שוועל אַ צווייטער אַלטער. דער איז יונגער מיט אַ יאָר צוואַנציק פאַר חיים מינצן, נאָר ער זעט אויס עלטער. די האָר ביי אים זיינען נאָך ווייסער און לייגגער, די ברעמען ברייטע, בייזע, ער איז אַ בייזער אומרוהיקער אַלטער.

דאָס איז הירש דער שוחט, אָדער דער געוועזענער שוחט. מיט עטלאַכע יאָר צוריק האָט מען ביי אים צוגענומען די שחיטה, ווייל עס האָבן זיך שוין ביי אים שטאַרק געטרייסלט די הענט

און אַ שוחט מיט הענט, וועלכע ציטערן, איז קיין שוחט נישט...

אַזוי זאָגן מענטשן, נאָר הירש שוחט האָט אַן אַנדער־מיינונג: ער איז אין כּעס אויף אַלעמען, מען האָט אים באַגזלט, באַראַבעוועט.

און וואו ער קומט צוקריכן, צו אַ קרוב, צי אין אַ שול־אומעטום בייזערט ער זיך און מורמלט:

—פאַרוואָס האָט מען ביי אים צוגענומען דעם חלף?

זיצט ער איצט אויפן שוועל ביי „זאַמאָיסקין”, האַלט אין־מויל אַ פייקע, אַ לאַנגע, אַ געפּאַרבטע מאַלאַראָסישע פייקע און־רעדט אַריין אין געוועלב צו בראָמבערגס קינדער:

—דעם חלף, דעם חלף האָבן זיי מיר צוגענומען,—און גאָט־זאָל אייך אויסהיטן, איר זאָלט זאָגן, אַז ער איז אַלט, קיין־גרעסער עגמת-נפש קאָנט איר אים נישט פאַרשאַפן, בעסער־שווייגט און לאָזט אים אויסריידן דאָס האַרץ.

איין פּלייצע איז ביי אים שטאַרק אויסגעקרימט און עס־זעט אויס, ווי אַן אומגעלומפּערטער פעלז אויף אַ גלייכן באַרג. אָן אַ שטעקן קאָן ער זיך קיין ריר נישט טון. אפילו שבת קריכט ער אין שול מיט אַ שטעקן. עמיצער פון זיינע שכנים וויקלט אים פאַנאַנדער דעם טלית און טוט אים אָן און צוריק פון־דאַווענען גייט ר' הירש מיטן טלית אויף זיך.

העי! ביי אַלעמען עסט מען שוין טשאָלנט און ער שפּרייזט נאָך אַלץ פון דאַווענען מיט קליינעטשקע, קליינעטשקע טריט.

מיטן טלית אויף זיך און מיטן שטעקן אין האַנט פּרובט אים אַ יונגערמאַן אונטערהאַלטן און דערפירן אַהיים, דרייט זיך ר' הירש דאַן טאַפּ און בייזערט זיך באַליידיקט: ער קאָן אַליין גיין, ער קאָן אַליין גיין—און ער גייט טאַקי אַליין.

שטיל און ליידיק אויפן מאַרק-פּלאַץ, נאָר פון ביידע זייטן זיצן, ווי שומרים פון די אַלטע דורות, די צוויי אַלטע. איינער דרימלט און דער צווייטער בייזערט זיך, פאַרוואָס מען האָט ביי־אים צוגענומען דעם חלף.

און אָט גייט דער דריטער.

דאָס איז יחזקאל דין, ער האָט שוין אויך באַלד אַ מאה

יאָר.ן אײַנגעבױגן, מיט אַ לאַנגער־לאַנגער קוואַדראַטן-באָרד. ער קומט אַרױס פֿון לובלינער גאַס. מיט אים גײט זײַנס אַן אײניקל, אַ באָרװעס מײדל, דער אַלטער שפּאַרט זיך אָן אויף איר. דאָס מײדל טראָגט אַ לײדיק פֿלעשל.

ר׳ יחזקאל דין גײט פֿון אַלטן בית-עולם, דאָרט ליגן באַגראָבן זײַנע קרובים און צװישן זײ אױך אײנער אַ באַרימטער צדיק. דער צדיק ליגט אין אַן אוהל, אין אוהל ברענט אַ נר-תּמיד.

און דאָס איז איצט ר׳ יחזקאלס שליחות: נישט לאָזן אויסלעשן דעם נר-תּמיד.

יעדע װאָך שפּרײַזט ער אַזוי מיט זײַן אײניקל צום אַלטן בית-עולם און דערגיסט נאַפֿט און זאָגט תּהילים...

דאָס מײדעלע טראָגט עס איצט אַ לײדיק פֿלעשל פֿון דעם נאַפֿט. זי שפּרײַזט מיטן זײדן און שטעלט זיך יעדע פּאָר טריט אָפּ: דער אַלטער זאָל זיך אָפּרוען.

דערדאָזיקער אַלטער זעט אויס װי אַ הײליקער. די מאָלער, װאָס קומען אין קאַזמערזש אויף זומער, האָבן אים אַ סך געלט פֿאָרגעלײגט, ער זאָל זיך לאָזן מאָלן, נאָר דער אַלטער װערט דערבײַ שטאַרק בײז.

דאָך האָט זיך אײנעם אײַנגעגעבן אַראָפּצוכאַפּן דעם אַלטן מיט אַ בלײַפֿעדער. בעת ער האָט תּהילים געזאָגט אין אוהל, האָט דער מאָלער דורך דער טיר-שפּאַלט אים געמאָלט. ר׳ יחזקאל װײס נישט פֿון דעם, ער װאָלט עס נישט איבערגעלעבט.

די דרײַ אַלטע האָבן זיך נישט ליב. אײנער צום צװײטן גײט נישט, פּונקט װי זײ װילן נישט קוקן אויף זײערע יאָרן — זײ מײדן זיך אויס...

אַ סך טעג טרעפֿט, אַז מען זעט זײ גאָרנישט אָן, מען פֿאַרגעסט אָן זײ. נאָר הײַנט, אין אַזאַ הײסן טאָג, זײַנען זײ, װי די בערן, אַרויסגעקראָכן פֿון זײערע לעכער און װאַרימען זיך אויף דער זון.

דאָס יונגװאַרג זעט מען נישט, אַלע האָבן זיך באַהאַלטן פֿון דער היץ. נאָר די אַלטע הײַזער מיט די שמאָלע פֿענסטער-

לאַך, די אַלטע בערג אַרום מיטן אַלטן טייך, די אַלטע סעדער מיט דער אַלטער זון.

און אינמיטן די דריי זקנים, מיט די האַלב-פאַרלאָשענע אויגן, מיט די גרויע בערד און ברעמען...

די אייביקקייט ווארימט זיך און שמייכלט און שוויגט און ציט אויס די מידע גלידער.

די אייביקקייט...

שפּעטער זומער.

א.

אויף די געסלאַך פון יאַנאָווצע, וועלכע זיינען נענטער צום פעלד, קלאַפּן אַ גאַנצן טאָג די דרעשמאַשינס. אין דידאָזיקע געסלאַך לעבן די מעשטשאַנעס. זייערע הייזער שטייען ביי די ברעגן פון ווייכסל. אַרום די הייזער, ביזן סאַמע וואַסער, ציען זיך סעדער, אַרומגעצוימט מיט נידריקע פּאַרקאַנעס.

הויכע בערגלאַך עפּל ליגן אין די סעדער און גרין־שאַרע בערגלאַך באַרנעס. פון דיביימער שיטן זיך די לעצטע פלינקע שרעטעלאַך. מען זעט בלויז, ווי די צווייגן טרייסלען זיך און אַ פּאָר פיס הייגגען אַראָפּ פון דעם און יענעם בוים.

שפּעטער קריכט אַראָפּ פון בוים אַ געלער ייד, ער בלייבט שטיין אינמיטן גאָרטן, קוקט אויף די עפּל, קראַצט זיך און שווייגט.

און פון ווייטן קלאַפּן די דרעשמאַשינס זייער מאָנאָטאָנעם טיק־טאַק, טיק־טאַק. גאַנצענע טעג אַרבעט מען איצט אין די שייערן.

עס גייט פאַרביי אַ באָרוועסער שייגעץ און רופט אויס:

—איצקו, דאי יאבק!

כאפט זיך אויף דער געלער ייד פון זיין טראכטן, קוקט זיך ארום און ענטפערט קיין, ווארט נישט דעם יינגל.

דער געלער ייד געפינט זיך עפיס קיין ארט נישט אין גארטן. צי ווארט ער אויף זיין ווייב, אויף די קינדער, צי גאר אויף א סוחר?

אין גארטן, אויף די צוגראבענע בייטן אונטער די ביימער האבן זיך אויסגעשפרייט לייכטע פאסן זון, ווי א זילבערנער טול. וואו נאר א פאר צווייגן זיינען שיטערער, גנבענען זיך באלד דורך עטלאכע שטראלן און באלויכטן אומעטום שליינגלאך פון נישט סימעטרישן שפינוועבס, וואס וויגט זיך און ציט זיך אי-בערהאל אן א ציל און אן א סדר...

אין גארטן איז א גרויסע אונארדנונג: קינדישע קליידער וואלגערן זיך נעבן דעם האלב-צושאטענעם שטרוי-בײדל. אומע-טום אין גראז באהאלטן זיך עפל, בארנעס, פלוימען.

דער געלער ייד קוקט אויף אלץ מיט אזא מידקייט, זיין היטל ליגט אים קרום אויפן קאפ, ער עפנט דאס מויל און גע-ניצט מיטן גאנצן כח... און אט, אין מיטן אזא געניץ כאפט זיך אריין אין גארטן דורכן פארקאן א גרויסער, משונהדיקער האן, מיט א רויטן קאם. דער האן שפרינגט אריין מיט א רויש, פאטשט זיך פאנאנדער מיט די פליגל און קרייט. דער געלער ייד דערשרעקט זיך און נעמט נאכיאגן דעם האן...

שפעטער קריכט דער געלער ייד אריין אין דעם שטרויע-נעם ביידל. אין גארטן ווערט איינגאנצן שטיל, נאר פון צייט צו צייט פאלט אראפ אליין פון זיך א צייטיקער עפל: זיך פאר-בײנקט נאך זיינע חברים, וואס ליגן שוין אויף דער ערד.

און פון ווייטן קלאפן די דרעשאייזנס, נאר דאס קלאפן זעט אויס, ווי א טייל פון דער שטילקייט. די זון גליט און וואַ-רימט אן די ערד, וועלכע נעמט זיך שוין אפקילן...

ב.

די עטלאכע ליעטניקעס, וואס זיינען נאך פארבליבן אין

יאַנאָווצע זיינען איצט גאַנצע יחסנים: פריער פלעגט מען יעדערן באַזונדער אַזוי נישט באַמערקן, עס זיינען געווען אַזויפיל אָנגעפּאָרענע.

איצט קוקט מען אויף זיי מיט מער אַכטונג, מען רופט יעדערן מיטן נאָמען.

די ליעטניקעס זיצן לאַנג ביי פריידעלען אין געוועלב פון שניטצייג. זיי הערן אויס אַלע נייסן פון שטעטל. דאָס לעבן, דער ברען פון סעזאָן איז שוין אַריבער. דער וואַלד איז כמעט אַ גאַנצן טאָג ליידיק. דער ווינט טראָגט אַרום צווישן די ביי-מער שטיקלאַך צוריסענע בריף, צופליקטע צייטונגען, פּאַפּירלאַך פון צוקערקעס. עס איז אומעטיק אין וואַלד.

גייען דערפאַר די געציילטע ליעטניקעס צו פריידעלען דער שניטקרעמערקע, זי לייכט מיט אירע אויגן און דערוואַרימט אַלע-מען מיט גוטע רייד, ביי איר אין געוועלב איז שטענדיק היימלאַך.

ניחעלע די משוגענע האָט זיך אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ מיט פאַרוועלקטע בלומען, מיט טרוקענעם שטרוי און שפּרייזט אַזוי אַרום איבער די געסלאַך. אין די אויערן טראָגט זי אַגראַפקעס אָנשטאָט אוירינגלאַך. זי האָט שוין אַזאַ שוואַכקייט, ניחעלע, האָט זיך שטענדיק ליב צו פּוצן: וואו זי געפינט אַ פאַרוועלקט בלימל, אַ צוריסענעם קאַפּעליוש, אַלץ אַרויפגעשלעפּט אויף זיך.

איצט קומט זי צו די איבערגעבליבענע ליעטניקעס און בעט ביי זיי לעצט-געלט. עס קומען נאָך אָרימעלייט און ווייַ-נען, ביז זיי באַקומען עפּיס.

פון פעלד באַווייזט זיך דער לעצטער וואָגן היי. אַן אָרים יידיש פערדל, וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט פראַנק און פריי אי-בערן מאַרק, גנבעט זיך צו צום וואָגן און לאָזט זיך וואוילגיין אַ ביסל צייט—ביז דער פויער כאַפּט זיך און ער דערלאַנגט דעם פערד מיטן בייטש איבער די אויגן.

וואָלקנס וועקסלען זיך אויפן הימל, פאַרדעקן און דעקן אָפּ די זון און וויַיט-ווייט איבער דער ווייכסל ציט זיך איבער די וועלדער אַ לאַנגער פּאַס, אַ האַלבע דוגע פון די ווילדע געננ, וועלכע פאַרלאָזן אונז...

צוויי וועלטן.

אין די גיין טעג, ווען די יידן שטייען ביי זייערע קרעמלאַך און קוקן פויל און טרויריק איינער אויפן צווייטן און שלעפּן זיך מיד איבערן מאַרק—ווער מיט אַ שטרוי אין די ציין, ווער מיט אַ פּאַפּיראָס און די יידישע מאַמעס מיט די קנייטשיקע פּנימער, מיט די ברודיקע קופּקעס אויף די האָר, לויפן מיט די גרויסע קוישן באַרגעס און עפּל און שילטן זיך איינע דער צווייטער און קאָנקורירן...

אין דיזאָזיקע טעג ווערן די פעלדער אָפּגעגאָלט און אין שטעטל ציען זיך שווערע פורן מיט סנאָפּעס, אַזש די רעדער ברעכן זיך. מען פירט אין די שייערן גאָטס מתנה.

איך טרויער אין די טעג.

אפשר איז דאָס קנאה? אפשר אַן אַלטע, שוין לאַנג געשטאָרבענע בייקשאַפט?

איך פאָר מיט אַ באַקאַנטן פויער אין פעלד. זיינע טעכטער אַרבייטן, זיין פעלד האָט פאַרשפּעטיקט און מען איילט זיך איצט אַראָפּנעמען די תבואה וואָס גיכער. עס אַרבייט יונג און אַלט— די גאַנצע משפּחה.

די טעכטער זיינען פריילאך, יונג און געזונט, זיי פארהיילן די געגנט מיט זייער לאכן...

זיי לאכן פון מיר, פון א יידן, וואס שטייט מיט די הענט אין די קעשענעס און טוט גארנישט. זיי וויצלען זיך און איך פיל, אז די פראסטע פויערטעס פארשעמען מיך.

וואס זאל איך זיי ענטפערן?

פלוצלונג כאפן זיי מיך אן פארן קארק, פאר די פיס און די הענט, מען נעמט מיך בינדן.

לאכנדיק און שפאסנדיק פון מיר, פארבינדן זיי מיינע הענט און פיס מיט געפלאכטענעם שטרוי און איך ליג, ווי א שעפסעלע אויפן מיטן פעלד, מיט די אויגן צום הימל.

דער שפאס, דערדאזיקער, איז א מנהג:

איך מוז איצט באצאלן אויסקויף-געלט. זאג איך עס צו. נעמט מען מיך אפבינדן און ארום מיין פנים אטעמט א יונג דארפסמיידל, דער אטעם פארשכורט ווילד, דאס אטעמט דער גאנצער פעלד, די גאנצע נאטור...

צוריקוועגס פארן מיר אלע צוזאמען אויף איין וואגן. די פערד ברייינגען אונז אין שטעטל. עטלאכע בייזע בליקן באגעגנען מיך, עטלאכע זיפצן דערהער איך, דאס זיפצן יידישע ווייבער:

—ווי קומט א ייד מיט ערלים אויף איין וואגן?

—היינט אין אזא טאג...

—שמד-יונג!—גיט ווער א געשריי און לאבוזעס ווארפן שישקעס אויף מיר. היינט איז תשעה-באב.

יידן גייען אין שול, געוועלב נאך געוועלב פארמאכט זיך און פון איבערן בארג קוקט א רויט אויג—די פלאמיגע זון.

מיינע שכנים אויפן וואגן ריידן צווישן זיך:

—די זשידעס וויינען היינט, עמיץ צולאכט זיך...

און איך דערמאן זיך אן עפיס, וואס פארטרויערט מיין נשמה אויפן גאנצן אוונט...

○ ○ ○

שמעון דער פֿאַרוואַלטער.

די באַן-סטאַציע צאַפּלי איז אַרומגערינגלט געווען פון אַלע זייטן מיט וואַלד. שוין יאָרן, ווי מען האַקט אויס די וועלדער פון יענער געגנט און עס מערקט זיך נישט, ס'זאָל ווערן ווייניקער. צאַפּלי ליגט אַ האַלבן וויאָרסט פון ביעמאַן, מיטן טייך גייען די פליטן קיין אויסלאַנד. ביי דער סטאַציע איז אויך אויסגעבויט אַ גרויסער טאַרטאַק. אַרום און אַרום ליגן אונטערגעהאַקטעביימער, ווי גרויסע מעכטיקע קערפּערס פון אנשי-חיל, און די זעג-מיל אַרבעט טאָג-אַיין, טאָג-אויס, נעמט אַריין און וואַרפט אַרויס צושניטענע ביימער. עס וואַלגערן זיך דאָ גאַנצע בערג ברעטער, לאַטעס און קלעצער. שטענדיק קלאַפּן דאָ די רעדער פון זעג-מיל, שטענדיק אַרבעט מען אַרום דער סטאַציע צאַפּלי. און אַז עס טרעפט יאָ אַמאָל אַ טאָג, ווען דער טאַרטאַק שטייט און די אַרבעטער פאָרן אַריבער אויף יענער זייט טייך אין שיינק, ערשט דאַן דערהערט מען, ווי די וועלדער אַרום זינגען זיך פאַנאַנדער און זיי פילן גאָרנישט, אַז זייער סוף איז נאָענט. עס ווערט אַזוי איינגעהאַלטן שטיל אַרום דער סטאַציע. אַ וועווערקע פון וואַלד שטעלט זיך אַיין און לויפט, לויפט צו ביז די צושניטענע ביימער, ווי אַ שליח פון וואַלד. זי טאַנצט פון

קלאַץ אויף קלאַץ, זי זוכט עפּיס... פּלוצלונג לויפט אָן די באַן מיט אימפּעט און גיט אַ ווילדן פייף. די וועווערקע דערשרעקט זיך און אַנטלויפט. די געגנט כאַפּט זיך ווידער אויף.

*

מיטן צוג זיינען איצט געקומען דער בעל-הבית פון טאַר-טאַק מיט זיין פּאַרוואַלטער. דער ערשטער פון אַ יאָר פופציק, דער צווייטער פון אַ יאָר דרייסיק. זיי זיינען איצט ביידע צו-פרידן. אין גובערניע האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז דעם וואַלד פון פּאָלוואַרק „פרודנע" מעג מען שוין האַקן. עטלאַכע יאָר האָט זיך געצויגן דער פּראָצעס, איצט האָבן זיי אויסגעפירט. עס וועט זיין אַ סך אַרבעט. גייענדיק צו דעם גרויסן ווייסן בנין, וואָס שטייט נישט ווייט פון וואָקזאַלטשיק, באַטראַכטן זיי איצט די פרייע פלעצער, וואו מען וועט קאָנען אָפּלייגן דאָס נייע געהילץ און גיבן זיך אויף אייגער דעם צווייטן פאַרשידענע פּלענער.

דער בעל-הבית פון טאַרטאַק, משה נעמזאַר, פאַרלאָזט זיך די גאַנצע צייט אויף זיין פּאַרוואַלטער, שמעון ראָזענטאַל, וועל-כער אַרבעט שוין ביי אים גאַנצע צען יאָר. ער פירט אָן די גאַנצע אַרבעט און איז אַ וויטער קרוב פון משה נעזמאַר.

מיט צען יאָר צוריק איז שמעון אַנטלאָפן פון דערהיים צוליב אַ סכסוך מיט די עלטערן. ער איז געקומען צו נעמזאַרן אין דער צייט, ווען ביי יענעם איז געשטאָרבן די פרוי. משה נעמזאַר האָט דאַן געוואָלט ליקווידירן דאָס גאַנצע געשעפט און אַריבערפאָרן אין גובערניע, צוליב זיין איינציקער טאָכטער, וועל-כע האָט דאַן אָנגעהויבן לערנען, נאָר געפינענדיק אַזאַ טרייען און גוטן מיטהעלפער, איז נעמזאַר פאַרבליבן ביי דער סטאַנציע צאַפּלי. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט ער אַוועקפאָרן צו זיין טאָכטער אין גובערניע אַריין, אַכטונג צו געבן אויף איר דער-ציונג.

*

די קליינע מינע איז געוואַקסן אינדערפרעמד. בלויז אויף די קאַניקולעס פלעגט זי אַראָפּקומען קיין צאַפּלי, און דאָרט פאַרברייינגען עטליכע חדשים. דער איינציקער פריינד אירער איז

געוועזן שמעון דער פארוואלטער פון טארטאק. זי האט אין אים שטענדיק געזען א פלייסיקן און פעסטן מענטשן. זי פלעגט פאר שמעונען פארטרויען אלע אירע קינדישע חלומות און בייענקענישן און שמעון האט שטענדיק געפונען א ריכטיקן ענטפער פאר איר.

זייענדיק אין גובערניע אין גימנאזיע, פלעגט זי פון דארט שרייבן בריף צו אים און דערציילן אלע שטאטישע נייסן און אויסזאגן אלע נייע איבערלעבענישן אירע. שמעון דער פאר-וואלטער פלעגט ענטפערן קורצע, נאר אויפריכטיקע בריף, ער פלעגט א סך מאל צושלאגן אירע סענטימענטאלע חלומות. אבער זי ווערט אויף אים נישט בייז — זי האט אים געגלויבט. און איינמאל — זי איז שוין דעמאלט אין לעצטן קלאס געווען — האט זי אים אנגעשריבן א בריף, פון וועלכן שמעון דער פארוואלטער איז צוטומלט געווארן.

זי האט אים געשריבן, אז זייענדיק אין שטאט און האבנ-דיק צו טאן מיט אזויפיל מענטשן, האט זי נישט באגעגנט אזא שטאלצן און פעסטן כאראקטער, ווי ביי אים, ביי שמעונען, און דעריבער...

דעריבער זאגט זי אים גאנץ אויפריכטיק, אז זי ליבט אים און קיין אנדערן ווערט זי פאר קיין חתן נישט וועלן...

דאס איז געווען דער איינציקער סוד, מיט וועלכן שמעון ראזענטאל האט זיך לאנג ארומגעטראגן און אים לאנג נישט דער-ציילט זיין פרינציפאל. צום סוף האט ער נישט אויסגעהאלטן און האט אים צוגעטראגן דעם בריף, מינעס בריף.

דער אלטער האט איבערגעלייענט דעם בריף און זיך גוט-מוטיק פאנאנדערגעלאכט, נאר באלד איז ער געווארן ערנסטער און מיט א שמייכל געפרעגט:

— פארוואס טאקי נישט?

שמעון איז געווען א פארנומענער מענטש, האט ער קיין סך וועגן דעם נישט געטראכט און איז אוועק צו דער ארבעט. ביינאכט האט ער אנגעשריבן צו מינען א קורצן בריף: „איך בין איינשטימיק, דיין טאטע אויך. וועסט קומען, וועלן מיר בעסער וועגן דעם ריידן.“

ווען מינע איז אַהיימגעקומען האָט זי פילמאָל פאָרגעוואָרפן שמעונען, פאַרוואָס ער האָט איר דאַן אַזאַ קורצן און טרוקענעם בריף אָנגעשריבן... אָבער זי האָט עס אים גיך מוחל-געווען. עס איז דאַן געווען פיל אַרבעט. ווען שמעון פלעגט פריי ווערן, פאַרברייגגען זיי צוזאַמען. שמעון האָט איר איינמאָל פאָרגעלייגט, זי זאָל זיך באַטראַכטן פונדעסטוועגן וועגן איר פאָרשלאָג.

—איך געפעל דיר,—האָט ער צו איר געזאָגט,—אָבער דו ביזט נאָך זייער יונג. מעגלאַך, אַז אין עטלאַכע יאָר וועט דיין כאַראַקטער זיך בייטן, וועסט האָבן אַנדערע באַגריפן און אַנדערע געדאַנקען.

מינע בייזערט זיך דאַן אויף שמעונען: עס וועט קיינמאָל אַנדערש נישט זיין, איך האָב דיך ליב.

שפּעטער האָט זיך געמאַכט, אַז מינע איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג ווייטער שטודירן. דאָך אויך פון דער לעבעדיקער הויפּטשטאָט פלעגן פליען צו שמעונען אַזעלכע איבערגעגעבענע בריף: „עס ציט מיך, פלעגט זי שרייבן, צו דער פאַרוואָרפענער איינזאַמער צאַפלי, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל וועלדער, עס ציט מיך צו מיין טאַטן און צו זיין אויפריכטיקן פאַרוואַלטער“.

אַמאָל פלעגן די בריף אויפהערן און פלוצלונג נעמען זיי ווידער פליען פון וויטן פּעטערבורג.

שמעון דער פאַרוואַלטער האָט געאַרבייט און קיינער האָט נישט באַמערקט אָן אים, וואָס ער לעבט דורך, וועלכע פרייד און לייד עס ברייגגען אים די בריף פון פּעטערבורג.

און דער טאַרטאַק האָט געוואַקסן, די געשעפטן האָבן זיך אַלץ פאַרגרעסערט. נישט ווייט פון דער סטאַציע האָט זיך באַוויזן אַ הויכער קוימען, עס זיינען צוגעקומען אַרבייטער. צרום דער קליינער סטאַציע איז אַלץ רוישיקער געוואָרן.

ב.

ווען שמעון דער פאַרוואַלטער מיט זיין בעל-הבית, משה נעמזאָר זיינען איצט אין שטוב אַריין, האָבן זיי דאָרט געפונען

אַ בריף פון מינען, אַז איגגיכן קומט זי אויף עטלאַכע חדשים קיין צאַפלי. „עס האָט זיך שוין פאַרביינקט, שרייבט זי, נאָך די וועלדער, זאָל אונזער שמעון נישט אויסהאַקן אַלץ"...

דער אַלטער נעמזאַר האָט אַ שמייכל געטון צו זיין פאַר-וואַלטער:

—וואָס זאָגסטו, שמעון, צו דעם פייגל, וואָס קומט צו אונז פון צפון-זייט?

—גאַנץ גוט, זאָל זי קומען, עס וועט זיין פריילאַכער צו אַרבעטן.

שמעון איז דערנאָך געבליבן אַליין און ער האָט פיל גע-טראַכט פון מינען. ער האָט געהאַט אַ פרייען טאָג: די אַרבעט וועט זיך ערשט מאָרגן אָנהויבן און ער איז נישט איינגעוויינט געוועזן צו זיין מיט זיך אַליין.

מינאַ קומט...

דער געדאַנק האָט זיך מיט אים געריי‌צט. אַ צענדליק יאָרן, ווי ער לעבט שוין אַזוי: אָן פריינד, אָן געזעלשאַפט... מינע איז פריער געווען די איינציקע נשמה, מיט וועלכער ער פלעגט פאַר-ברייגגען. זי איז אונטערגעוואַקסן און איר געלעכטער, וואָס פלעגט קלינגען אין די קאַניקולעס, פלעגט אים דערמאָנען די גרויסע וועלט, מיט אירע פריידן און ליידנשאַפטן.

דאָ, ביי דער וויסטער סטאַציע, איז ער געוואָרן אַ מאַן מיט ברייטע פלייצעס, מיט פעסטע פויסטן. דאָ האָט ער פאַרגעסן די שטאָטישע זיטן און מאַנירן. צו מענטשן האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַ גוטע באַציונג, אַ גוט-ברודערשע באַנעמען זיך. אָבער דאָך האָט ער זיך אַליין, זיין גאַנץ וועזן באַהאַלטן פון פרעמדע. ער פלעגט גיין דעם צווייטן אַנטקעגן, צו זיך אָבער פלעגט ער נישט אַלעמען צולאָזן. ער האָט אַ סך געשוויגן, נישט נאָר פאַר יענעם, פאַר זיך אַליין פלעגט ער אויך שווייגן. ער וואַרפט אַראָפ פון זיך די זאָרגן און בלייבט רוהיק.

ער האָט עפּיס אַ קאָנפליקט מיט זיינע עלטערן, מיט דער גאַנצער פאַמיליע שוין אַריבער צען יאָר. קיינער האָט נישט געוואוסט, צי דער מענטש בייגקט נאָך זיין היים. ער פלעגט

זיי נישט דערמאָנען. נאָר ווייזט אויס, מען האָט אים אַמאָל שטאַרק באַליידיקט און אַ באַליידיקונג איז שמעון קיינמאָל נישט מוחל געווען.

ער איז אַוועק איצט צום ניעמאַן, געפונען דאָרט אַ פרעמד שיפל און זיך געלאָזט צום אינזל, וואָס אינמיטן טייך. שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָפּגעקילט אַ ביסל, האָט ער זיך גענומען באָדן. קיינער איז נישט געווען אַרום. ער איז געשפּרונגען אין וואַסער און געשוואומען אַזוי לייכט און פריי. קיינער וואָלט נישט געגלויבט, אַז שמעון דער שווייגנדיקער זאָל אַזויפיל שטיפן אויפן וואַסער. ער האָט געשריען, געפייפט און געזונגען. דער עכאָ קלינגט אָפּ איבער די וועלדער פון ביידע זייטן טייך.

דערנאָך איז שמעון אַרויסגעשפּרונגען פון טייך און מיט אַ מאָדנער ווילדקייט אָפּגעטרייסלט פון זיך דאָס וואַסער, ווי עפּיס אַן אורעלטער מענטש און געבליבן שטיין אַ ווײַלע אַנט-קעגן דער זון אַ נאַקעטער, אַ געזונטער, אַ לאַכנדיקער. די וואַ-רימע שטראַלן האָבן אונטערטעניק געגלעט זיין קערפּער, ווי טרייע פינגער פון קנעכט...

*

אויף דער סטאַציע צאַפּלי אין טאַרטאַק קאָכט די אַרבעט. מען דאַרף פאַרענדיקן מיט דעם געהילץ, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, ווייל באַלד וועט שוין אָנקומען דער פרודנער וואַלד.

שמעון דער פאַרוואַלטער איז שוין צוויי טעג אין וואַלד פון פאָלוואַרק פרודנע, וואָס ליגט דריי ווערסט פון צאַפּלי. שמעון פאָרט אַרום פון איין עק וואַלד ביזן צווייטן, ער מעסט, ציילט און באַטראַכט דיביימער. ער האָט צו עטלאַכע מיטהעל-פער, דאָך פיל צייט איז ער איינער אַליין צווישן די הויכע שלאַנקע סאָסנעס. ער האָט ליב דעם ריח פון די סמאָלע-ביימער, ער האָט ליב די פייכטקייט פון דעם נאָר-וואָס אונטערגעהאַקטן בוים: עס שמעקט אַזוי פריש. עס ווילט זיך אים אָפּט מיט די ציין כאַפּן און בייסן דעם בוים, וואָס ליגט ביי זיינע פיס אונ-טערטעניק און איז נאָך פול מיט זאַפט און לעבן.

אַזעלכע הויכע מעכטיקע ביימער, ביזן הימל, ווילן זיי זיך

רייסן מיט זייערע גרינע קעפּ און אָט קומט ער, שמעון דער פאַרוואַלטער און ברייגגט דאָ פיל האָלצהעקער.

—האַקט! לייגט אַוועק די גיגאַנטן! עס וועלן וואַקסן נייע וועלדער. די ערד וועט אייביק זיין פרוכטבאַר.

און דאַן, ווען שמעון בלייבט אַליין אין וואַלד, ווערט ער אָפטמאָל אומרוהיק, די אַרומיקע שטילקייט שרעקט אים.

ער איז צופיל אייגעוויינט צו אַרבעטן, כאָטש געם אין מיטן וואַלד און קלעטער אויף די ביימער... די ברוסט אָטעמט ברייט, ער נעמט זינגען:

איגדערפרי, באַלד איגדערפרי,
טרייבט דער פאַסטוך זיינע פי,
שפילט דער פאַסטוך: טרו-טרו-טרו!
און די קיעלאַך: מו-מו-מו!

עס דונערט זיין געזונטער קול איבערן וואַלד, ערגעץ ווייט פאַלט אַראָפּ אין אַן עכאָ דער לעצטער באַסיקער „מו”, אַזוי אַז שמעון קאָן זיך גישט איינהאַלטן און לאַכט זיך פאַנאַנ־דער, פונקט ווי עמיצער וואָלט זיך דאָ רייצן מיט אים. פייגלאַך דערשרעקן זיך און אַנטלויפן, אַ וועווערקע פאַלט אַזש פון בוים אַראָפּ און אַנטלויפט, שלעפּנדיק דעם גרויסן וויידל.

נאָר פּלוצלונג קומען אָן זיינע באַהעלפער, ער ווערט ערנסט. אויף איינעם בייזערט ער זיך, וואָס ער איז אַזוי שפּעט געקומען. די ביימער וואונדערן זיך אין וואַלד, וואָס טוען זיי דאָ, די מענטשן? וועמען זוכן זיי דאָ?

אַ קליין פייגעלע האָט זיך נידריק אַראָפּגעלאָזט און גע־וואָלט זיך שטעלן אויף שמעונס אַקסל. אפשר איז עס דערגאַנ־גען דעם סוד זיינעם און וויל בעטן רחמים ביי שמעונען פאַרן וואַלד?

ג.

אָט אַזוי פּלעגט שמעון כמעט יעדן טאָג פאָרן אין וואַלד אַריין און אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט. אַרום און אַרום זיינען

בּלעגן אונטערגעהאַקטע ביימער מיט אויסגעטריקנטע צווייגן, ווי אָרעמס, וועלכע ווילן וועמען אַרומכאַפּן, און אַרום די ביימער זיינען געקראָכן קליינע מענטשן מיט גרויסע העק און אַרומגע-האַקט די צווייגן. דער גאַנצער וואַלד האָט געקרעכצט, פייגלאַך האָבן פאַרלאָרן זייערע נעסטן, זיי האָבן געשוועבט אונטערן פרייען הימל און יעדן טאָג איז זייער צאָל אַלץ גרעסער גע-וואָרן. אויף די ביימער, וועלכע זיינען געשטאַנען שטאָלץ און גאַנץ ווי פריער, האָט געהערשט דאָס לעבן: וועווערקעס האָבן דאָרט געטאַנצט און פייגלאַך האָבן געזונגען, נישט פילנדיק, אַז די ערד וויגט זיך שוין אונטער זיי.

צו דער סטאַציע צאַפּלי האָבן זיך געצויגן פיל פויערשע פורלאַך מיט לאַנגע מתים-ביימער. איינעם נאָכן צווייטן האָט מען זיי געבראַכט און אַוועקגעלייגט נישט ווייט פון טאַרטאַק. עס האָט זיך דאָ שוין אָנגעקליבן אַ גאַנצער וואַלד מיט אונטערגע-האַקטע ביימער.

משה נעמזאַר איז איצט געווען מער פאַרנומען אויפן טאַר-טאַק, ווייל שמעון איז געווען אין וואַלד. עס זיינען געקומען עטלאַכע דייטשע סוחרים, אָפּגעמאַכט פאַרשידענע קאָנטראַקטן און צוריק אַוועקגעפאָרן.

און איינמאָל פאַרנאַכט, ווען קיינער האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף איר, איז מינע געקומען, אַזוי לייכט אָנגעטון, אין אַ העל גרוי קלייד און אַ ווייסן שטרויענעם הוט. די שוואַרצע אייגלאַך האָבן געגלאַנצט פון פרייד און מידקייט. זי איז צוגע-גאַנגען צו איר טאַטנס הויז אַזוי לאַנגזאַם, פונקט ווי זי וואָלט פון אַ שפּאַציר געקומען און אין אַ רגע שפּעטער איז זי שוין געווען ביים טאַטן אויפן האַלז.

*

„וואו איז שמעון, אין וואַלד? איך לויף צו אים". און עס האָט לאַנג נישט געדויערט, איז זי מיטן פאָטער געגאַנגען באַ-געגענען שמעונען. עס איז שוין באַלד נאַכט געווען, נאָר דער לעצטער באַפייערטער פאַס הימל האָט נאָך געוואָרפן ליכט אויף דר'ערד. אין וואַלד האָבן נאָך געטאַנצט אויף די ביימער די

לעצטע פלאַמען און אַ גאַנצע מחנה גרילן האָבן מאָנאָטאָן געזעגט די לופט.

מינע איז מיטן פאָטער אַרויף אויף אַ שטיק לאָנקע. זי האָט כּסדר דערציילט פון פעטערבורג, נאָר דאָס, וואָס זי האָט דערציילט, האָט דעם אַלטן נישט אינטערעסירט. ער האָט אַלץ געפרעגט, צי זי האָט געזען דעם אָדער יענעם מיניסטער, אָדער אַנדערע יחסנים. מינע האָט געלאַכט: „ווי קום איך צו זיי?" און זי האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן פון אַרטיסטקעס און זינגער.

אָט פאָרט זיי אַנטקעגן אַ וואָגן, די לעצטע פור פון וואַלד. אַ לאַנגער קלאָץ ליגט אויף די רעדער, אויף דעם קלאָץ זיצט אַ פויער און שמעון דער פאַרוואַלטער, ער קוקט שטאַר אין דער האַלב-פינסטערניש אין אַ נאָטיץ-ביכל אַריין און פאַרצייכנט...

מינע שפּרינגט אויף און בלייבט שטיין אין דערוואַרטונג. זי שווייגט און דעם טאַטן לאָזט זי אויך נישט ריידן. די שאָטנס פון אָוונט באַהאַלטן זיי, נאָר ווען דער וואָגן גלייכט זיך אויס מיט זיי, דערלאַנגט זי אַ פריילאַכן געשריי: „שמעון!"

שמעון קוקט זיך רוהיק אַרום און שפּרינגט באַלד אַראָפּ פון דעם קלאָץ: „מינע, מינע, שלום-עליכם!" און לייגט אַריין דאָס ביכל אין טאַש.

—ווען נישט דיין קול, וואָלט איך דיך נישט דערקענט אָט איצט ביזטו שוין אויף אַן אמת אַ גרויסע, אָט אַזוי וואַקסט עס דער מענטש אויס... איך געדיינק, מיט אַ צען יאָר צוריק איז יענער וועלדל געווען אַ נידריקס, ווי אַ קליין בערגל.

מינע לאַכט:

—אַלץ מיט די וועלדער ביי אים. הער שוין אויף, מיין טייערער האָלצהעקער!

*

דער אַלטער נעמזאָר האָט זיך פאַררעדט מיטן פורמאַן און ער איז שוין אַזוי נאָכגעגאַנגען די פור. מינע מיט שמעונען זיינען געבליבן אַליין.

צוויי יאָר האָבן זיי זיך נישט געזען, שמעון האָט זיך פאַר דער צייט נאָכמער צוגעוויינט צו זיין אַרבעט. פון גרויסן

וועלטטומל פלעגט ער זיך דערוויסן פון צייטונגען און בילער, וואָס ער פלעגט פאַרן שלאָף לייענען און זי, מינע, זי האָט זיך פאר די צוויי יאָר אַ סך אָפּגעווינט פון איר רוהיקער היים. דאָרט, אין פריילאַכן פעטערבורג, האָט זי פיל געטרוימט פון דער סטאַציע צאַפּלי מיט די וועלדער אַרום דער סטאַציע, וועלכע זי האָט זיך אַלץ פאָרגעשטעלט, ווי אַ קליינעם גן-עדן.

און אָט איז זי איצט געקומען און שפּאַצירט זיך אין גן-עדן.

„שמעון!“

זי האָט אים מיט איר לייכטער האַנט דערלאַנגט איבערן פלייצע. שמעון האָט אויף איר אויפגעהויבן זיינע אויגן און אַ ווילדער פריילאַכער שטורם האָט זיך אויפגעהויבן אין זיין ברוסט. דער שטורם האָט לאַנג גערוט און זיך באַהאַלטן אין זיין פעסטן קערפּער. צופיל נייע געפילן האָבן איצט אַרומגענומען שמעונען. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע, זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט. ביז די שלאַנקע מינע האָט אַ שפּרונג געטון צו איר חתן... און שמעון האָט דערפילט אירע יונגע ליפּן אויף זיינע...

—האָסט מיך אָפּגעבריט, מינע! —און באַלד איז זי געווען אין זיינע אָרעמס, ווי אַ קליין טעכטערל, וואָס אָרעמט דעם טאַטן אַרום.

—האָסט נאָך מיר געבענקט, האָסט געוואַרט אויף מיר, זאָג, האָסט געוואַרט?

און שמעון האָט געענטפערט:

—איך האָב געאַרבעט און געאַרבעט, איך האָב וועגן דיר קיינמאָל געטראַכט, נאָר נישט געבענקט... איך קאָן נישט בענקען, איך האָב זיך אַלץ פאָרגעשטעלט, אַז סוף-כל-סוף וועסטו קליגער ווערן און זיך פאַרליבן אין אַ צווייטן, וועסט פאַרגעסן אַזאַ בער, ווי שמעון.

און זי האָט זיך מיט אים גערייצט:

—בער, בער, וואַלד-חיה, וואַלדמענטש!...

*

—ווען איך אַרבעט, מינע, זאָלסטו מיר נישט שטערן. או-מעטום איז זי דאָ... ביזטו שוין יאָ געקומען אין וואַלד, האָסטו

באַדאַרפט מיטברייינגען אַ קריגעלע און קלויבן יאַגדעס.

— איך וויל זיך שפּילן, איך וויל זיך שפּילן...

שמעון האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט איר. עס אַרבעטן דאָ אַזויפיל מענטשן, מען דאַרף אַכטונג געבן, אָניאָגן.

און זי וויל זיך שפּילן. אמת, עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען שמעון האָט געוואָלט מיט איר אַנטלויפן אין דער טיפעניש פון וואַלד, זי האָט אַזוי געררייצט מיט איר לאַכן, זי פלעגט אַרומלויפן באָרוועס און האַלב-נאַקעט.

נאָר שמעון פלעגט טיף אין וואַלד מיט מינען נישט אַנט-לויפן. זי האָט געמוזט אַרבעטן, פאַרשרייבן די צאָל אַרויסגע-פירטע ביימער, זי האָט אויך געמוזט אַכטונג געבן אויף די האָלצהעקער, נאָר דאָס האָט זי אַלין געמאַכט אַזוי שטיפעריש און לייכטזיניק מיט איר לאַכן און דער וואַלד האָט מיטגעלאַכט. עס האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דאָ לייגט מען אַוועק אַזעלכע אַלטע גיגאַנטן-ביימער, אַז פייגלאַך בלייבן אָן נעסטן.

אין וואַלד האָט געהערשט אַ שמחה, ווי ערב אַ חתונה, נאָר נישט שמעון און נישט מינע האָבן גערעדט וועגן חתונה, צופיל אַרבעט איז געווען און דער זומער איז קורץ.

ד.

נישט ווייט פון צאַפּלי איז געווען אַ דאַטשע-דאָרף. מינע איז אַהין אַוועקגעפאָרן, זי האָט דאָרט געהאַט באַקאַנטע. דריי טעג איז זי נישט געווען און שמעון האָט זיך פון אָנפאַנג גע-פרייט: „זאָל זי פאַרברייינגען, מען וועט קאָנען דערווייל אַר-בעטן". און ער האָט זיך מיט טאָפּעלטע כוחות גענומען צום וואַלד...

אויף אַ גרויסן שטח זיינען געלעגן אונטערגעהאַקטע ביי-מער, אַנדערע מיט די צווייגן נאָך, אַנדערע שוין אַרומגעזעגט, זיי האָבן אויסגעזען, ווי אָן הענט. איבער די אַלע ביימער און בערג ספּן זיינען געקראָכן באָרוועסע פויערים און געאַרבעט מיט זעג און האַק.

דער וואַלד האָט געקרעכצט, געקלאַפּט און געהוקעט. צו מיטאָגצייט פלעגן זיך די פּויערים אויסציען אויפן גראָז און שלאָפן. די זון פלעגט זיי ברענען און בראָטן, גרויסע טראָפּנס שווייס רינען אַראָפּ פון זייערע צעקנייטשטע פּנימער.

אַ בין זשומט, אַ פייגל נעמט זינגען און ווערט שטיל. עס איז עפּיס אַ מרויער אין דער נאַטור, דער וואַלד זעט אויס ווי אַ בית-עולם; ניין, די הונדערטערביימער וועלן שוין קיינמאָל נישט ציען זיך צום הימל, די גרינע סאָסנעצווייגן וועלן שוין מער נישט קילן די לופט, ווי מיט אַ פעכער.

שמעון לויפט האַסטיק דורך מיט אַ באַפעל:

—שטייט אויף, צו דער אַרבעט!

און ער אַיילט ווייטער צו דער צווייטער פּאַרטיע פּויערים. לאַנגזאַם נעמט דער וואַלד ווידער קלאַפּן, וואָס אַ רגע ווייטער אַלץ מיט מער עקשנות, אַלץ העכער און שטאַרקער. דאָרט ווייטער איז אַ בוים אומגעפאַלן און אין אַן אַנדער אָרט האָט זיך זעער אין דער אַרבעט פאַנאַנדערגעזונגען, אַ צווייטער ענטפערט אים אָפּ און די העק אַקאָמפּאַנירן. די נאָכהאַלבטאָגיקע זון שמייכלט און עס דאַכט זיך, אַז דער הימל אַרום מיט די געבליבענע ביימער, אַלץ האָט הנאה פון דער אַרבעט און באַוועגונג, גאָט אַליין קוועלט אָן פון דעם.

שטילער...

שמעון איז געזעסן אויף אַ בוימוואָרצל און עפּיס פאַרנאָטירט אין זיין ביכל. אויפהויבנדיק די אויגן, האָט ער באַמערקט מינען... נאָר נישט אַליין, זי איז געווען מיט עטלאַכע יונגעלייט און פריילנס. זי איז האַסטיק צוגעלאָפן צו אים און גענומען אויף גיך דערציילן:

—דאָס זיינען מיינע באַקאַנטע, פּעטערבורגער סטודענטן און קורסיסטקעס.—שמעון האָט זיך מיט זיי באַקאַנט. עס האָט אים אָבער גלייך ווידער געצויגן צום נאָטיץ-ביכל און דאָ באַדאַרף ער ווידער שטיין מיט זיי און ריידן, ריידן...

טיף אין האַרצן האָט ער זיך געבייזערט אויף מינען: „זי וועט מיר דעם גאַנצן זומער אַוועקהרגענען".

צווישן דער אָנגעקומענער גרופּע איז געווען איינער אַ סטודענט, מיט וועלכן מינע האָט זיך נענטער געהאַלטן, אַ רונדער, אויסגעפּאַשעטער, דער מונדירטשיק איז אויף אים נעט געלעגן און ווייזט אויס, אַז ער האָט מיט דעם קאָקעטירט, ווייל עס איז געווען גענוג הייס און ער האָט זיך מיט זיין מונדירטשיק מיט די גאָלדענע קנעפּ נישט געשיידט. שמעון האָט אומבאַמערקטערהייט דערפילט צו אים עפּיס אַ בייזקייט.

דערזעענדיק פון ווייטן, אַז די אַרבעטער טוען נישט דאָס, וואָס זיי באַדאַרפן, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלעמען און האַסטיק גענומען שפּרייזן צו די אַרבעטער.

די גאַנצע חברה דאַטשניקעס האָט זיך געלאָזט איבערן וואַלד מיט געזאַנג און געשריי, ביז די פאַרביקע קליידער זייערע זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן דיביימער.

פון דעמאָלט אָן איז מינע מער געווען אין נאָענטן דאַטשעדאָרף, ווי אין צאַפּלי.

ביי טאָג פלעגט עס שמעון נישט באַמערקן, ער פלעגט אַ רגע נישט פריי זיין. אַמאָל דערמאָנט ער זיך אָן מינען, נאָר ער ענטפערט באַלד די געדאַנקען: „זאָל זי זיך שפּילן".

דאָך פאַרנאַכט, ווען ער קומט פון וואַלד, שוין אַלץ פאַרשריבן און שוין אָפּגעגעסן, אָט אין דער שעה צווישן וואַך און שלאָף, ווען אויף די פעלדער און אויפן הימל איז שוין די נאַכט געקראָכן, פאַרלעשנדיק די לעצטע ראָזע וואָלקנדלאַך—אין אַזעלכע מינוטן האָט ער געטראַכט פון מינען. ער האָט געקוקט אויפן גערטל, ער האָט געקוקט אויפן שווייגנדיקן טאַרטאַק, אויף די ווייטע שווייגנדיקע וועלדער, פּונקט ווי ער וואָלט עפּיס עמיצן זוכן. איינמאָל איז ער אפילו אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג צום שאָסיי, וועלכער האָט געפירט צום דאַטשע-דאָרף, וואו מינע האָט פאַרבראַכט. ער איז אַזוי געגאַנגען און אָנגעשטעלט די אויערן אין מיטן פעלד, זיך צוגעהערט צו דער ווייטקייט: אַ גריל האָט געגריילט און מער גאָרנישט...

„שמעון, האַ, שמעון! וואָס איז מיט דיר?" האָט ער זיך אַליין געפרעגט און ווידער זיך צוגעהערט און געקוקט אין דער

פינסטערניש. דערנאָך האָט ער זיך מיט אימפעט אומגעקערט אַהיים, אַריינוואַרפענדיק אַ וואָרט אין דער נאַכט: „שלאָפן, שוין צייט צו שלאָפן".

צוקומענדיק צו דער שטוב, האָט אים אָפּגעוואַרט דער אַלטער בעמזאַר:

—וואו ביזטו געווען, שמעון? איך האָב געמיינט דו ביזט אַוועק צו מינען אויף דאַטשע?

שמעונען האָט עפּיס אַ שטאָך געטון פון די ווערטער.

נאָר ער האָט אָנגעהויבן ריידן מיטן אַלטן, אַז מען דאַרף דינגען נאָך אַ דאָרף פּויערים, אַנדערש וועט מען דעם וואַלד ביז הערבסט נישט אַראָפּנעמען. זיי זיינען געזעסן אַ לענגערע צייט און גערעדט פון געשעפט, געמאַכט פאַרשידענע חשבונות און פּלענער. פּלוצלונג האָט דער אַלטער ווידער אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע:

—און ווען רעכנסטו חתונה האָבן?—אים האָט עפּיס נישט געלאָזט רוען. מינעס פאַרברייגען גאַנצע טעג אויסער צאַפּלי איז אים עפּיס נישט געפעלן געוואָרן.

שמעון האָט אַ לאַך געטון:

—חתונה האָבן? האַ! שפּעטער אַ ביסל, מען דאַרף דאָך פריער דעם וואַלד אַראָפּנעמען.—ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אָפּגעזעגנט זיך מיטן אַלטן בעמזאַר פאַרן שלאָפן.

ער איז געווען צופיל מיד פון שלאָף און ער איז גיך איינגעשלאָפן.

וואָס האָט זיך אים געחלומט, דעם געזונטן שמעונען?

דער וואַלד מיט די באָרוועסע פּויערים, מיט די קלעפּ פון די העק, נאָר עטלאַכע מאָל האָט ער זיך האַלב אויפגעכאַפּט: עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַ בוים פאַלט און ער איז אין חלום אַזוי אָפּגעשפּרונגען.

שפּעטער אַ ביסל זיינען די חלומות פאַרשוואונדן געוואָרן און דער שלאָף האָט אים ביז אינדערפרי פעסט געשמידט.

ד.

מינע פלעגט קומען פון די דאָמעשניקעס מיט גאַנצע פעק מעשיות: ווי זיי האָבן דאָרט געשפּילט און ווי געזונגען, זי האָט גערעדט און געפּלאַפּלט פון אירע באַקאַנטע.

ווען שמעון פלעגט צייט האָבן, האָט ער זי דאַן געדולדיק אויסגעהערט. נאָר צייט איז געווען אַזוי ווייניק. שטענדיק פלעגט מען פון אים הערן:

—מען דאַרף שוין גיין, מען דאַרף שוין גיין. די אַרבעטער וועלן דאָרט שלאָפן אָן מיר.

ניין, דאַכט זיך, אַז זיי זיינען אַ ביסל ברוגז צווישן זיך. שמעון האָט גאָרנישט דערמאָנט, זי—אויך נישט. זי לויפט שוין אָבער נישט צו אים, ווי פריער, זי קומט שוין מער נישט צו אים אין פּרודנער וואַלד.

שמעון האָט נאָך מער געיאָגט די אַרבעט. יעדער נייער מאָרג וואַלד, וואָס איז שוין געלעגן אויף דר'ערד, האָט אים געפרייט, פונקט ווי ער וואָלט נקמה גענומען אָן ווען. נאָר פאַרנאַכט, די האָלצהעקער נעמען זייערע אינסטרומענטן אויף די פּלייצעס און קריכן זיך פאַנאַנדער אין די אַרומיקע דערפער— ער בלייבט אַליין מיט זיין נאָטיצביכל און קריכט אַרום צווישן דיביימער און שרייבט און רעכנט, ביז די פינגער שטעלן זיך אָפּ און פון גאַנצן רעכנונג ווערט אַ מישמאַש.

איינמאָל האָט ער, אַזוי שטייענדיק אין וואַלד אַ ביסל אַ צוטומלטער, אַ טופּע געטון מיט די פיס און אַליין צו זיך אַ געשריי געטון:

„שמעון!"

פונקט ווי ער וואָלט זיך וועלן אויספּאַטשען, אַזוי אין כעס איז ער געווען אויף זיך... ער איז אויפן וועג אַרויס און ווייט האָט זיך אַוועקגעטראָגן אַ שווערער זיפץ פון זיין ברוסט.

ער איז געווען אַ זאָרגלאָזער, פרייער מענטש, נאָר די געדאַנקען וועגן מינען, די פעדעם פון איבערזיכט האָבן אים איינגעבונדן, ווי שטריק.

פריער-שפעטער — ער מוז זיך פון דעם באַפרייען.

די שטילע לופט פון שפעט-זומערדיקן פאַרנאַכט האָט אים רוהיקער געמאַכט. ער האָט זיך געסטאַרעט צונויפצוקלויבן זיינע געדאַנקען און קומען צו עפּיס אַ באַשלוס. אין דעם האָט ער דערזען פון ווייטן צוויי סילועטן. דאָס איז מינע געגאַנגען מיט דעם קנעפּלדיקן סטודענט. זיי זיינען געגאַנגען פון צאַפּלי צו די דאַטשעס. זיי האָבן אים נישט באַמערקט...

ווי נאָנט זיי גייען עס איינער צום צווייטן, זי האָט לייכט געהאַלטן דעם קאָפּ אירן אָנגעלענט אָן סטודענט.

ער האָט ערשט שוין אויף קלאָר פאַרשטאַנען, שמעון דער פאַרוואַלטער, אַז מינע איז שוין נישט זיינע, ניין, ניין...

ער האָט גענומען האַסטיקער שפּרייזן, עטלאַכע מאָל אַראָפּ פון וועג און ווידער זיי נאָכגעקוקט, ביז די צוויי סילועטן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. אין דערדאָזיקער נאַכט איז ער נישט געשלאָפן. ווי אַ חיה האָט ער אויף זיך אַליין געקריצט מיט די ציין, דער מח איז ביי אים פון צאָרן טעמפּ געוואָרן, די געדאַנקען האָבן זיך נישט געבונדן. ער איז געלעגן אַזוי אויף זיין געלעגער אין די קליידער, אַ גרויסער, אַ שטאַרקער און זיך צוגעהערט, ווי אַ לאָדן קלאַפּט, ווי אַ נאַכטפייגל שרייט. ביי די ערשטע מאָרגנשטראַלן האָט ער באַטראַכט זיין חדר, די ווענט און די ליידיקקייט אַרום און צום ערשטן מאָל אין לעבן זיך דערפילט איינזאַם, איינזאַם ביז רחמנות.

אין דעם נייעם טאָג האָט ער געאַרבעט נישט אין וואַלד, נאָר אין טאַרטאַק, וואו מען האָט געמוזט אויף געשווינט צוגרייטן אַ פּאַרטיע ברעטער פאַר די דייטשן. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווערן קאָפּ צווישן די מאַשינען. די רעדער זיינען האַסטיק געפלויגן און געשווינדלט אין די אויגן, די ברעטער, די גלאַטינקע, נייע פרישע ברעטער, האָבן אים היינט נישט געטרייסט. עס האָט אים אָטעם היינט פאַרפעלט.

ער איז איינגעוויינט געווען צו אָטעמען מיט דער פולער ברוסט און היינט — ווי מען וואָלט אים מיט קייטן צוגעשמידט זיין קערפּער.

ער איז אַרויס אויפן גאַס. דער שאָסיי איז אַלץ העלער געוואָרן. די נאַכט איז לאַנגזאַם אַוועק. פון די וועלדער, פון אַלע שפּאַלטן האָט זי צונויפגעזאַמלט אירע שאָטנס און זיך אָפּ־געטראָגן.

שמעון איז געגאַנגען צום בערגל, וואָס איז געלעגן צווישן טאַרטאַק און דעם ניעמאַן. ער איז אַרויף אינדערהויך און אויף אַלץ אַראָפּגעקוקט. פון איבערן טייך האָט זיך אויפגעהויבן אַ מילך־טוי און געקראָכן צום וואַלד אין די שפּאַלטן צווישן די ביימער. דער טאַרטאַק האָט נאָך געשלאָפן, נאָר פון קוימען איז שוין געגאַנגען אַ רויך.

פּלוצלונג האָט זיך די זון באַוויזן איבערן וואַלד. אַ רויטע, אַ געוואַלטיק פריילעכע זון. אויפן טייך איז געפאַלן אַ ראָזע פאַרב, דער צווייטער ברעג פון טייך האָט זיך העל באַלויכטן, קוואַדראַטע שטיקער פעלד האָבן זיך געזען, אַ סטאַדע איז לאַנג־זאַם צום וואַסער געגאַנגען.

אַ לייכטע קעלט האָט אַרומגעכאַפּט שמעונען און עס האָט אים אויפגעמונטערט. ער האָט געקוקט אויף אַלץ מיט אָפענע אויגן. די עטלאַכע יונגע סאָסנעס, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן בערגל זייגען געווען באַנעצט מיט טוי־טראָפּנס, נאָר פון טייך איז שוין דער טוי אינגאַנצן פאַרשוואונדן. ער האָט געזען, ווי פויערים זיינען געקומען צום ברעג און גענומען שלעפן די קלעצער, די פּליטן, דאָס איז אַלץ זיין אַרבעט, זיינע פּלענער...

ער האָט געקוקט, שמעון, אויף דער גאַנצער געגנט אַרום: בעת ער איז דאָ מיט צען יאָר צוריק געקומען, איז דאָ געווען אַ וויסטעניש.

דאָס האָט ער דאָ אַלץ באַשאַפן און אַזויפיל לעבן אַריינ־געבראַכט... אָט, דאָרט, וואו אַ מענטש אַרבעט און שאַפט, דאָרט איז זיין קעניגרייך. ער וועט פון דאַנען נישט אַוועק. ניין, ניין! עפּיס האָט אים אַ שטויס געטון פון אָרט, ער איז צוגעלאָפן צום ערשטן ביימל, עס אַרומגענומען און אַ בויג געטון.

די יונגע סאָסנע האָט אַ קרעכץ געטון און איז שוין גע־לעגן אויף דר׳ערד, דערנאָך די צווייטע סאָסנע... שמעון האָט

שמעון איז אַריינגעקומען פון פאַבריק און אָפּגעגעסן, דער־נאָך איז ער אַרויס אויף דער גאַס. מינע איז נישט ווייט גע־זעסן און ער איז צוגעגאַנגען צו איר.

עס האָט זיך אָבער נישט געקלעבט זייער געשפּרעך, ביז שמעון איז איבערגעגאַנגען אויף אָפענע רייד:

—מינע,—האָט ער געזאָגט,—לאָמיר זיין אָפנהאַרציק! דיין פּאַראָק־ער האָט זיך שוין געביטן, האַ! געביטן?

—איך פאַרשטיי דיך נישט, שמעון!

שמעון האָט זיך אָנגעצונדן:

—מיט מיר, מינע, באַדאַרף מען ריידן אַזוי ווי עס איז, אָן קונצן. איך האָב זיך אָפּגעלערנט פון אַלע קונצן.

—וואָס ווילסטו, שמעון?

זי האָט עס געפרעגט מיט כעס, שמעונען איז פּלוצלונג פרעמד געוואָרן איר קול. ער איז שטיל געוואָרן. זי האָט גע־שוויגן. דער אַלטער בעמזאַר איז ערגעץ אַוועק, קיינער האָט זיי נישט געשטערט און דאָך איז זיי שווער געווען צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן.

זיי זיינען שוין געווען פרעמדע מענטשן, פרעמדע!

זי האָט געהאַלטן די הענט אויף די קני און געקוקט צום פעלד, דאָרט, וואו די דאַטשעס ליגן. שמעון האָט געטראַכט, אַז זי איז אומעטיק דערפון, וואָס זי פאַרברייננגט נישט דעם אָוונט דאָרט, מיט די באַקאַנטע אירע.

ער... וואָס קאָן ער, שמעון, איר געבן? ער, וואָס אַרבעט פון פרי ביז נאַכט און ביי וועמען די אַרבעט איז אַלץ. ניין!

ער הויבט זיך גיך אויף און גייט אַריין צו זיך אין צי־מער, אין נישט באַלויכטענעם צימער.

ו.

שמעון איז ווידער נישט געשלאָפן די נאַכט. ער האָט פון סדר אַרויסגעקוקט פון פענסטער, דער וואַלד אַרום איז גע־שטאַנען פון ביידע זייטן, ווי צוויי שוואַרצע פּלויטן און אינמיטן

האָט זיך געזען אַ העלער פּאַס פון דער באַלויכטענער נאַכט, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אויף דעם ווייטן שאָסיי, שטיל און שטום.

ער האָט אַלץ געטראַכט פון מינען, פון דעם שווערן געפיל, וואָס פּייניקט אים אין די לעצטע טעג. ער האָט אין די געדאַנקען אַרויסגערופן דעם סטודענטל און אים אַוועקגעשטעלט גלייך מיט מינען און, אַזוי קוקנדיק אויףביידן, האָט ער צו זיך אַליין געשמייכלט אינדערפינסטער: מינע איז בלייכער און נישטיקער געוואָרן... אַך, ווען זי וואָלט כאָטש ליב באַקומען אַ שטאַרקן, אַ שיינעם מענטשן... אָבער דעם נפש מיט די גלאַנציקע קנעפּ... שמילער!

אפשר אַוועקפאָרן פון דאַנען, אַנטלויפן? שמעון האָט איצט אין די פינסטערע שעהן אַלץ באַטראַכט און ער האָט באַשלאָסן, אַז אַנטלויפן האָט ער נישט וואו און ער באַדאַרף עס נישט טון: מינע וועט דאָך אינגיכן ווידער אַוועקפאָרן אין פּעטערבורג און דאַן וועט ער אַריין אין דער אַרבעט און לעבן ווי פריער.

דער זומער וועט גאַנץ גיך אַוועקגיין, עס וועט קומען דער קאַלטער ווינטער מיט שניי און פראָסט. אַך, סאַר אַ טייערע זאַך דער פראָסט איז, ער פאַרגליווערט און שמידט איין די וועלט: שווייג, צאַפּל זיך נישט, רו! עס שווייגט דער טייך, עס שווייגט דער וואַלד און די ערד שווייגט, ווי אַ גרויסער בית-עולם. אין דעם גרויסן שווייגן פון ווינטער קלאַפּט רעגלמעסיקער דאָס האַרץ, בלויז אַמאָל ביינאַכט כאַפּט מען זיך אַרויס מיט די דאָרפישע מיידלאַך אויף שליטנס אין וויסטן, ווייסן פעלד אַריין און מען לאַכט זיך אויס פון דער גאַנצער וועלט.

די גלעקלאַך קלינגען און זאָגן אָן, אַז דאָס בלוט אין די אָדערן האָט זיך צעשפּילט... היידאַ! ביז פאַרטאָג, ביז דער פראָסט וועט אַלץ ווידער פאַרגליווערן.

ער האָט זיך פאַרוואונדערט, שמעון, וואָס ער טראַכט איצט גאָר פון ווינטער. ער האָט אָבער אויך דערפילט, אַז ער ווערט רוהיקער, ער האָט מינען פאַרגעסן אויף אַ קורצער ווײַלע און דאָס האָט אים געמאַכט אַזוי פריילאַך...

ער איז געשטאַנען ביי אַ מאַשין און געטראַכט. פון וועמען, פון וואָס האָט ער געטראַכט? פון בעכמיקן אָוונט, בעת ער האָט זיי ביידן געזען גיין אַזוי נאָנט, אַזוי פאַרליבט צוזאַמען.

ער האָט זיך אָבער צו שטאַרק פאַרטראַכט, שמעון. ער האָט דערביי בישט-ווילנדיק אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן ראָד פון דער מאַשין.

דער ראָד האָט אַ שפרונג געטון און איין פינגער אַ כאַפּ געטון און שטאַרק פאַרוואונדעט. ערשט דאַן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע געדאַנקען. ער איז אַרויס פון פאַבריק מיט דער האַנט אין בלוט. געוואָלט האָט ער אַריינגיין צו זיך אין שטוב און עס איבערבינדן.

מינע איז געזעסן דאַן אויף די ברעטער נעבן פאַבריק און מיט איר אויך דער סטודענט. זי האָט דערזען שמעונס צובלוטיקטן פינגער און צושראָקן צוגעלאָפן צו אים. זי איז בלייך געווען און, אַ בלייכע, איז זי אַוועקגעלאָפן און געבראַכט ריינע לייוונט און יאָדינע.

שמעון האָט זי באַרוהיקט און דערביי געלאַכט:

—וואָס איז? אַ פינגער, אַ פאָר טראָפּנס בלוט.

דער סטודענט האָט אויך אַרויסגעוויזן מיטגעפיל, נאָר דערביי איז ער אַזוי רוהיק געשטאַנען מיט די הענט אין די קעשענעס, ווי איינער, וואָס האָט הנאה פון אַלץ, וואָס זיינע אויגן זעען.

שמעון איז דערנאָך צוריק אַריין אין פאַבריק מיט אַ פאַרבונדענער האַנט. ער האָט געשמייכלט צו זיך פון די מאָדנע מענטשן.

אַ פינגער האָט ער זיך פאַרוואונדעט, אַ נאַרישע פאָר טראָפּן בלוט און זי איז בלייך געוואָרן.

און פון דער אומרוהיקער נאַכט זייגער, וואָס ער האָט דורכגעלעבט... פון דעם טעמפּן אַנגסטלאַכן ווייטיק זיינעם... וואָס וויים זי? וואָס פילט זי?

אין דעם אָוונט איז מינע געבליבן אין צאַפּלי. דער סטודענט איז אַליין אַוועק.

געפילט אין זיך אַ כּח אַרויסצורייסן אַלע ביימער דאָ, נאָר דער טאַרטאַק האָט גענומען פייפן...

צו דער אַרבייט! האָט שמעון אַ טראַכט געטון, די זון האָט שוין אַרום אַלץ באַלויכטן. פון די וועלדער האָט זיך געטראָגן אַ סמאָלע-ריח. דער טאַרטאַק האָט שוין געסקריפּעט און גערוישט. שמעון האָט געפילט, ווי זיין האַרץ קלאַפּט מיט דעם אויפגעוואַכטן פרימאָרגן...

ער איז כּמעט טאַנצנדיק געגאַנגען צו דער פאַבריק און מיט אַ שטאָלצער הנאה גערעדט צו זיך אַליין:

—צו דער אַרבעט, שמעון, צו דער אַרבעט!

אסנת.

א

אין גראַף פּאָטאָצקיס געדיכטע וועלדער, וועלכע גרעניצן זיך אויך מיט דעם ביעלאָוועשער וואַלד, ליגט אַ קליין פּאָלוואַרק פּרודנע. עטלאַכע פּריצישע אַלטמאָדישע געביידעס, עטלאַכע געמויערטע שייערס, אַ שטיקל פעלד פאַרזייט מיט פאַרשידענע גרינסן און אַרום, אַרום—וואַלד.

דער גראַף האָט שוין דעם פּאָלוואַרק נישט געזען צענדליקער יאָרן. ער געדענקט שוין אודאי נישט דעם יידן, וועלכער האָט ביי אים שוין פון לאַנג דעם פּאָלוואַרק אין אַרענדע גענומען.

ביי דעם יידן זיינען פאַר דער דאָזיקער צייט געבאָרן געוואָרן פיל קינדער. זיי זיינען שוין אויסגעוואַקסן, די קינדער און צווישן זיי אַלע איז די שענסטע—די עלטערע טאָכטער.

אסנת הייסט זי, אַ בלום אין פּאָטאָצקיס פּאָלוואַרק. צו אַלע אַרומיקע פּריצים איז שוין דערגאַנגען וועגן דעם אַרענדארס טאָכטער.

דער אַרענדאַר פאַרשטייט און מאַכט זיך נישט פאַרשטיין,

ווען דער אָדער יענער פּריץ וויזט אים אַרויס מיטאַמאָל אַזוי-פיל גוטסקייט.

„ר׳ שמואל, דאָס איז צוליב אסנהן!" אַזוי טראַכט ער און שוויגט. און אַמאָל קומט אויך אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין: „מען דאַרף דאָס מיידל חתונה מאַכן".

אסנה פלעגט נישט די גאַנצע צייט פאַרבריינגען אין פּרודנע. שוין פון קינדווייז אָן פלעגט דאָס מיידל פאַרבריינגען פיל אין שטאָט, ביי די מומעס אירע און אויך ביי אַנדערע קרובים. אַלע פלעגן מיט איר פאַרבריינגען און זיך שפּילן מיט איר, דערנאָך פלעגט זי קומען פון שטאָט אַ קאַפּריזנע, אַן אויסגעקעלטע, נאָר אויך אין שטוב איז זי געווען די געליבטסטע.

אין די זומערן פלעגט אסנה אין ערגעץ נישט אַרויספאָרן. באָרוועס און האַלב אָנגעטון פלעגט זי אַרומלויפן מיט אירע שוועסטערלאַך און ברידער און מיט פּויערשע קינדער פון פאָלוואַרק. זי פלעגט רייטן אויף פערד און קריכן אויף ביימער נישט ערגער פאַר אַנדערע שקצים. עס פלעגט אַמאָל טרעפן, די גאַנצע גרופּע קינדער פלעגט זיך אַוועקלאָזן אין וואַלד טיף-טיף, אַלע מיט קריגעלאַך, זיי פלעגן גיין נאָך יאַגדעס, רויטע און שוואַרצע. נאָר די קינדער פלעגן שוין אַזוי ליב האָבן אַוועקצוגיין אַלץ ווייטער, אַריינפּלאָנטערן זיך אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער און דערנאָך בלאָנדזשען און דעם וועג לאַנג נישט געפינען, אָדער זיי פלעגן אַזוי ליגן אויף דר׳ערד און קלויבן די יאַגדעס אין קריגל און אין מויל, ביז איבער די ביימער פלעגט זיך אָנקלייבן אַ גאַנצע מחנה וואָלקנס. די קינדער ווייסן פון גאָרנישט: דער וואַלד איז געדיכט און די צווייגן פון די ביימער פאַרדעקן אים ווי אַ דאַך...

פּלוצלונג אַ דונער און דערנאָך אַ גאָס רעגן. די קינדער שפּרינגען אויף פון די ערטער. זיי גלויבן זיך אַליין נישט: ווי קומט איצט אַ רעגן, בעת זיי זיינען פון שטוב אַרויס, איז דער הימל אַזוי ריין געווען, אַזוי אויסגעלייטערט, נאָר די שווערע טראָפּנס פאַלן פון צווייג אויף צווייג און צום סוף פאַלן זיי אויף די לייכט געקליידעטע קינדער. זיי נעמען לויפן אַזוי פלינק,

אזוי צושראָקן. די ווייניק דרייסטע געמען חיינען, און זיי לויפן אזוי וויינענדיק, און די היים איז אַזוי ווייט, אַזוי ווייט...

און ווען אסנה מיט די שוועסטער קומען צולויפן נאַסע, אויסגעווייקטע צו דער מאַמען, פאַרברעכט יענע מיט די הענט און שרייט גוטמוטיק אויף זיי:

—משוגענע קינדער, וואָס זענט איר אַוועקגעקראָכן אַזוי טיף אין וואַלד... שדים, נישט קיין קינדער.—און עס פלעגט זיך אָנהויבן אַ טומל אין שטוב, מען דאַרף די שדים איבערטון אין טרוקענע קליידער, זאָל גאָט אויסהיטן, מען קאָן אָפּקרייענקען פון אַזאַ רעגן.

אַזוי איז אסנה געוואַקסן.

אין שטאָט ביי די קרובים האָט זי איינגעזאַפּט אין זיך אַן אַנדער לעבן: דאָרט האָט זי זיך צוגעהערט, וואָס די געביל-דעטע קוזינעס ריידן, זי האָט זיך אַליין אויך געלערנט, האָט געליינט ביכער און געגאַנגען אין טעאַטער. און צו ביידע לעבנס האָט איר געצויגן און ווייל זי איז געווען אַ גוטמוטיק, פריילאַך מיידל, האָט די האַרמאָניע געהערשט אין איר נשמה, און זי פלעגט אַזוי אַרומשפּרינגען פון שטאָט אין דאָרף און פאַר-קערט.

זי איז אויסגעוואַקסן אַ שלאַנקע מיט אַ פּאָר געזונטע הענט, וועלכע זי פלעגט זייער אָפט באַגראָבן אין קאַמף מיט אירע ברי-דער און מיט דעם שטאָטישן קוזין, וועלכער איז שוין געווען אין איר שטאַרק פאַרליבט.

אסנה פלעגט אים אָבער צושטופּן צום וואַנט און אים דאָרט האַלטן, ווי אַ פאַרזינדיקט קינד, וועלכעס מען שטעלט אין ווינקל אַריין:

„ניין, אסנה וועט מיט אַזאַ באַבע נישט התונה האָבן.״

און דערביי פלעגן שמייכלען אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, אמת יידישע מזרח-אויגן, זיי פלעגן אַזוי גוטמוטיק שמייכלען, אַז עס האָט זיך נישט געגלויבט, אַז אסנה זאָל עמיצן בייז טון, אפילו דעם קוזין דעם שוואַכלינג. זאָל ער זי נאָר גוט בעטן, וועט זי אים טון די טובה און זיך פאַרליבן אין אים.

אַזוי פלעגט זיך אויסדריקן.

און אָפט, זייער אָפט פלעגט אסנהן אויסקומען צו הערן פון אירע קרובים:

—די גאַנצע שטאָט איז דאָך פאַרליבט אין דיר.—און פאַר די קרובים איז דאָס אַ שמערץ געווען, ווען די שיינע אסנת פלעגט קומען צופאָרן מיט איר טאַטנס פערד און דערביי פלעגט די כלה-מויד, אסנה, אַליין האַלטן די לייצעס און אָנטרייבן די פערד:

—פע, אסנה! פאַר אַ יידיש קינד, פאַר דיר איז עס נישט שיין.

יענע פלעגט אַראָפּשפּרינגען פון דער בריטשקע מיט אַ געזונטן, געזונטן געלעכטער:

—שיין, מיאוס... אַ זאָרג האָט איר. גיט מיר עפּיס צו עסן, איך בין הונגעריק. אוי, ווען מיין קוזין וואָלט נישט גע-ווען אַזוי מאָגער, וואָלט איך אים אויפגעגעסן.

אַ סך שבחים האָט אסנה געהערט, נאָר זי פלעגט זיך פון דעם גאָרנישט מאַכן, געהערט און פאַרגעסן. דאָך אומרוהיק און נייגיריק פלעגט זי ווערן דאַן, ווען מען פלעגט איר דערציילן, אַז דער אָדער יענער פּריץ פון זייער געגנט האָט געזאָגט, אַז זי, אסנה, איז שיין און זייער אינטערעסאַנט.

אָט די פּריצים הינטער די געדיכטע וועלדער, מיט די שיינע קאַרעטן, וועלכע פלעגט אַזוי שנעל פאַרביילויפן פרודנע, זיי האָבן איר שטענדיק אינטערעסירט. זייער אַרט לעבן, די לע-גענדעס פון זייער רייכקייט און פילמאָל זייערע סקאַנדאַלן, יאָ, דאָס אַלץ אינטערעסירט אסנהן פון קינדרווייז אָן.

איר פלעגט זיך פילמאָל אויסדריקן, אַז זי געהערט צו זיי, זי איז אַליין אַ פּריצטע.

דעריבער פלעגט זיך פילמאָל אַוועקרייטן אַזוי ווייט, ביז עמיצער פלעגט זי ערגעץ פון אַן אימעניע באַמערקן. זי פלעגט יאָגן ווילד דאָס פערד און נישט ענטפערן אויף קיינעמס שמייכל.

זי האָט פאַראינטערעסירט די גאַנצע געגנט. אַ זשידאָווקע זאָל רייטן אויף אַ פערד און דערצו נאָך אַזוי רייטן.

אין אַ צייט אַרום פלעגט זי ווידער אַוועקפאָרן אין שטאָט און דאָרט לאַכן פון אירע קרובים, וועלכע ציטערן פאַר אַ דונער און היטן אַזוי אָפּ דעם כבוד פון זייער משפחה.

—אָבער אסנה, דו ווייסט, עס איז שוין צייט, שוין גע-נוג זיך אָנגעשפּילט.

און אסנה ווערט נישט נתפּעל:

—מומע טייערע, אסנה וועט שוין געפינען עפּיס אַ פּריז, אַ יונגן גוואַרדיע-אָפיציר.

מען פלעגט לאַכן פון איר שפּאַס.

און זי אַליין פלעגט אויך לאַכן. נאָך אַ יאָר, זי וועט דאָך פאָלגן דעם טאַטן, ווי אַלע יידישע טעכטער און דער טאַטע זוכט דערווייל פאַר איר אַ חתן.

ב.

געקומען איז איינמאָל אין פּאָלוואַרק פּרודנע אַ לערער צו די קינדער, אסנה איז שוין געווען אַ גאַנצע פּריצטע, ווי אירע קרובים פלעגן איר אָנרופן.

דער לערער האָט געהייסן באָריס ראַקאָווסקי. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אַ סך דורכגעלעבט און אַ סך גע-לערנט. ער האָט איינגעשטימט צו פאָרן אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם איינזאַמען ווינקל, ווייל ער האָט געוואָלט אָפּרוען אין דער איינזאַמקייט.

אסנה האָט שוין דאַן נישט געלערנט ביי קיין לערער. זי פלעגט בלויז לייענען אַ סך ביכער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גאַנ-צער פּריצטע.

אינדערהיים פלעגט זי זיך זייער פּראָסט אָנטון און פון דעם פלעגט איר שיינקייט אַ ביסל פאַרלירן. דער לערער האָט זי, ווייזט אויס, יאָ באַמערקט, נאָר ער פלעגט קוקן אויף איר מיט צופיל גלייכגילטיקקייט... אסנהן פלעגט עס אַזוי אויסדוכטן; אין דער אמתן איז דאָס געווען פון מידקייט ביי אים.

ער איז געווען פאַר איר אַ נייער מענטש, אַן אינטערע-

סאַנטער בחור. עפּיס האָט זי געהערט וועגן אים... און עס האָט איר פאַרדראָסן אויף אים שטאַרק, וואָס ער נעמט זי אָן פאַר אַ געוויינליכע ישובניקס טאָכטער...

זי פלעגט שוין צו אָפּט אַריינוואַרפן אַ בליק אין דעם חדר, וואו ער פלעגט לערנען מיט אירע יונגערע ברידער. ער פלעגט זיך אָפּרייסן אויף אַ רגע און באַלד אויסדרייען דעם קאָפּ, און אַז ער פלעגט אַרויסגיין פון שטוב, פאַרנעמענדיק זיך צום וואַלד, פלעגט זי אָפּט פאַרביילויפן דעם הויף מיט אַ געלעכטער, פון וועלכן דער לערער, באָריס ראַקאָווסקי, פלעגט אַ ציטער טון, און דעריבער פלעגט ער טראַכטן:

—וואָס, דאָ אין דאָרף קאָקעטירט מען אויך?

נאָר אסנה האָט נישט קאָקעטירט.

איר פלעגט בלויז פאַרדריסן: אין שטאָט „ביי זיי" מעגן זיי איר יאָ באַמערקן, נישט באַמערקן... אָבער ביי איר טאַטן, אין פאָלוואַרק פּרודנע!

עס איז טאַקע געווען מערקווירדיק: מיט אַלעמען האָט זיך שוין דער לערער אויפגעטראָגן און מיט איר, מיט אסנהן, האָט ער בלויז איינמאָל אַ צוויי-דריי ווערטער גערעדט...

דערנאָך זיינען ביידע געוואָרן ביי זיך אַזוי שטאָלץ, יע-דער פון זיי האָט זיך גאַנץ טייער אָפּגעשאַצט און גאָרנישט אַראָפּגעלאָזט...

באָריס ראַקאָווסקי האָט שוין איצט באַמערקט, אַז דאָס איז נישט קיין געוויינליכע ישובניקס טאָכטער. עס האָט אים שוין פאַרדראָסן, וואָס ער האָט באַלד פון אָנהויב מיט איר אַזוי פאַר-ריסן זיך געהאַלטן, און איצט איז עפּיס אויסגעוואַקסן אַ וואַנט צווישן זיי.

נאָר די וואַנט איז געפאַלן. זיי האָבן זיך איינמאָל צופעּ-ליג אָדער נישט-צופעליג באַגעגנט אין וואַלד נעבן דער „גוראַל-בע". דאָס איז געווען אַזאַ טיפער אויוון אין וואַלד, וואו מען פלעגט פון די ביימערוואָרצלען אַרויסבעקומען טערפּענטין.

ער האָט אַ קוק געטון אין גרוב אַריין,—זי דאָסזעלבע, נאָר זייערע בליקן האָבן זיי אין דער גוראַלנע נישט געקאָנט

באַהאַלטן, זיי האָבן זיך ווידער באַגעגנט מיט די אויגן... און אַ שמייכל געטון איינער צום צווייטן.

און מיטאַמאָל זיינען זיי אַזוי פריי געוואָרן, ער האָט זיך פסדר געוויצלט און אַלץ געפרעגט ביי איר:

—וואו האָט איר גענומען אַזעלכע שיינע אויגן?

—ביי וועלכער בת-מלכה האָט איר אייערע האָר געגנבעט?

—און די ציין? שולמית האָט אַזעלכע ציין געהאַט, שלמה המלך האָט זיי באַזונגען...

און זי האָט אים דערציילט אין אַ שפּאַנענדן טאָן, אַז זי האָט נאָך קיינעם נישט איינגעביסן מיט די ציין... בלויז איין קוזין האָט זי אין שטאָט, ער האָט שוין יאָ געפילט אירע ציין. אָבער זי, אסנה, האָט פון דעם קיין הנאה נישט געהאַט, ווייל ער, דער קוזין, איז זייער אַ דאַרער און אַ שוואַכער, ווי אַ צוועלפיעריג מיידעלע...

—און אַזוי ווילט זיך עס אייך עמיצן איינבאַסן?

זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

—איר ווייסט, וואָס איך האָב אין אייערע אויגן דערזען? איך האָב געזען אַ בייגקעניש, אַ בייזקייט... אַי, אַי, אַי, אייך האָט שוין עמיצער איינגעביסן, גאָספּאָדין ראַקאָווסקי, מיך וועט איר נישט נאַרן...

ער האָט נישט געלייקנט, ער האָט איר עפּיס דערציילט פון זיינס אַ ראָמאַן מיט אַ שטאָטיש מיידל; זי האָט אים געליבט, ער האָט זי געליבט און דאָך האָבן זיי איינער דעם צווייטן געפּייניקט. זי האָט געהערט און נישט פאַרשטאַנען, צו טיף זיינען זיינע געדאַנקען געווען וועגן דעם געפילן-פּלאָנטער צווישן אים און זיין געליבטער.

צום סוף האָט זי אַ מאַך געטון מיטן האַנט:

—לאָמירריידן וועגן פריילאַכערע זאַכן!

און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט...

אים האָט איר געלעכטער באַליידיקט, און דערצו האָט נאָך

דער וואַלד געהאַט אַזאַ גרויסאַרטיקן עכאָ, וועלכער האָט אסנהס געלעכטער עטלאַכע מאָל איבערחזרט.

באָריס ראַקאָווסקיס שטימונג האָט זיך געביטן און ער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן דערציילן, אַז דאָס לעבן אין פרודנע איז זייער לאַנגווייליק...

ער האָט גערעכנט, אַז צווישן די געדיכטע וועלדער פון דער געגנט וועט ער געפינען עפּיס אַ באַרוהיקונג, אַ נייַ לעבן, און צום סוף:

—לאַנגווייליקקייט, בלויז לאַנגווייליקקייט...

אסנה האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.

—איר דאַרפט אַראָפּוואַרפן די שטאָט פון זיך!

—וואָס הייסט אַראָפּוואַרפן די שטאָט?—האָט ראַקאָווסקי זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט. וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען, אַלץ אינטערעסאַנטער האָט אים דער טיפּ אויסגעזען... האָסט גע-הערט, אַ ישובניקס אַ טאָכטער און רעדט ליטעראַריש...

—וואָס הייסט אַראָפּוואַרפן די שטאָט?—האָט ער נאָכאַמאָל אַ פרעג געטון.

—וואַרפט אַראָפּ אייערע שטאָטישע געדאַנקען, אָט דעם דינעם שטעקעלע, וואָס איר טראָגט, וואַרפט אַוועק און דעם אָנ-געקראָכמאַלעטן קראַגן, און אויב איר ווילט, הערט אויך אויף אַ צייט צו לייענען, דאַן וועט איר זען, ווי דער וואַלד וועט אייך אויפנעמען, ביסלאַכווייז וועט איר ווערן נענטער צו דער נאַטור...

אסנה האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט און דערנאָך ווידער אין זעלבן טאָן:

—ביי מיר איז דאָס אויך פילמאָל געווען. איך קום צו-פאָרן פון שטאָט מיט נייַע קליידער, מיט אַ נייַער פריזור און מיט ביכער... אין מיין קאָפּ נייַע בעקאַנטשאַפטן, נייַע פריינט... זיי שרייבן מיר בריף און איך געפין זיך קיין אָרט נישט אין דער לאַנגווייליקער פרודנע, ביסלאַכווייז אָבער געוויין איך זיך אָפּ פון די יום-טובדיקע בגדים, איך פאַרגעס מיינע נייַע באַקאַנטע און אויף זייערע בריף ענטפער איך נישט... ביסלאַכווייז חויבט מיך אָן ציען דער וואַלד און איך פיל זיך דאָ גוט.

ער האָט געלאַכט פון אירע רייד.

—טאַקי, איך בין נאָך גאָר אַ שטאָטישער, מען דאַרף פּרו־בירן אייער רעצעפּט.

ווען זיי זיינען אַהיימגעקומען, איז שוין די זון גאַנץ ני־דריק געווען, דער גאַנצער וואַלד האָט געברענט... פון איין בוים אויפן צווייטן איז דער פייעראָפּגלאַנץ געפאַלן, פייגעלאַך האָבן זייער געזאַנג געענדיקט און הונדערטער גרילן האָבן די לופט געזעגנט.

ביידע האָבן זיך פאַרטראַכט.

אסנה האָט שפּעטער די ערשטע אָנגעהויבן ריידן:

—וואָס, שיין דער אָוונט? עס געפעלט אייך?

ער האָט געקוקט אויף איר און געשמייכלט.

אַרויסגייענדיק פון וואַלד, זיינען דאָן אויף דעם וועג וואָס פירט פון שטאָט, דורכגעלאָפן עטלאַכע קאַרעטעס מיט עלעגאַנטע הערן און דאַמען.

אסנה איז געבליבן שטיין און לאַנג נאָכגעקוקט די פאַר־שוואונדענע קאַרעטעס.

—וואָס קוקט איר זיי אַזוי נאָך, די פריצים? —האָט ראַ־קאָווסקי געפרעגט.

—פון קינדוויַיז אָן אַזוי, —האָט אסנה האַלב פריילאַך, האַלב פאַרטרויט געענטפערט. און פלוצלונג אַ פרעג געטון ביי ראַ־קאָווסקין:

—רייטן אויף אַ פערד קענט איר?

—נישט איבריק, —האָט ראַקאָווסקי געענטפערט.

—מאָרגן וועלן מיר זיך דורכפאָרן הינטער די וועלדער, דאָרט לעבן רייכע פריצים, זיי האָבן גרויסע גערטנער, אוראַלטעביימער, וועלכע שפּיגלען זיך אין טיפע סטאַוון.

—און איר, אסנה, איר רייט אויף אַ פערד?

זי האָט געלאַכט פון זיין פראַגע.

ג.

אויף מאָרגן פאַרנאַכט האָט שוין זייער פאַראָבעק געהאַט

צוגעגרייט די פאר שווארצע פערד.

באריס ראקאווסקי האט נישט געזאגט דעם אמת, ער האט אסנהן געגארט. בעת ער האט איר געזאגט, אז ער רייט נישט איבריק. אינדערהאמתן איז ער קיינמאל אויף קיין פערד נישט געזעסן. ער האט זיך איצט אפילו געשראקן א ביסל: „טאמער פאלט ער אראפ און דעם ישובניקס טאכטער וועט לאכן פון אים".

ביי די פערד זיינען געשטאנען אסנהס קליינע ברידער און מקנא-געווען אסנהן מיטן לערער, וואס וועלן ארומשפאצירן רייטנדיק.

און דער לערער איז געשטאנען נעבן זיינע תלמידים און זיך געוואונדערט:

—פון וואנען האט זי אזא שיינעם זאטעלע פאר דעם פערד, אסנה?

—דאס האט דער טאטע געבראכט פון א פריץ,—האט אסנהס א ברודערל געענטפערט.

—אלץ די פריצים, אומעטום די פריצים—האט זיך ראקאוו-סקי אויפן קול געוואונדערט.

אין דעם איז אסנה ארויסגעלאפן פון שטוב מיט א שפיצ-רוט אין האנט, אנגעטון אין א שמאל קליידל, נאר מיט א פויערש טיכל ארומגענומען די האר. באריס האט געשמייכלט:

—איך דערקען אייך נישט, אסנה!

דאס שמאלע קלייד האט באוויזן, סאר א שיינע פיגור אסנה האט. אירע יונגערע שוועסטער זיינען אזעלכע דיקע און אונבאוועגלאכע און זי—אזוי שלאנק. נאר אין אלגעמיין איז דאס קלייד נישט געגאנגען צו אסנהן, עס האט אויסגעזען ווי אויף פראקאט גענומען, נאר דערפאר איז דאס רויטע טיכל מיט די רויטע בלומען אויפן שווארצן פאן געווען זייער צוגעפאסט צו אסנהס לעבעדיקע אויגן.

ער האט זי נאך נישט באוויזן גוט צו באטראכטן, איז זי שוין געווען אויפן פערד און א געשריי געטון:

—נו, באריס, מיר פארן!

נאר דער פאראבעק מיט אסנהס ברידער האבן געלאפט

ווען באָריס האָט זיך אַזוי קאָמיש געראַנגלט און זיך נישט גע-קאָנט אַרויפזעצן אויפן פערד, און דאָס פערד האָט באַלד דער-פילט סאַר אַ נישט געניטן רייטער ער האָט אויף זיך און ער האָט זיך אַ ביסל צעווילדעוועט, אויפגעהויבן די פאָדערשטע פיס און אַ שפּרונג געטון פון אָרט.

—האַלט זיך פעסט און ציט נישט שטאַרק די לייצעס!—האָט אסנה פון ווייטן געדופן.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, דאָס פערד האָט באָריסן אָפּגעטראָגן אַ שטיקל וועג און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין דער לערער געלעגן אויף דר׳ערד.

אסנה איז צוגעלאָפן די ערשטע. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און, דערזעענדיק, אַז באָריסן האָט גאָרנישט געשאַדט, האָט זי זיך געלאָזט וואוילגיין מיט איר לאַכן.

זי האָט געקענט לאַכן, ווי אַ גוטמוטיקער טייוול, אויב עס זיינען נאָר פאַראַן אַזוינע טייוולאָנים.

די לעקציע איז געווען אַ גוטע. דאָס צווייטע מאָל האָט זיך שוין באָריס געזעצט בעסער. עס האָט זיך אים געוואַלטיק געוואָלט ווייזן, אַז ער קאָן דערגרייכן און באַזיגן. דאָס פערד איז רוהיקער און געלאַסענער געוואָרן.

זיי זיינען ביידע אַריינגעפאָרן אין וואַלד. אסנה האָט זיך באַגעגנט מיט באָריסעס בליק און זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך ווידער פאַנאַדערגעלאַכט:

—איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן!—האָט זי קוים אַרויסגערעדט, שטיקנדיק זיך פון געלעכטער.

—וואָס וועט איר נישט פאַרגעסן?—האָט באָריס געפרעגט.

—אָט דאָס... ווי איר זענט געלעגן אויף דר׳ערד, איך וועל עס נישט פאַרגעסן...

—אָבער, אסנה! עס וועלן אַוועקגיין צוויי-דריי טעג און איר וועט זען, ווי איך וועל רייטן. איך בין אַן עקשן...

—אָבער, באָריס, איר זענט געלעגן אויף דער ערד! כאַ-כאַ-כאַ!

נאָר דער וואַלד, די שטילקייט אַרום האָט געווירקט. זיי

זיינען ביידע באַלד איבערגעגאַנגען אויף אַ צווייטער טעמע.

די פערד האָבן זיך געשפּרייזט געלאַסן און געקלאַפּט צום טאַקט מיט די קאָפּיטעס, פּונקט ווי ס'וואָלט זיי אויך הנאה גע-טון די אַרומיקע שטילקייט.

—אמת, גוט אין וואַלד?—האָט אסנה גערעדט,—איך בין גליקלאַך, וואָס איך בין דאָ געבאָרן געוואָרן,—האָט זי באַלד צו-געגעבן און, אַ קוק טוענדיק אויף באָריסן, האָט זי אָנגעהויבן אויף אים שרייען:

—ווי זיצט איר, גאָספּאָדין ראַקאָווסקי? מען באַדאַרף זיך נישט אַזוי אַראָפּבויגן צום פערד, מען באַדאַרף זיך האַלטן פריי, לייכט, אָט, אָט! נאָך גלייכער דעם קאָפּ, די לייצעס קוים אָנ-רירן. דאָס פערד ווייס דעם וועג, ער איז נישט בלינד.

ער האָט געפאָלגט און געלאַכט, און זיך געפילט, ווי אַ פאַרזינדיקטער שילער.

—איך בין אַליין אַ לערער, נאָר פיינטער פאַר אַלץ האָב איך לערער. דאָך איין, אסנה, וועל איך פאָלגן, איר זענט אַ מאַלאַדיעץ, אסנה!

דערנאָך האָט ער גערעדט, אַז דאָס זעט אים אַלץ אויס, ווי אַ לעגענדע. דער וואַלד און אסנה און ער אַליין, באָריס, אויף אַ פערד... און אויף אסנהן האָט ער געוואָרפן אַזעלכע ביי-גיריקע בליקן.

—וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? וואָס האָט איר דאָ נישט געזען? שמואל דעם אַרענדאַרס טאָכטער, אַ ישובניצע...

זיי זיינען אַרויסגעפאָרן אויף דעם שאָסיי, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם וואַלד. עס איז נאָך געווען גענוג ליכטיק, נאָר באַלד זיינען זיי ווידער אַריין אין וואַלד. אסנה האָט דאָ אַלע ווינקעלאַך געקענט.

—זיצט נאָר גלייך און פאַרשעמט מיך נישט פאַר לייטן!—האָט זי צו אים געזאָגט,—מיר פאָרן דאָ באַלד פאַרביי אַן אי-מעניע. איר וועט עס באַלד זען, ווי מען וועט באַטראַכטן אַ זשידאָווקע.

און ווירקלאַך, בעת זיי זיינען פאַרבייגעפאָרן דער אימע-

ביע, וועלכע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך אַלטע טאָפּאָלן, האָבן זיך באַלד באַוויזן עטלאַכע קאַוואַלערן מיט פּריילנס, אַ סטודענט און אַ יונגער אָפיציר. איינער האָט אַ געשריי געטון:

—בראַוואָ, אסנה!

—וואָס, אַייער נאָמען ווייסן זיי אויך?—האָט באָריס גע־פרעגט ביי אסנהן, און עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס אַזויפיל פרעמדע מענער וואַרפן אַזעלכע הייסע בליקן צו זיין באַגליי־טערין, נאָר ער האָט זיך געפילט אַזוי אומבאַהאָלפן אויף דעם פערד, ער האָט פּראָסט מורא געהאַט, ער זאָל ווידער נישט ליגן אויף דר׳ערד. אסנה וואָלט דאָס אים איצט נישט מוחל־געווען.

ווען זיי זיינען אַ ביסל אַוועקגעפאָרן, האָט באָריס גע־פרעגט ביי איר:

—איר שמייכלט שטענדיק אַזוי פריינדלאַך צו די אומבאַ־קאַנטע פּריצים? איר קוקט זיי שטענדיק אַזוי נייגיריק אָן?

—יאָ,—האָט זי געענטפערט.—וואָס, אפשר איז אַ זינד צו שמייכלען?—זי האָט עטלאַכע מאָל אומגעקערט דעם קאָפּ און געשמייכלט צו זיך אַליין:

—דעם אָפיציר האָט איר געזען?

—יאָ.

—אַ שיינער?

—אַ שיינער...

—איך געדענק אים נאָך, אַז ער איז אַלט געווען צען יאָר. פריער פלעגן מיר זיך טרעפן, ער פלעגט קומען אין וואַלד נאָך יאַגדעס, אַמאָל פלעגט טרעפן, אונזערע פרודנער שקצים פאַרטרייבן זייערע פון וואַלד און אַמאָל פלעגן זיי אונז פאַר־טרייבן, איצט איז ער שוין אַן אָפיציר...

זי פאַרקירעוועט דאָס פערד און פאָרט שוין אַהיים, נאָר נעבן דער אימעניע שטעלט זי זיך אָפּ: זי האָט באַמערקט נעבן טויער אַ יונגע שיקסע מיט אַ גרויסן בוקעט בלומען.

—פאַר וועמען האַלטסטו די בלומען?—פרעגט אסנה, און ענע גייט צו נענטער און זאָגט:

—די קאַוואַלערן האָבן עס געהייסן איבערגעבן.

—וועלכע קאוואלערן?—פרעגט אסנה, צונעמענדיק די בלו-מען, און זי ווייס גאנץ גוט, אז פון הינטערן פארקאן קוקן עטלאכע פאר אויגן אויף איר.

—זאג די קאוואלערן א דאנק!—און דערביי גיט זי א שמיץ דאס פערד, עס טראגט זיך אוועק גאלאפ. באריסעס פערד לויפט אויך האסטיק נאך. באריסן שווינדלט אין די אויגן, נאר די עטלאכע שעה פארן האבן אים שוין צוגעוויינט.

—איר פירט דאך דא עפיס א גאנצן ראמאן מיט דער אי-מעניע, שוין לאנג אזוי?

—א, שוין זייער לאנג,—ענטפערט אסנה און עס דאכט זיך דאן, אז זי לויפט א גליקלאכע, זי לויפט מיט דעם בוקעט בלומען און צו באריסן שרייט זי פון וויטן:

—אויב איר פאלט אראפ, גיט א געשריי, וועל איך אייך אויפהויבן...

עס ווערט אים הייס און קאלט פון אירע שטעכווערטלאך.

ד.

מיט וואס שטאלצירט זי אזוי, די אסנה? דאכט זיך זי איז א גאנץ איינפאכע: פארברייגגט מיט באריסן פיל צייט פון טאג, זיצט מיט אים ביינאכט נעבן הויז און פלוידערט פון אלצדינג, פארט מיט אים רייטנדיק און באריס קען שוין איצט רייטן נישט ערגער פון איר. ער האט אין די לעצטע עטליכע טעג מער זיך פארנומען מיטן פערד, ווי מיט זיינע תלמידים. דארף זי דאך שוין מיט אים זיך האלטן, ווי מיט א גלייכן...

און דאך איז עפיס פאראן אפטמאל אין איר טאן אזא שטאלץ, אז באריס פארלירט זיך אינגאנצן. א גאנץ געוויינלאכן בליקווארפט זי אויף אים און ער ציטערט אויף, ווי א קנעכט, וואס איז גרייט אלץ צו דערפילן. עס פילט זיך, אז זי האט די אויבערהאנט אין אלע זייערע באציהונגען.

זי באפעלט נישט און ער פאלגט, זי רופט אים נישט און ער גייט נאך. פאר דער גאנצער צייט פון זייער באקאנטשאפט

האָט ער איין זיג אָפּגעהאַלטן: ער האָט פאָרגעוואָרפן אסנהן, אַז דאָס קלייד, וואָס זי טוט אָן צום רייטן, גייט נישט צו איר, אַז זי זעט אויס קאָמיש אין דעם אַמאַזאָנקע-קלייד; אסנה איז דאַן רויט געוואָרן, צום ערשטן מאָל האָט באָריס באַמערקט, ווי זי פאַרלירט זיך און עס האָט אים אינווייניק, טיף אין האַרצן, געפרייט, וואָס זי קאָן זיך אונטערגעבן. זי האָט געפאָלגט: אין אַ שעה אַרום איז שוין דאָס קלייד געווען צעפליקט.

איצט פלעגט זי רייטן אין אַ געוויינלאַכן גרויען קלייד, וואָס פלעגט זייער גיין צו איר.

נאָר זי דערלויבט זיך ווידער אַ שפּאַס, די אסנה. אַ שפּאַס, פון וועלכן באָריסן ווערט אויף לאַנג אומעטיק; אָט האָט זי אים מיט אַ טאָג פריער אַריינגעוואָרפן אַזאַ פראַגע:

—באָריס, ווען איר וועט זיך אין מיר שטאַרק פאַרליבן, זאָלט איר דאַן...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, און באָריס האָט אומגעדולדיק און נייגיריק-שפּאַנענד געפרעגט:

—וואָס זאָל איך דאַן טון?

—זאָלט איר דאַן נעמען אַייערע פעקלאַך און היידאַ אין שטאָט אַריין!

נישט מער. מער האָט זי נישט געזאָגט און באַלד האָט זי פאַרלאַכט דעם גאַנצן שפּאַסנדן אינצידענט. זי האָט כסדר געהאַלטן אָפן דאָס מויל און געלאַכט מיט די ווייסע ציין...

עס איז געווען אַ שפּאַס. אסנה האָט עס אודאי באַלד פאַרגעסן, נאָר באָריסן פלעגט זיך עס אָפט דערמאָנען. ער האָט אַלץ געטראַכט: פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ זיכערקייט און פעסטקייט ביי איר? און מיט וואָס האַלט זי זיך אַזוי גרויס?

אפשר וועט זי זיך גאָר פאַרליבן אין אים? האַ! צי דען איז דאָס אוממעגלאַך?

זי איז עפּיס מאָדנע זיכער, אַז ער, באָריס, וועט זיך פאַרליבן אין איר און נישט זי אין אים.

אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל זי ווייס, אַז איר טאַטע האָט אַ רייכן נדן פאַר איר, און ער, באָריס, איז נישט פאַר-

זאָרגט. ווער ווייס זיי, די אסנהס, די שענסטע און די בעסטע? ווער ווייס זיי?

ער פלעגט פיל פון זיינע פרייע שעהן אַרומוואַנדערן אין וואַלד און מען פלעגט גאַנץ אָפט וואַרטן אויף אים מיטן עסן. ער האָט געפּאָלגט אסנהן און אינגאַנצן איבערגעביטן זיינע בגדים. קיין ביכער פלעגט ער נישט לייענען, דעם קראַגן אַראָפּגעוואָרפן און אָנשטאָט דעם שטאָטישן פּראַנטישן שטעקל, האָט ער ערגעץ באַקומען אַ סוקעוואַטע דובינע, מיט וועלכער ער פלעגט זיך אַרומשפּאַצירן טאָג און נאַכט.

אסנה האָט באַמערקט די פאַרענדערונג אין אים און צו אים געזאָגט:

—איר זענט שוין באַלד אַ גאַנצער ישובניק.

—ניין, זאָגט בעסער אַ גאַנצער פּאָעט...

—פאַרוואָס אַ פּאָעט?—האָט אסנה געפרעגט:

—דערפאַר, ווייל איך בין דאָ געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. איך גיי, און עס ווילט זיך מיר זינגען אויף יעדן טריט. איך פלעג אַמאָל שרייבן לידער, געדרוקט האָט מען זיי נישט, האָב איך אויפגעהערט, און איצט שרייבט זיך שוין ווידער...

ער האָט אַרויסגענומען עטלאַכע קליינע שטיקלאַך פּאַפּיר און אָנגעהויבן לייענען.

„ווי אַ יעגער, ווי אַ פאָרשער
„שפּרייז איך דאָ צווישןביימער.
„שרעקט זיך דאָך נישט, קליינע פייגלאַך,
„זינגט, ווי פריער, גוטע פייגלאַך!
„כ׳בין אַליין פון בייזע יעגערס
„דאָ, אין וואַלד, צו אייך אַנטלאָפן...
„זינגט פון פרייהייט, זינגט פון ליבע
„און פון פּאַן, פון אַלטן הערשער...
„ערגעץ מוז ער דאָ פאַרברייגגען
„מיט אַ וואַלדמיידל, אַ שיינע;
„און זי זאָגט אים פאַר די צוקונפט,
„ער דערציילט איר פון פאַרצייטן...

„ערגעץ מוז ער דאָ פאַרברענגען
„אין אַ נעסט פון גרינע צווייגן
„און ער מילדערט בייזע ווינטן
„מיט זיין וואונדערבאַרער פלייטע...
„פאַר מיין הילכעדיקן שלום!"
„האָט קיין מורא, גוטע פייגלאַך...
„זינגט, ווי פריער, וואָס אייך גלוסט זיך—
„איך וועל אייך זיין אָפּנהאַרציק.
„רוהיק קניען וועל איך איצטער
„און דעם אַלטן וואַלד באַגריסן...
„(דרך-ארץ פאַר די אַלטע,
„וועלכע בלייבן שטאָלץ און מונטער)
„אַך, ווי פריילאַך ער באַגעגנט:
„אַ בעל-תשובה איז געקומען!"
„דער בוים וויל מיין געצעלט זיין,
„יעדע צווייג שפּרייט אויס אַ שאָטן,
„וואו געווען און וואו געוואַנדערט?"
„אַלץ וועל איך היינט דערציילן...

ער האָט נישט געוואַרט פון איר קיין מיינונג אויף זיין שאַפונג, כאָטש ער האָט געזען, אַז דאָס געדיכט איז איר געפעלן געוואָרן.

און זי האָט אים בלויז געפרעגט:

—ווער זיינען דאָס די בייזע יעגערס, פון וועלכע איר זענט אַנטלאָפן.

האָט ער דאַן ווידער גערעדט, ווי דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי האָבן זיך באַקאַנט אין וואַלד. ער האָט גערעדט פון קליינלאַכע מענטשן, פון איינזאַמקייט... נאָר צו די אַלע רייד איז זי געווען אַזוי קאַלט. זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. דאָס, וואָס זי האָט יאָ געגומען פון דער שטאָט, האָט איר נאָך נישט געגעבן אַזויפיל מעגלאַכקייט, זי זאָל זיך קאָנען אָריענטירן אין אַזאַ פלאָנטער פון געדאַנקען און איבערלעבענישן און מיט איר פרודנער פאַרשטאַנד האָט זי בלויז געפילט, אַז דער באָריס ראַקאָוו-

סקי האָט שוין אַ סך דורכגעליטן אין זיין לעבן.
זי האָט אים מיטגעפילט, ווי אַ פרעמדן מענטשן בלויז, ווי אַ פרעמדן, וועמענס ליידן עס זיינען צו איר דערגאַנגען.
און אינדערהיים, ביי איר טאַטן, איז שוין געווען אַ חשד: צופיל גייט זי אַרום, אסנה, מיט דעם לערער, ער איז פאַר איר קיין חתן נישט. האָט מען איר עס איינמאָל געזאָגט, לאַכט זי זיך פאַנאַנדער:
—איר האָט נישט געזען, ווי ער איז דאַן אַראָפּגעפאַלן פון פערד... ניין, טאַטע! זוך אַ חתן פאַר אסנהן!
האָט מען זיך אין שטוב באַרוהיקט, און אסנה אַליין האָט געטראַכט, אַז דער באַריס איז איר נאָך ווייטער פון דעם שטאָטישן קוזין, דעם שוואַכלינג. באַריס האָט עפּיס אַן אַנדער וועלט, ער איז עלטער פאַר איר מיט עטלאַכע הונדערט יאָר, און זי האָט אים אַמאָל אַזוי געזאָגט:
—איר ווייסט, באַריס, מיר דאַכט זיך אויס, אַז איר זענט עלטער פאַר מיר מיט עטלאַכע הונדערט יאָר...
און יענער האָט זיך שוין פיל טעג דעם קאָפּ געבראָכן: וואָס האָט זי געמיינט, די אסנה, מיט דידאָזיקע ווערטער?
און שיין איז זי געווען אין די הייסע זומערטעג! אין אַזעלכע לייכטע קליידלאַך! צווערשט האָט זי זיך נאָך געשעמט פאַר באַריסן אַרומצולויפן באָרוועס, דערנאָך האָט זי זיך צוגע-וווינט צו אים. עס האָט אים געררייצט איר יעדע באַוועגונג, איר יעדער לוסטיקער שפּרונג... נאָר ער האָט גוט געזען, אַז נישט צוליב אים שפּרינגט זי און טאַנצט אַזוי פריילאַך. ער האָט באַמערקט, אַז מיט אים רעכנט זי זיך גאָרנישט.
איינמאָל בייטאָג האָט דער פאָטער אירער געזאָגט, אַז היינט פאַרנאַכט וועלן דאָ זיין געסט פון די אַרומיקע פּריצים. אסנה האָט זיך דאַן בעסער אָנגעטון און זיך צוגעקעמט די האָר.
די פּריצים זיינען געקומען באַטראַכטן די געגנט, מען האָט עפּיס געמאָסטן און גערעכנט. געווען איז אויך דער יונגער אָפי-ציר, וואָס זיי האָבן דעמאָלט באַגעגנט, רייטנדיק נעבן דער אי-מעניע, ער האָט מיט אסנהן גערעדט, ווי מיט אַן אַלטער באַ-

קאַנטער, ער האָט גערעדט און זי האָט געלאַכט. אַלע האָבן זיך שוין אין וועג געקליבן און ער פלוידערט נאָך אַלץ. צום סוף האָט ער געבעטן אסנהן מיט באָריסן, זיי זאָלן אַמאָל אַראָפּקומען צו זיי באַטראַכטן דעם פּאַרק, וואָס איז אַזוי באַרימט אין דער געגנט.

„מיך אויך? האָט באָריס געטראַכט, דאָס פאַרמאַסקירט ער דאָס געיעג אויף אסנהן".

און מיט אסנהן האָט ער וועגן אָפיציר גאָרנישט גערעדט, זי מיט אים—אויך נישט.

עס זיינען אַוועק נאָך עטלאַכע זומערדיקע טעג. בייטאָג פלעגט באָריס לערנען מיט זיינע תלמידים, אָדער ער פלעגט אין די פרייע שעהן אַרומוואַנדערן אין וואַלד, פאַרנאַכט פלעגט ער זיצן נעבן הויז מיט אסנהן און דערציילן פאַרשידענע ערינערונגען. וואָס לייכטער ער פלעגט דערציילן, אַלץ בעסער האָט זי פאַרשטאַנען.

ער איז געזעסן אַזוי נאָענט נעבן איר און שוין געליטן פון דער נאָנטער ווייטקייט... זי איז קאַלט געווען צו אים...

און אַרום-אַרום, אין די פאַרשימלטע מיט גרינס פאַרוואַקסענע זומפן און סטאַוועס האָבן זשאַבעס געקוואַקעט.

עפּיס אַן אייביקקייט און טרייסטלאָזיקקייט האָט געשוועבט אין דעם קוואַקען.

ה.

—גאָספּאָדין באָריס, איר וועט מיך באַגלייטן?—כמעט יעדן טאָג דאָסזעלביקע: מען זאָטלט אָן צוויי פערד און אסנה מיט באָריסן לאָזן זיך דורכן וואַלד רייטנדיק. נאָך דעם באַזוך פון די פּריצים מיטן יונגן אָפיציר, פלעגט אסנה נאָך אָפטער וואַנדערן אַרום יענער געגנט, וואו די אימעניע איז געווען. עס פלעגן טרעפן טעג, זיי פלעגן אַרום דעם פּלויט מיט די הויכע, הויכע טאָפּאָלן קיינעם נישט באַמערקן, אויסער די פויערים, וועלכע פלעגן לאַנגווייליק אַרבעטן זייער פעלד-אַרבעט און דאַן, ווען

אסנה פלעגט קיינעם נישט באַמערקן פון די פריצים, פלעגט זיי אַהיימקומען אומרוהיק און אומצופרידן. זיי פלעגן פאָרן דורכן וואַלד שווייגנדיקע צוריק קיין פרודנע.

דאָס שווייגן פלעגט אַמאָל צו לאַנג דויערן, דאַן פלעגט באָריס זיין פערד אַיינהאַלטן. אסנה פלעגט אַוועקפאָרן פאָרויס און ער פלעגט בלייבן אַליין.

אַליין מיט זיינע געדאַנקען און מיט זיין אומרו.

יאָ, ער האָט שוין געליבט... פילמאָל פלעגט אים אויסדוכטן, אַז דאָס געפיל אַליין, דאָס בייגקשאַפט צו איר איז שוין אַ גרויס גליק. ער איז דאָך געווען ווי געשטאָרבן פאַרן לעבן, קיין זאַך פלעגט אים נישט רייצן.

איצט לעבט ער, כאָטש עס רוקט זיך אָן אויף אים דאָס גרויסע ליידן. ער פלעגט בלייבן אין וואַלד ביז שפעט ביינאַכט, דאָס פערד פלעגט ער צובינדן צו אַ בוים און אַליין ליגן אויף די טרוקענע סכך-נאָדלען, און דערביי פלעגט ער טראַכטן, וואָס צו טון, ווי אַזוי צוצוטרעטן צו דעם „ישובניקס טאָכטער“.

אסנה האָט אים נישט ליב און באָריס האָט שוין גוט געוואוסט, אַז מיט זיפצן און ווערטער וועט ער צו איר נענטער נישט ווערן און וויפיל ער האָט נישט געטראַכט, פלעגט ער דאָך שטענדיק צום באַשלוס קומען, אַז אים קומט אויס צו שווייגן און גאָרנישט צו דערמאָנען פון זיין ליבע.

עס פלעגט שוין זיין גוט פינסטער, ווען ער פלעגט אַהיימקומען מיט אַ פאַרבאָרגענער אומרוהיקייט. און אסנה פלעגט אויף אים וואַרטן:

—וואָס האָט איר אויסגעחלומט, גאָספּאָדין ראַקאָווסקי?

דאָס פלעגט געזאָגט ווערן מיט אַזויפיל חן און גוטסקייט, אַז באָריסן פלעגט זיך דאַן וועלן אויפן אָרט אָנהויבן צו ריידן פון זיינע געפילן צו איר, נאָר צו סקעפטיש איז דער מענטש געווען.

אסנה דערמאָנט צו זאָפט יענעם יונגן אָפיציר, וועלכן זי קען פון קינדווייז אָן, בעת זי פלעגט יאַגדעס קלויבן אין וואַלד.

און נישט אומזיסט מאַכט זי איצט אַזעלכע לאַנגע שפּאַצירן אַרום יענער געגנט, וואו דער אָפיציר וואוינט.

און באָריס האָט זיך נישט איבעריק געוואונדערט, ווען דער יונגער אָפיציר האָט זיך איינמאָל באַוויזן אויף זיין פערד נעבן זיי. אסנה איז רויט געוואָרן און אָנגעהויבן אַזוי פריילאַך צו לאַכן.

באָריס האָט אים איצט בעסער באַטראַכט: דאָס איז געווען אַ שיינער שלאַנקער יונגערמאַן פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק. דער אוניפאָרם איז אויף אים געלעגן, ווי אויסגעגאָסן. קענטיק ער האָט זיך נאָך נישט גוט צוגעוויינט צו דער אַרט לעבן פון זיינע חברים, ער האָט זיך געהאַלטן איינפאַך, דער אָפיציר האָט זיך נאָך נישט געזען ביי אים. ער איז זייער שיין געזעסן אויפן פערד—באָריס האָט אים דאָס מקנא־געווען און מיטאַמאָל האָט באָריס דערפילט, אַז ער אַליין איז דאָ איבעריק. ווען עס וואָלט געפּאַסט, וואָלט ער זיך אָפּגעגנבעט פון זייביידן. ער האָט זיך אויך געוואָלט אַריינמישן אין זייער געשפּרעך, נאָר ער האָט זיך נישט געפונען און דערצו האָבן זיי גערעדט פון פאַרשידענע עריגערונגען פון זייער קינדהייט.

זיי זיינען געפאָרן הין און צוריק, דער אָפיציר האָט שוין עטלאַכע מאָל געבעטן, זיי זאָלן אַריינקומען און באַטראַכטן דעם אַלטן פּאַרק. אסנה האָט זיך אַנטזאַגט: דאָרטן וועלן זיין פרעמדע מענטשן, זיי וועלן זי אָנקוקן, ווי קומט זי אַהין? אָבער דער אָפיציר האָט פאַרזיכערט, אַז אַלע זיינע קרובים זיינען איצט אין שטאָט, דאַן האָט שוין אסנה איינגעשטימט.

אַ פּאַראָבעק האָט ביי זיי צוגענומען די פערד און באַלד זיינען זיי אַריין אין דעם אַלטן גאָרטן, פון וועלכן אסנה האָט שוין אַזויפיל געהערט. עס האָט איר שטענדיק אַהער געצויגן. פון קינדווייז אָן האָט זי געהערט לעגענדעס פון דעם פּאַרק. צו־ערשט האָט זיי דער אָפיציר געוויזן אַן איינשטאָקיקן פּאַלאַץ, אַ לאַנגן, אַ ווייסן בנין מיט פאַרשידענע פיגורן פון אויסנווייניק. אַרום דעם פּאַלאַץ האָבן געוואַקסן פיל רויזנביימלאַך. אסנה האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און זי האָט אויסגעשריען:

7. סעגאַלאָוויטש.

—אַזויפיל בלומען, אַזעלכע שיינע בלומען!

און ווי פלינק און עלעגאַנט דער אָפיציר האָט עס אַ שפרונג געטון און אָפּגעריסן פאַר אסנהן אַ צאַפּלדיקע דופטיקע רויז... זי האָט ליב געהאַט בלומען, זי האָט געקענט פון די גע־ווינלאַכסטע פעלדבלומען פלעכטן די שענסטע קרענץ.

נאָר איצט די רויז פון דער אימעניע, פון דעם אַלטן פּאַרק... עס האָט איר באַרוישט, ווי דער שטאַרקסטער ווייז, זי האָט כסדר געדעדט צו באָריסן און צום אָפיציר:

—ווי עס שמעקט, עס פאַרשפּורט...

דערנאָך האָבן זיי געשפּרייזט איבערן לאַנגן פאַרק. אַלטע פאַרוואַקסענע אַלייען און יעדע אַלייע האָט אַן אַנדער נאָמען. אָט איז די בערעזאָווע אַלייע. זיי גייען אַריין אין אַ ווייסן וועלדל, עס ווערט אַזוי פריילאַך, אַזוי קינדיש-גוט אויף דער נשמה, און אַ ביסעלע ווייטער: „די אַלייע פון די דעמבעס”, אַלטע ערנסטע ביימער מיט ברייטע שאָטנס, דאָ ווילט זיך שווייגן...

אָט זיינען זיי נעבן די סטאַווקעס. פון ווייטן דאַכט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ לאָנקע, אַזוי ברייט זיינען זיי מיט וואַ־סערגרינס פאַרוואַקסן. אָט אין די אַלטע סטאַווקעס קוואַקען דאָס ביינאַכט טויזנטער זשאַבעס, וועלכע מען הערט אין דער גאַנ־צער געגנט.

די סטאַווקעס זיינען מיט הונדערטער יאָרן צוריק געגראָבן געוואָרן דורך איינעם אַ קאַפּריזן פריץ. ער האָט עס אַזוי ספּע־ציעל געמאַכט אַזוי ווי אַ רינג, אינמיטן איז אויפגעשאָטן גע־וואָרן אַ הויך בערגל, אויף וועלכן עס וואַקסן קאַשטאַנען-ביימער און ווען מען גייט אַרויף אויפן בערגל, זעען די סטאַווקעס זייער שיין אויס.

באָריס גייט און וואונדערט זיך: סאַר אַ קאַפּריזן זיי האָבן, די פריצים. און אסנה, כאָטש זי ווערט פון אַלץ אַנטציקט, נאָר זי פילט זיך דאָ נישט אַזוי פרעמד, ווי באָריס...

דער אָפיציר באַווייזט זיי אַלץ און דערקלערט און דער־ציילט, ער רעדט צו זיי ביידן, ער וויל נישט, אַז באָריס זאָל

זיך דאָ פּילן שלעכט, נאָר ער האַלט זיך אַזוי נאָענט צו אסנהן, ער טרעט נישט אָפּ פון איר: דאַרף זי זיך אויפהויבן אַרויפצוגיין ·אויפן בערגל, איז ער אַזוי פלינק און כאַפּט זי דער ערשטער אונטערן האַנט און באָריס בלייבט אַליין...

קיינער פון זיי באַמערקט נישט, ווי בלייך ער ווערט אין אַזאַ מאָמענט. ער האָט אָבער ליב צו אַנאַליזירן זיין יעדעס געפיל און דאָס שוואַכט אָפּ דעם ווייטיק. ער איז אים שוין געווען אַ שונא, דעם אָפיציר, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך אַנטציקט פון זיין פלינקקייט און עלאַסטישע באַוועגונגען.

דער אָפיציר האָט זיי דאַן אַליין נישט באַוויזן, עס איז שוין געווען שפּעטלאַך. ער האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן אָפּטערקומען, דער פּאַרק איז פאַר זיי אָפן און ביים אַרויסגיין האָט ער זיי פאַרהאַלטן. ער האָט אָנגעריסן אַ גרויסן בוקעט רויזן און עס איבערגעגעבן אסנהן. זי האָט זיך ווילד דערפרייט מיט די בלומען:

—אַזויפיל, אַזויפיל...

און אויפן וועג:

—באָריס, ווי געפעלט ער אייך, דער ניקאָלאַי סאַטין?—אַזוי האָט ער געהייסן, דער אָפיציר.

באָריס האָט אים געליבט: ער איז שיין, ער איז ערלאַך און שלאַנק...

נאָר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, איז געבליבן ביי אים:

—אסנה, מען וויל דיך פאַנגען.

די ווערטער האָט אסנה נישט געהערט.

ו.

אין פרודגע האָט מען נאָך דערווייל גאָרנישט באַמערקט, כאָטש אסנה איז שוין עטלאַכע מאָל געווען ביי די פריצים, זי איז שוין אַהין אפילו געפאָרן, איינמאָל אָן באָריסן. זי איז דאַן געקומען פריער ווי אַלעמאָל און באָריס האָט באַמערקט, אַז זי

איז עפּיס צוטראָגן, זי האָט עס אָבער פאַר קיינעם נישט גע-וואָלט ווייזן. זי האָט זיך געסטאַרעט צו זיין אויפגעלייגט, ווי אַלעמאָל.

עס איז נאָך געווען געגוג ליכטיק, וואָס צו טון איז סיי-ווי-סיי נישט געווען, זיינען זיי ביידע אַוועק צום וואַלד און אַ לייגגערע צייט אַרומשפּאַצירט און גערעדט וועגן שטאָט, וועגן ביכער.

זי, אסנה, ווייס נישט, צוליב וואָס מען שרייבט אַזויפיל ביכער, אַזעלכע מאָדנע ביכער... טורגעניעוו, טאָלסטאָיען האָט זי ליב, זי פאַרשטייט זיי, זיי שרייבן אַלץ וועגן די פּריצים, וועגן די פעלדער און וועלדער, האָט זי אָבער אויך געוואָלט לייענען דאָסטאָיעווסקין, הויבט זי עס נישט אָן צו פאַרשטיין.

באָריס הויבט אָן צו פאַרטיידיקן דאָסטאָיעווסקין. ער ברייגגט אַזעלכע מאָדנע, טיפע אַרגומענטן און אסנה פאַלט ווידער אַריין מיט אירע געדאַנקען אין אַ פרעמדער וועלט.

ניין, ווייזט אויס, אַז זי איז טאַקע אַ ישובניצע.

קיין גרויסע דאגה פון דעם האָט זי נישט, זי באַניגנט זיך מיט דעם, וואָס זי פאַרשטייט.

ביידע ווערן זיי שטיל. אין וואַלד שטייען זיי, אַרום אַ גרויסער מוראַשקן-נעסט און באָריס נעמט מיט זיין דובינע און גריבלט, גריבלט אין דעם בערגעלע; טויזנטער מוראַשקעס כאַפּן זיך אויף און נעמען לויפן הין און צוריק, הין און צוריק...

אסנה ווערט בייז אויף באָריסן, וואָס ער צושטערט די נעסט, זי וויל ביי אים, ביי באָריסן, אַרויסרייסן זיין סוקעוואַטן שטעקן און ער טוט עס אומישנע ווידער.

זי כאַפּט אים אָן פאַרן האַנט און מיט אַלע קרעפטן שטויסט זי אים אָפּ פון די מוראַשקעס.

—איר זענט דאָך אַן אשת-חיל!—זאָגט ער צו איר.

—לאָמיר טאַקע זען, ווער עס האָט מער כח?—און אסנה איז גרייט זיך מיט אים צו ראַנגלען אין וואַלד.

יאָ, זי מוז עס זען, זי מוז עס וויסן; זאָל זיך באָריס נישט רעכענען מיט דעם, וואָס זי איז אַ פרוי. אַלע זיינע קרעפטן

מעג ער אָנווענדן, זי מוז עס וויסן.

באָריס ראַקאָווסקי האָט זיך צום ערשטן נישט געפונען, עס איז אים נישט אָנגענעם געווען: וויפיל ערלויבנישן אסנת זאָל אים נישט געבן, וועט ער דאָך זיך נישט קאָנען באַגיין מיט איר, ווי מיט אַ מאַנספאַרשוין, אָבער זי טרעט נישט אָפּ און אָט וואַרפט זי גאָר אַזאַ פראַזע:

—אַז איר וועט זיך מיט מיר נישט באַרעוועון, וועט איר זיין אַ פחדן, איר פאַרשטייט!

אָ, ניין! קיין פחדן וויל ער נישט זיין. מיט איין שפרונג איז ער נעבן איר, זי באַווייזט קוים אַראָפּצוּוואַרפן דעם שאַל פון אירע אַקסלען, זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, שוין ראַנגלענ-דיק זיך ביי באָריסן אין די הענט. ער איז אָנגעצונדן געוואָרן פון איר באָנטקייט, אָט דריקט ער צו צו זיך איר קערפּער, זי שטויסט אים אָפּ, ער כאַפּט אַרום איר טאַליע און האַלט זי פעסט, זיין ברוסט שטאַרק אָנגעדריקט אָן אירער, ער באַדאַרף בלויז אָנכאַפּן איר צווייטע האַנט, דאַן וועט ער זי אַוועקלייגן, ווי אַ שעפּסעלע און זאָל זי זיך מער נישט באַרימען.

און זאָל זי אים מער נישט באַליידקן, די אסנה...

דאָך געדויערט עס צו לאַנג, די צווייטע האַנט אירע ווייעט אין דער לופט, זי פאָכעט מיט איר, ווי מיט אַ שווערד און באָריס ווערט אַלץ מידער און אויפגערעגטער פון איר נאָנט-קייט. זי אָטעמט אויך שווער און לאַכט אַזוי ווילד, אַזוי זיגע-ריש בייז, אָט האָט ער אַרומגעכאַפּט איר האַלז און צוגעדריקט מיט איין האַנט. האָט זי זיך דאַן בידריקער אַראָפּגעבויגן, גע-מאַכט אַ געפערלאַכן שפרונג און אַרויסבאַקומען צוריק איר האַלז, אַנדערש וואָלט זי געלעגן...

נאָר איר האַנט מיטן קערפּער זייַנען געשמידט אין באָרי-סעס אָרעמס, זי קוקט אים אַריין אין די אויגן, זי זעט זיין בלייכקייט און מיטאַמאָל באַפעלט זי:

—לאָזט אָפּ, באָריס! איר וועט מיך נישט בייקומען.

ער ברומט עפּיס שכורע ווערטער:

—טייערע, ווילדע, טייערע אסנה!

—לאָזט אָפּ!—דערלאַנגט זי ווידער אַ געשריי, אַזש דער וואַלד גיט אַ ציטער.

זיינע אָרעמס עפענען זיך און זי, מיט צעשויבערטע האָר, מיט צוקנייטשטע קליידער שטייט אַנטקעגן אים און לאַכט:

—מער האָב איך נישט באַדאַרפט...

ער ענטפערט נישט קיין וואָרט, רוקט זיך אָפּ פון איר און פאַלט אַ מידער אויף די טרוקענע סכך-נאָדלען.

זי וויל שוין אַוועקגיין אַהיים, קערט זי זיך נאָך אום און פרעגט ביי אים:

—ווי קלערט איר, באָריס, ניקאָלאַי סאַטין איז שטאַרקער פאַר אייך? איך רעכן, אַז ניין.

באָריס קוקט אויף איר מיט בייזע, מידע אויגן און ענט-פערט נישט.

דאָך שפּעטער, ווען זי לאָזט אים אַליין אין וואַלד, שפּרינגט ער אויף פון זיין אָרט, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים איינ-געביסן. איצט ערשט האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגע-קומען: זי האָט אויף אים געמאַכט פּראָבע, זי האָט זיך מורא פאַר דעם אָפיציר... זי קומט דאָך צו אים אַליין אין פּאַרק און טאָמער באַפאַלט ער זי אַמאָל... יאָ, זי האָט געוואָלט אָפּשאַצן אירע קרעפטן און דערצו האָט זי אים, באָריסן, אויסגענוצט...

אין דעמדאָזיקן אָוונט איז ער געקומען שפּעטער אַהיים, אַזוי שפּעט, אַז אסנה, וועלכע פלעגט אים יעדעס מאָל אָפּוואַרטן, האָט דאָסמאָל נישט אויסגעהאַלטן און איז אויך אַוועק שלאָפן.

ער איז געזעסן ביי זיין פענסטער און אַרויסגעקוקט צום וואַלד מיט שטומע אויגן.

אַזוי איז עס געשעען: ער האָט אין זיין לעבן געזוכט אַ קוואַל, דעם קוואַל האָט ער געפונען, ער זעט, ווי די קלאָרע שטראַלן שפּריצן פון דער ערד אַרויס, עס באָדן זיך אין די שטראָמען פיל הייסע לעבעדיקע זון-שטראַלן און די בלויקייט פון הימל שפּיגלט זיך אין דעם קליינעם שטראָם, נאָר ער, דער אויפגעוואַכטער צום לעבן, מוז ווידער דורשטיק און איינזאַם אין לעבן בלייבן.

איבערן וואַלד האָט זיך אַ בלייכע קרוין געלייגט. וואָס ווייטער די נאַכט איז אַוועק, אַלץ העלער איז די קרוין געוואָרן, דערנאָך האָט זי אַ בליץ געטון מיט ריינעם צופלאָסענעם גאָלד... די גאַנצע וועלט איז געזאַלבט געוואָרן... ערגעץ האָט אַ פייגל געטרעלט און גערופן „גוטמאָרגן" צו אַלעמען, צו יעדן גרעזעלע און בלום, צו אַלע שפינען, בינען און פליגן און צו אַלע מענטשן, וואָס באַדאַרפן באַלד אַרויסגיין אַרבעטן און לעבן...

ערשט דאַן איז באָריס איינגעשלאָפן.

און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך דעמאָלט, ווען די זון האָט שוין דריי פערטל הימל דורכגעשפּאַצירט. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס אַרום איז אַזוי שטיל. באַלד האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אסנה מיט די שוועסטער, מיט אַ פּאַראָבעק און מיט נאָך אַ דינסט זיינען אַוועק צום טייכל וועש וואַשן.

ער איז אויך אַוועק אַהין. דער וועג האָט זיך געצויגן דורך שיטערן וואַלד און דורך שטיקלעך פּאַרזייטע פעלדער, זאַנגען האָבן זיך געוויגט און געשפּילט מיט די בלויע קלאָרע בלומען, אויף די נידריקע סטאַמעס האָט זיך דער פעך געפּרעגלט פון דער זונהיץ.

באָריס ראַקאָווסקי איז אויפגעמונטערט געוואָרן פון דער אַרומיקער שטילקייט און שיינקייט, און ווען ער איז צוגעקומען צו אסנהן, וועלכע איז אַ באָרוועסע געשטאַנען נעבן טייך, האָט זיך יענע אַזוי דערפרייט.

זי האָט געלאַכט און גאָרנישט דערמאָנט דעם נעכטיקן צופאַל אין וואַלד, אַזאַ נאַטור האָט זי שוין געהאַט: אָפּגעטון און געשוויגן.

די אַרבעט ביים טייך איז שוין געענדיקט געווען, מען האָט אָנגעלאַדעוועט אויף אַ קליין האַנטוועגל די נאַסע וועש און באָריסן האָט מען איינגעשפּאַנט אין וועגעלע:

— פיר!

ער האָט געלאַכט מיט דער חברה דאָרפסקינדער און נישט געפילט דעם נעכטיקן ווייטיק.

שפּעט אין אָוונט איז ער געזעסן מיט אסנהן, ווי אין אַ

סך אַזעלכע אָוונטן און גערעדט. וועגן וואָס האָבן זיי דעמאָלט גערעדט? יאָ, וועגן אַסטראָנאָמיע, ווייל דעמאָלט זיינען אַ סך שטערן געפאַלן פון הימל און זיך צושאָטן.

האָט אסנה געפרעגט ביי באָריסן, פון וואַנען קומט עס?

האָט באָריס איר אָנגעהויבן צו דערקלערן, אַז דאָס זיינען מעטעאָרן און ער האָט פאַר איר פאַנאַנדערגעוויקלט אַ גאַנצן בילד פון דער שטערנוועלט, פון געשטאָרבענע וועלטן און ניי-געבאָרענע וועלטן...

ביז זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און אים געענטפערט, אַז זי הויבט נישט אָן צו גלויבן אין די אַלע זאַכן... באשר די געלערטע זאָגן...

זיי האָבן זיך געשפּאַרט און דערווייל זיינען די שטערן געפאַלן, געפאַלן און געריצט מיט זייער מאָמענטאַלער שנעלקייט.

ז.

צו אסנהן פלעגט באָריס נישט ריידן וועגן זיין ליבע, נאָר אָפט פלעגט ער אויף דעם פּאַפּיר אַרויסברייגגען פיל פון זיינע געדאַנקען און איבערלעבענישן.

איז אָבער איינער פון זיינע תלמידים, אסנהס אַ ברודערל, געווען אַ גרויסער שטיפער, האָט ער איינמאָל אָפּגעגנבעט ביים לערער דעם העפט, וואו יענער פלעגט זיינע איבערלעבענישן פאַרשרייבן און עס געבראַכט צו אסנהן.

און אסנה האָט דאָס העפט געבלעטערט און געלייענט רייצנדע און פילמאָל אומפאַרשטענדליכע פאַר איר געדאַנקען:

„אסנה, איך וועל גיין אַ שווייגנדיקער אַרום דיר, איך וועל דיר קיין וואָרט פון מיין טרויער נישט דערציילן... מיין גליקליכער טרויער, מיין טרויעריק גליק. דיין נאָמען מאַכט ציטערן מיין נשמה, אסנה! איך וועל אַוועק אין וואַלד, און ווי אַ פייגל, וואָס ווידערהאָלט אייביק זיין איינציקן טרעל, וועל איך ווידערהאָלן בלויז איין וואָרט: „אסנה”.

אסנה האָט געשמייכלט און ווידער געבלעטערט דאָס העפט און ווידער געלייענט:

„געכטן, בעת איך האָב דיך ביים טייכל באַגעגנט, וואו דו האָסט מיט דער דינסט געוואַשן וועש, ביזטו געוועזן אַזוי לייכט אָנגעטון, דיין ווייס לייב האָט דורכגעשטראַלט דורך די קליידער און עס האָט מיך פאַרשכורט. אַזעלכע שוואַרצע אויגן און אַזאַ ווייס-צאַרטן קערפּער! אַ בת-מלכה האָט אַזאַ קערפּער! ווי קומסטו צו אַזעלכע בויגיקע רייצנדע גלידער און צו אַזאַ שטאָלץ... דו שטאָלצע בת-מלכה! איך האָב דאָס וועגעלע גע-פירט און מיין האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי ווילד... אַ גליק, וואָס דו האָסט מיך אייגעשפּאַנט אין וועגעלע און געהייסן פאָרן, אַנדערש וואָלט איך אין אָנמאַכט געפאַלן פון דיין רייץ, אסנה!"

זי איז אַריין מיטן העפט אין צימער און צוגעשריבן עטלאַכע ווערטער: „באָריס, בעטט אַייערע פּעקלאַך און היידאַ אין שטאָט אַריין!"

און דאָס ברודערל האָט דעם העפט אויף דעמזעלבן אָרט צוריק אַוועקגעלייגט.

באָריס האָט שפּעטער די ווערטער געלייענט; עס האָט אים נישט פאַרדראָסן אויף איר, ער האָט אויך נישט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס העפט איז צו איר געקומען.

באָר וועגן אַוועקפאָרן, וועגן דעם באַדאַרף מען אַ טראַכט טון. און דער צווייטער האַלבער טאָג איז אַוועק אין טראַכטן.

ער שפּאַצירט אין וואַלד. אַזוי ווייט איז ער קיינמאָל נישט געגאַנגען און עס איז אים געוועזן אָנגענעם צו פילן, אַז דער וואַלד ציט זיך נאָך ווייט, ווייט...

אָבער וואָס העלפט די ווייטקייט און טיפקייט פון וואַלד? מען מוז ביי דעם האַרץ פרעגן: „אַוועקפאָרן אָדער בלייבן?"

איבערראַשן טאָר ער דאָך נישט פאָרן, פון ווייטן וועט אים אסנה נאָך שענער אויסזען... ניין, ניין! ער מוז דאָ בלייבן, ער טאָר נישט פאַרגרעסערן זיין טרויער... אויב ליבע איז אַ פיין, וועט ער דאָס איבערטראָגן, אויב אויפערזוכט איז אַ שלאַנג,

וועט ער דעם שלאַנג צוטרעטן, אָבער נישט באַלד און נישט אַנטלויפן...

און נישט פון אסנהן אַליין, עס ווילט זיך אים נישט אַוועקגיין פון דעם וואַלד, וואו ער לויפט איצט אין אַלע פאַר־זאָרגטע שעהן.

ער איז פאַרבליבן אין פרודנע און ווען אסנה האָט אים אויף מאָרגן געפרעגט:

—ווען פאָרט איר, באָריס?—האָט ער געענטפערט:

—איך וויל אויסזיין מיין גאַנצן טערמין. איך האָב נאָך אַזוי וויניק אויסגעלערנט מיינע תּלמידים.

—אַזוי? אַזוי פלייסיק און איבערגעגעבן? אַ טייערער לערער...

צום ערשטן מאָל האָט ער באַמערקט אין איר, אַז זי וויל באמת, ער זאָל דאָ נישט זיין. ער האָט אויך באַמערקט, אַז זי האָט אָנגעהויבן אים אויסמיידן. דעמזעלבן אָוונט האָט זי אַליין אַוועקגעריטן אויף דעם וועג, וואָס פירט צו ניקאָלאַי סאָטין.

ער האָט אָפּגעוואַרט עטלאַכע צענדליק מינוט און דערנאָך אַליין אָנגעזאָטלט אַ צווייט פערד און געלאָפן ווי אַ ווילדער צו דער אימעניע... אָט איז ער שוין נעבן פלויט מיט די הויכע טאָפּאָלן. ווי אַ שפּיאָן האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן די ביי־מער און געזוכט, געזוכט מיט די אויגן, בלויז איינמאָל האָט ער זיי געזען פאַרביגיין, ביידע שלאַנקע און שטאָלצע... אסנה, שמואל דעם אַרענדאַרס טאָכטער און דער רייכער יורש פון די סאָנטינס, דער יונגער עלעגאַנטער אָפיציר. ער האָט אסנהן גע־האַלטן אונטערן אָרעם און זי האָט אים פריינטלאַך און איבער־געגעבן אין די אויגן אַריינגעקוקט.

—אסנה, האָט באָריס שיער־שיער נישט אויסגעשריען, אסנה! נאָר דאָס הערצ איז אים אויף די ליפּן פאַרגליווערט געוואָרן און זיי ביידע אין גאָרטן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן פון זיינע אויגן.

באָריס ראַקאָווסקי האָט אַ שמיץ געטון זיין פערד, דאָס פערד האָט אָנגעהויבן אָן אָרדנונג צו לויפן. באָריס האָט אים געשלאָגן מיט די פיס, מיט די הענט און דאָס פערד האָט גע־

שפּרונגען איבער גריבער און בערגלאַך, איבער פּאַרזייטע און נישט פּאַרזייטע פעלדער. דאָס האָט געדויערט אַ גאַנץ לאַנגע צייט, ביז ער איז מיד געוואָרן צו שלאָגן דאָס פערד. ווי אַ וואַנזיניקער האָט ער דעמאָלט אויסגעזען, די געדאַנקען אין זיין קאָפּ האָבן זיך צוטומלט, די אויגן האָבן באַוואוסטלאָז געקוקט אין דער ווייטקייט און די ליפּן האָבן כסדר ווידערהאָלט: אסנה! אסנה!

אַ ביסל שפּעטער איז ער צוריק געווען אויף דעם וועג אין וואַלד. ער איז אַראָפּ פון פערד און זיך געלייגט אונטער אַ בוים. ער איז אָבער געלעגן מיט האַלב-צוגעמאַכטע אויגן און געטראַכט וועגן זיין אויפערזוכט, וואָס האָט אים איצט גענומען פייניקן, אָט דער ווילדער געפיל איז אים נישט אומבאַקאַנט, ער האָט אים שוין אַמאָל באַזיגט און אויך איצט וועט זיך באָריס נישט אונטערגעבן. גאַנץ גוט, וואָס ער איז דאָ פאַרבליבן: פון ווייטן וואָלט אים שווערער זיין צו ליידן און צו באַפרייען זיך...

ער האָט געוואַרט אויף אסנתן, ער האָט געמיינט, אַז זי וועט אַליין צוריקפאָרן, און ווען באָריס האָט דערהערט פון ווייטן אַ געשפּרעך אין וואַלד און פערדישע טריט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער אָפיציר באַגלייט זי. דעמאָלט האָט ער זיך מיט זיין פערד טיפער אין וואַלד באַהאַלטן.

ער האָט געזען פונדערווייטן, ער האָט געהערט עטלאַכע פראַזן פון אָפיציר צו אסנתן. ער האָט גערעדט וועגן זיינע געפילן צו איר מיט אַזויפיל היץ און אפילו מיט ביינקשאַפט. ער האָט אסנתן ליב, ער האָט קיינמאָל נאָך נישט דורכגעלעבט דאָס, וואָס ער לעבט איצט דורך. און אסנה האָרכט און שווייגט, בלויז צייטנווייז וואַרפט זי אַריין אַ וואָרט, אָדער זי שמייכלט.

ניקאָלאַי סאַטין נעמט אָן איר האַנט, ביידע פערד גייען גלייך און ער רעדט, דער אָפיציר, מיט אַזעלכע שיינע הויכע ווערטער, וואָס בלויז די ליבע פאַרמאָגט עס.

באָריס טראַכט:

„ביים סלאַוו האָט זיך דאָס בלוט צוקאָכט, די דאָרפישע

שיקסעס האָבן אים שוין, ווייזט אויס, דערעסן, איצט יאָגט ער זיך נאָך דער זשידאָווקע"...

זיי ווערן פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן, נאָר איבגיכן פאָרט דער אָפיציר צוריק פאַרביי, דעמאָלט וואַרט באָריס אַ ביסל אָפּ און דערנאָך לאָזט ער זיך אַוועק דורכן טונקעלן וואַלד צו אסנהן.

—וואו זענט איר געווען, באָריס?

—אין וואַלד... איך האָב אייך געהיט פונדערווייטן.

זי איז אָבער היינט אַזוי מאָדנע פאַרטרוימט, ערגעץ אין אַ ווינקעלע פון אירע אויגן, אונטער די ליינגליכע ברעמען, האָט זיך באַהאַלטן אַ טרויערל, ווי אַ קליין ליכטעלע ברענט עס... און דער שמייכל פון אירע ליפן וויל, דאַכט זיך, פאַרלעשן דאָס קליינע ליכטעלע פון די אויגן...

—אַזוי, איר האָט מיך געהיט? איך דאַנק אייך זייער. איר האָט אונז געזען פאָרן?

—געזען!

—און ריידן אויך געהערט?

—איר האָט געשוויגן, גערעדט האָט ער...

זי הערט נישט זיינע ווערטער, נאָר זי רעדט...

—איר ווייסט, באָריס, איך וועל איצט מער פאָרן אַהין אין פאַרק אַריין. מיין חברטעס פאָטער האָט אָפּגערונגען ביי דעם אַלטן סאַטין דעם גרויסן פרוכטגאָרטן... איך וועל פאָרן צו איר...

צוליב וואָס דערציילט זי אים דאָס? צי דען וויל זי זיך פאַר אים פאַרטיידיקן? מיט דער חברטע וועט זי זיך בלויז קאָנען שיצן פאַר איר טאַטן דעם אַרענדאַר.

אין דער געגנט אַרום פרודנע רעדט מען שוין וועגן שמואל דעם אַרענדאַרס קראַסאַוויצע, וועלכע פאָרט אַזוי אָפט צו דעם רייכן סאַטין אין אימעניע אַריין...

די קלאַנגען זיינען שוין דערגאַנגען אין שטאָט צו אסנהס קרובים.

דעמזעלבן אָוונט האָט באָריס געזען, ווי דער אַלטער שמואל איז אַוועק צום וואַלד צו מיט אסנהן און לאַנג מיט איר גע-

יעדט און די קינדער אין שטוב זיינען שווייגנדיק געווען.

אסנה איז געקומען צוריק אַ שטילע, אַ בייזע. זי איז נישט געזעסן נעבן זייער הויז, ווי אַלעמאָל, נאָר זי איז אַוועק פריער שלאָפן.

עטלאַכע טעג האָט זי אַזוי געשוויגן, זי איז נישט געפאָרן רייטנדיק. שמואל דער אַרענדאַר איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן.

אויפן דריטן טאָג פאַרנאַכט-צו איז ניקאָלאַי סאָטין געקומען קיין פרודנע אויף זיין פיינעם פערד. פון שטוב זיינען אַלע אַרויסגעלאָפן צו אים, באָריס ראַקאָווסקי מיט זיינע תלמידים, אסנה מיט דער מאַמען, מיט דער דינסט. ער איז פלינק אַראָפּגעשפרונגען פון פערד, זיך באַגריסט מיט אסנהן, מיט באָריסן, אויך אסנהס מאַמען האָט ער די האַנט געדריקט. יענע איז געווען אַ פּראָסטע דאָרפסיידענע. ווען דער אָפיציר האָט צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט, האָט זי נישט געוואוסט, וואָס צו טון, ביז אסנה האָט איר אונטערגעזאָגט: „מאַמע, גיב די האַנט".

דער אָפיציר איז געשטאַנען און גערעדט, ער האָט דערציילט וועגן ביעלאָוועזשער וואַלד, וועגן די זשוברעס און אַנדערע חיות, וואָס געפינען זיך דאָרט, און זיינע אויגן פאַלן אויף אסנהן מיט אומעט און בענקשאַפט. ביז ער האַלט נישט אויס און פרעגט, צי אסנה וועט אים נישט באַגלייטן.

יאָ, זי וועט אים באַגלייטן אַ ביסל, כאָטש די מאַמע האָט פאַרצווייפלט אַ קוק געטון אויף איר, און אירע קליינע ברידער און שוועסטער האָבן זיך צושראָקן אָפּגערוקט פון איר.

זי האָט גיך זיך צוגעגרייט אַ פערד און איז געפאָרן באַגלייטן דעם שלאַנקן אָפיציר...

און צוריק איז זי געקומען אין אַ קורצער צייט אַרום אַ פריילאַכע, אַ זאָרגלאָזע, כאָטש איבער זייער הויז האָט דאָס ביי-זע שווייגעניש געשוועבט...

ח.

פון פּאָלוואַרק צו פּאָלוואַרק, פון איין ישובניק צום צווייטן — ביסלאַכווייז איז דאָס אַלעמען באַוואוסט געוואָרן: אסנה, שמואל

דעם אַרענדאַרס טאָכטער, די שלאַנקע אסנה, פירט זיך אַרום מיט דעם יונגן סאַטין, מיט דעם אָפיציר. געוואוסט האָבן עס שוין פיל פריצים, מיט וועלכע שמואל האָט געשעפטן געפירט, און אפילו אין שטאָט איז שוין דאָס אויך דערגאַנגען; פון דאָרט איז אָנגעקומען אַ בריף פון אסנהס קרובים.

איבער פרודנע האָט זיך אַ שווערער וואָלקן פאַרצויגן, ביי דעם אַרענדאַר אין שטוב האָט מען אויפגעהערט צו לאַכן און גערעדט האָט מען אויך זייער ווייניק.

אסנה האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט, ווי געפאַנגען: די מאַמע און די ברידער מיט די שוועסטער האָבן געקוקט אויף איר, אָפט מיט בייזע און אָפט מיט בעטנדע בליקן און דער טאַטע פלעגט זיך אַזוי ווייניק איצט ווייזן, פונקט ווי ער וואָלט אַנטלויפן פון אַ שווערן פיין...

און באָריס ראַקאָווסקי פלעגט איצט, אויסער זיין לערנ-צייט, פאַרברייגגען גאַנצע טעג אין וואַלד. ער האָט זיך באַקענט מיטן וואַלדוועכטער און מיט נאָך עטלאַכע פויערים, ער פלעגט פאָרן מיט זיי אין פעלד און אָפט מיטאַרבעטן ביז שפעט-נאַכט. ס'איז שוין געווען שניטצייט, ער פלעגט זיי העלפן, די פויערים, אַראָפנעמען די סנאָפעס פון די פעלדער. יענע האָבן זיך צו אים גיך צוגעוויינט, נאָר אויך דאָ פלעגט ער אָפט הערן אסנהס נאָמען, די יונגע דאָרפסמיידלאַך פלעגן דערמאָנען אסנהס שיינ-קייט און איר פלינקייט און דעם אָפיציר סאַטין פלעגט מען אויך דערמאָנען.

אָבער דאָך האָט ער באַשלאָסן אַריבערצושטייגן זיין איי-פערזוכט: ליבע נעמט מען נישט מיט געוואַלד, ער מוז פאַר-לעשן דאָס פייער, אויב נישט, וועט דאָס פייער אים פאַר-ברענגען...

און נישט בלויז ביי די פויערים, ער האָט אויך אין פרו-דנע אַ סך געאַרבעט, ער האָט איצט געפירט די רעכנונגען מיטן פאַכטער און אויסגעצאָלט די אַרבעטער פון דער גוראַלניע, וויל דער אַרענדאַר שמואל האָט איצט אַ סך נייע געשעפטן און ער ווייזט זיך אַזוי זעלטן אין פרודנע.

איינמאָל איז שמואל געקומען פאַרנאַכט אַ צוטראָגענער, אַ שווייגנדיקער... דער לערער איז געווען ביי זיך אין צימער. שמואל איז אַריין צו אים אַ שטילער, אַ באַזיגטער און ער האָט גלייך אָנגעהויבן:

—וואָס טוט מען מיט איר? איר זענט דאָך אַ געבילדע-טער, גיט אַן עצה!

און באָריס האָט געמוזט ריידן וועגן פאַרשידענע פּלענער, ווי אַזוי צו ראַטעווען אסנהן, ער האָט גערעדט און אַליין נישט געגלויבט אין זיי. דעם אַלטן האָט ער נישט געוואָלט מצער זיין, אַנדערש וואָלט ער אים געזאָגט:

—איר וועט זיי נישט איבערמאַכן, די יונגע הערצער. עס איז פאַראַן אויף דער וועלט ליבע און ליידנשאַפטגעפילן, וועלכע זיינען שטאַרקער פאַר אַלע טאַטעס...

און אסנה איז דעמאָלט געווען אין דער אימעניע ביי די סאַטינס. זי האָט זיך דאָרט אויפגעטראָגן מיט רבקהלע דעם סע-דערס טאָכטער, וועלכע פלעגט היטן דעם געדונגענעם סאָד. רבקהלע, אַ נידריק מיידל מיט אַ קריינקלאַך טונקל געזיכט, מיט שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, פלעגט לייענען שטענדיק ראָמאַנען און חלומען פון שטאָט און פון טעאַטער.

אסנה זיצט איצט אין סאָד. אונטער די ביימער ליגט פריש געשניטענער היי און נישט ווייט, אויף יענער זייט פּלויט, איז צוגעבונדן אסנהס פערד, איר שוואַרצער סולטאַן. אסנה וואַרפט אָפט בליקן צו יענער זייט פּלויט, אויב דאָס פערד איז דאָ. זי האָט דאָרט אַ באַזונדערן געהיימען דורכגאַנג אין גאָרטן. אין פּלויט איז ספּעציעל פאַר איר געעפנט געוואָרן אַ ברעט, וועל-כעס ווערט באַכן אַריינקומען ווידער צוגעדעקט. זי קאָן דאָך נישט אַריינפאָרן אין גאָרטן צו די סאַטינס דורך דעם הויפּט-וועג, נישט זי וויל דאָס און נישט ניקאָלאַי.

אסנה דערציילט פאַר רבקהלען, אַז אינדערהיים „הויבט זיך שוין עפּיס אָן”. דער טאַטע האָט שוין גערעדט מיט איר און די מאַמע וויינט כסדר...

אין דעם קומט אָן ניקאָלאַי סאַטין, ער באַגריסט זיך מיט

אסנהן און פֿאַרנויגט זיך פֿאַר רבקהלען און שפּעטער אַ ביסל ווערט ער פֿאַרשוואונדן מיט אסנהן אין טיפֿן גאָרטן.

זיי גייען אָפּט פֿאַרביי און ווערן ווידער פֿאַרשוואונדן, צמאָל שווייגנדיק און אַמאָל פֿאַרנומען מיט אַ הייסן געשפּרעך.

שפּעטער דערציילט אסנה פֿאַר רבקהלען:

— איך האָב אים אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט. די ערשטע צייט איז ער געווען ווי אַ ווילדער, ער פֿלעגט מיך כּסדר וועלן אַרומכאַפּן מיט זיינע אָרעמס. פֿלעגט זיך אים דאָס איינגעבן, פֿלעגט ער מיך ווילד קושן, ביז איך פֿלעג אים אָפּשטויסן פֿון זיך מיט כּעס... און מיין כּעס פֿלעגט אים טרויעריק מאַכן, אַזוי טרויעריק, אַז איך פֿלעג אויף אים רחמנות קריגן און אים מוחל זיין, איצט איז ער גליקלאַך, אַז איך דערלויב אים אַ לייכטן קוש... רבקהלע, ער האָט מיך ליב מיט אַ טויזנט מאָל שענערער ליבע, ווי אין דיינע אַלע ראָמאַנען... און איך, אַז איך זע אים נישט אַ טאָג, הויב איך ערשט אָן פֿילן, וואָס דאָס הייסט ליידן.

זי פֿלעגט פֿאָרן צוריק און גאָרנישט טראַכטן פֿון טאַטע־מאַמע, פֿון ברידער און שוועסטער. זי פֿלעגט פֿאָרן און טויזנט מאָל דערמאָנען ניקאָלאַי סאַטינס וואָרט און בליק, ער פֿלעגט איר פֿאַר די אויגן שוועבן, אויף זיין געזונטן געזיכט האָט זיך שוין אַן אומעט באַוויזן, אין די אויגן זיינע פֿילט זיך דער צער פֿון געבראָכענער עקשנות און דאָס מאַכט אים שענער, איידעלער...

זי קומט אַהיים און ערשט באַמערקט זי, אַז זי הויבט אָן פֿאַר עפּיס מורא צו האָבן. אָט וואָלט זי איצט זייער וועלן, אַז דער טאַטע זאָל אינדערהיים נישט זיין... זי איילט זיך דעריבער גיכער אַראָפּ פֿון פֿערד, נאָר אין דערזעלבער צייט באַמערקט זי, אַז דער טאַטע קוקט אויף איר. קיין וואָרט האָט ער צו איר נישט גערעדט, נאָר אין זיין בליק איז געווען אַזויפֿיל כּעס און צאָרן, אַז אסנה האָט אים נישט דערקענט. זי האָט מיטאַמאָל דערפֿילט, אַז נישט דער טאַטע אַליין, נאָר אַ סך, אַ סך מענטשן וועלן איצט אויף איר אַזוי אָנהויבן קוקן... דאָך אויגנבליקלאַך שוועבט איר פֿאַרביי אַזאַ בילד: אויף אַ שמאָל שטעגל אין אַלטן

פּאַרק ביי די סאַטינס גייט זי מיטן יונגן אָפיציר, זיי מוזן זיך ביידע אײַנבויגן צוליב די געדיכטע בלעטערצווייגן. ער האַלט אירע עטלאַכע פינגער און דריקט זיי לייכט-לייכט. זי ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר זי וואָלט צוגעפאַלן אָט צו די אַלע ביימער און ביימלאַך און יעדעס בלעטל אויסגעקושט, יעדעס צווייגל... אַזוי טיף איז איר גליק און איר פרייד...

זי דערמאָנט זיך עס און דעם טאַטנס בייזער בליק פאַרשווינדט פון די אויגן, זי וואָלט איצט צום טאַטן צוגעלאָפן און געקושט, געהאַלזט. נאָר שמואל דער אַרענדאַר איז שוין נישטאָ. אסנה בלייבט אַליין און ביידע געפילן, איר פרייד און איר שרעק, פירן שוין אינעווייניק, אין ברוסט, אַ מלחמה...

באָריס ראַקאָווסקי וואַרט, ווי שטענדיק, אויף דער באַנק נעבן אסנהס צימער, זי קומט נישט אַרויס... די שטערן לעשן זיך, ביז באָריס שלאָפט אײַן אויפן באַנק.

אינדערפרי קומען עפּיס מענטשן פון אַ פריץ און קויפן אָפּ די צוויי רייטפערד. אסנהס „סולטאַן", וועלכן זי האָט אַליין אויסגעהאָדעוועט, איר שיין פערד האָט דער טאַטע פאַרקויפט...

זי איז נאָך דאַן געשלאָפן. דער טאַטע האָט זי געוואָלט אויספרובירן, האָט ער געזאָגט צום יינגסטן זון:

—גיי אַריין צו אסנהן און דערצייל איר, אַז איך פאַרקויף ביידע פערד.

ווען זי קומען, די אסנה און זאָגן, אַז מען זאָל די פערד נישט פאַרקויפן, ווען עס זיין אַ סימן, אַז מיט דעם סאַטין איז געענדיקט און אויב נישט, ווען מען מוזן זוכן אַנדערע עצות.

ווען אסנה האָט דערהערט דאָס נייס, איז זי אויפגעשפרונגען פון איר געלעגער:

—וואָס, דעם סולטאַן פאַרקויפט ער?!— און באַלד צוגעגעבן:

—נו, גוט, זאָל ער פאַרקויפן...

זי האָט זיך אײַנגענורעט אין איר געלעגער און עס האָט זיך אויסגעדוכט אין דער רגע, אַז אַ גרויסער וואָלקן פאַלט אויף איר.

די פערד האָט מען אַוועקגעפירט און דער טאַטע איז ער-געגען אַוועקגעפאָרן.

שפעטער איז אסנה געשטאַנען ביים ליידיקן שטאַל און געוויינט, ווי אַ קינד. די מאַמע איז אַרויס צו איר, באָריס ראַ-קאָווסקי האָט זיך איינגעבצן פאַרלאָרן, ער האָט נישט געוואוסט, מיט וואָס זי צו טרייסטן. זי האָט זיי קיינעם קיין וואָרט נישט געענטפערט און האָט זיך גענומען צו פאַרשידענע אַרבעט. נאָר באַלד נאָכמיטאָג איז זי ערגעץ אַוועק דורכן וואַלד. באָריס איז נאָכגעגאַנגען פון ווייטן און געזען, אַז זי גייט צו דער אימע-ניע פון די סאָטינס. שוין פאַרנאַכט-צו איז געקומען צופליען אויף זיין היציקן פערד דער יונגער אָפיציר. ער האָט געפרעגט אויף אסנהן.

באָריס האָט אים דערקלערט, אַז זי איז אַוועק צופוס... און זיי האָבן זיך אודאי אויסגעמיטן אין וועג. האָט ער דערלאַנגט אַ קירעווע אויס דאָס פערד און אָנגעהויבן פליען, ווי אַ שד...

„אָט אַזוי דאַרף מען רייטן", האָט באָריס געטראַכט און עס האָט זיך אים דערמאָנט, ווי ער איז דעמאָלט אַראָפּגעפאַלן פון פערד.

ט.

—זאָל זיך אסנה שטאַרק נישט קלעמען, וואָס דער טאַטע האָט פאַרקויפט איר פערד. זאָל זי נאָר זאָגן איין וואָרט, וועט זי האָבן דאָס בעסטע פערד און נישט איינס, נאָר צען, צוואַנ-ציק פערד... זאָל זי נאָר זאָגן איין וואָרט...

אַזוי האָט ניקאָלאַי סאָטין גערעדט צו אסנהן און אסנה האָט עס איבערדערציילט רבקהלען אין גאָרטן.

—און וואָס האָסטו אים געענטפערט?—פרעגט רבקהלע ביי אסנהן...

—דאָסזעלבע, וואָס דעמאָלט, בעת ער האָט פאַרלאָרן דעם בריליאַנטענעם רינג...

די מעשה איז אַזוי געווען:

אסנה מיט סאַטינען זייגען געזעסן אויף אַ בערגל היי, וואָס שוין האָט צונויפגעשאַרט אונטער די פּרופּעסײַטער. פּלוצלונג האָט זיך סאַטין געכאַפּט, אַז עס פעלט אים זיין ברילליאַנטענער רינג. דעמאָלט האָבן זיי אַלע דריי—רבקהלע אויך מיט זיי—געזוכט דעם רינג. דער אָפיציר האָט זיך דאַן אָנגערופן, אַז וויבאַלד ער וועט געפינען דעם רינג, וועט ער אים שיינקען אסנהן. אין דעם האָט רבקהלע געפונען דעם רינג.

נאָר אסנה האָט זיך שטאַרק באַליידיקט, בעת ער האָט איר דעם רינג פאָרגעלייגט און זי איז בייז געוואָרן אויף אים, ביז יענער האָט צוגעזאָגט, מער אסנהן קיין מתנות קיינמאָל נישט פאָרצולייגן.

איצט איז זי אויך אויף אים אַזוי בייז געוואָרן.

זי האָט אים ליב, דעם ניקאָלאַי סאַטין, אָט אין דעם אַלטן פּאַרק, פון קינדוױיז אָן האָט זי געהאַט אַזאַ חלום, אַזאַ בײנקשאַפט צו זייער לעבן. זי פלעגט שטענדיק הערן אַזויפיל מעשיות פון די פריצים, פון אַמאָליקע און היינטיקע...

און עס ווערט איר קיינמאָל נישט דערעסן אַרומצעוואַנדערן מיט אים איבערן אַלטן פּאַרק און שעהן לאַנג שטיין ביים טייכל מיט די שניי-ווייסע שוואַנען, וועלכע שווימען און דרימלען און פעדערן זיך מיט אַזאַ זיסער פוילקייט.

אָפט, ווען די אַלטע פלעגן אַוועקפאָרן און אין פּאַרק פלעגט, אויסער דער דינערשאַפט, קיינער נישט בלייבן, פלעגט ניקאָלאַי סאַטין אַרומפירן זיין יידישע געליבטע איבער דעם פּאַלאַץ. פון צימער צו צימער, פון בילד צו בילד פלעגט ער זי פירן און דערקלערן, פון וואַנען עס שטאַמט דאָס סטאַטועטקעלע, אָדער יענער אַלטמאָדישער ביקס...

ער פלעגט איר דערציילן פון זייער יחוס און ווייזן פּאָרטרעטן פון פירשטן און גראַפן—זיינע נאָענטע און ווייטע קרובים. ער איז אַ גרויסער יחסן, דער ניקאָלאַי!

און וואָס אסנה האָט זיך דערוואוסט, פלעגט באַלד וויסן רבקהלע, יענע פלעגט אָפט זאָגן, אַז אין אירע ראָמאַנען געפינען זיך אַזעלכע פאַקטן.

זי פלעגט זיצן מיט רבקהלען און ריידן, דערציילן... און ווארטן אויף אים. סאַר אַ פריילאַכער ער שפרינגט צו צו איר. אַ הויכער, מיט אַזאַ יונגן אָפנהאַרציקן פנים און גלייך מיט די ווערטער:

—מאַיאַ דאָראָגאַיאַ!

פון טאָג צו טאָג איז געוואַקסן איר ליבע צו אים, נאָר איר שרעק פאַר דער צוקונפט האָט זיך אויף פאַרגרעסערט.

נישט אייביק וועט זיך ציען דער זומער און נישט אייביק וועלן אירע זיין אַזוי געדולדיק; עפּיס וועט פאָרקומען, אסנה גרייט זיך!

אינדערהיים איז מען אויף איר בייז. איין גליק האָט זי, וואָס דער טאַטע איז איצט אַזוי פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן און ער איז אַזוי ווייניק אינדערהיים, דעריבער קאָן זי פאָרן, אָדער גיין צופוס צו זיי, צו די סאַטינס אין פּאַרק.

פאָרן פלעגט איצט אסנה מיט דעם סעדערס וואָגן, וואָס פלעגט יעדן טאָג פאַרבייפאָרן פרודנע און רבקהלע פלעגט אַמאָל, צוליב איר אַליין, שיקן די פור.

אַ גליק, וואָס דער טאַטע איז פאַרנומען. זי באַדאַרף זיך נישט באַגעגנען מיט זיין בליק, זי קאָן אויף אים גלייך נישט קוקן. דער טאַטע האָט אסנהן ליבער פאַר אַלע קינדער, דעם טאַטן, וועלכן זי פלעגט פריער אַזוי לייכט פאָלגן—איצט מיידט זי אים אויס.

און ווען ער קומט אַהיים, מוז די מאַמע לייקענען: „ניין, אסנה איז צו די סאַטינס נישט געפאָרן”.

איינמאָל איז ער געקומען פריער, איידער אסנה האָט זיך אומגעקערט פון דאָרט, האָט זי דאַן געהערט פון איר צימער, ווי דער טאַטע האָט געשריען:

—איך וועל דאָס אַלץ אונטערצינדן! איך וועל דאָס מיטן פייער לאָזן! איך וועל אַנטלויפן פון דאַנען!

זי האָט געזען, וואָס פאַר אַ טרויער ביי זיי אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן און זי האָט שוין אַזויפיל געליטן, אַזויפיל טרערן פאַרגאָסן אין איר חדר.

נאָך אויף מאָרגן: דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן, איבער פרודנע שייגט אַזויפיל זון און דער וואַלד אַרום-און-אַרום זינגט. ווי אַ כשוף וואָלט איר אַהינגעצויגן, טיפער, טיפער אין וואַלד. זי שפרייזט צופוס אַוועק אַהין, וואו איר האַרץ ציט איר, וואו איר חלום איז אַזוי נאָנט...

דאָרט וואַרט אויף איר דער אָפיציר מיט אַזאַ אומגעדולט, זיי זיצן און פאַרברייננגען און פלוצלונג הערט זי פון אים אַזעל-כע ערנסטע ווערטער:

—זי, אסנה, דאַרף זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשליסן. זי מוז איבעררייסן מיט אירע, זי דאַרף אָן איר פאַרגאַנגענהייט פאַרגעסן און אַ סוף... ער וועט זיך מיט קיינעם נישט רעכענען, זאָל זי דאָס וויסן. ער איז גרייט מיט איר חתונה צו האָבן.

און פון דידאָזיקע אַנטשלאָסענע ווערטער ווערט אסנה צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אַזוי צושראָקן און הילפלאָז. זי קאָן אים גאָרנישט ענטפערן...

פאַרוואָס שווייגט זי אַזוי? זאָל זי נישט טראַכטן, אַז ער וועט זיך מיט איר שעמען, אָן איר איז זיין לעבן גאָרנישט ווערט.

זי וועט אים ענטפערן, אָבער נישט באַלד און זי בעט ביי אים, ער זאָל זי לאָזן אַליין.

באַלד דערוויסט עס זיך רבקהלע און יענע פרעגט:

—הייסט עס, וויל ער, אַז דו זאָלסט זיך שמדן?

און ביידע מיידלאַך דערמאָנען זיך מיטאַמאָל פאַרשידענע געשיכטעס וועגן געשמדטע יידישע טעכטער. און שרעקלאַך, מאָ-דנע שרעקלאַך קלינגט פאַר זיי דאָס וואָרט „שמד”.

וועגן דעם וועט זי ריידן מיט ראַקאָווסקין, ער מוז איר ענטפערן אויף עטלאַכע פראַגן.

און דעמזעלבן אָוונט האָט זי אים אָפּגעוואַרט נעבן זייער הויז, בעת ער איז אַ פאַרמאַטערטער פון פעלד געקומען.

זי האָט מיט אים גערעדט וועגן יידן און קריסטן, זי האָט אים געפרעגט, צי ער וואָלט זיך געשמדט, ווען ער פאַרליבט זיך. און ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין גאָט, ער

האָט אַלץ פאַרלאָרן אויף זיין וואַנדערוועג און דאָך וואָלט ער קיינמאָל נישט אוועק פון זיין פאָלק. ניין! טויזנט מאָל זיך ליבן, ער וועט דאָס נישט טון, ער וואָלט פאַר זיין ליבע נישט אָפּ-געצאָלט אַזאַ פּרייז!

—פאַרוואָס?—פרעגט אים אסנה.—צי דען זייען די יידן די בעסטע?

—אָבער זיי זיינען אויך נישט די ערגסטע,—ענטפערט באָריס.

נאָר אסנה, זי וויל זיך שוין מיט עפּיס פאַרטיידיקן. וואָס האָט זי געזען און געהערט פון יידישקייט? ביי זיי אין שטוב איז פאַראַן איין חדר, וואו עס שטייט אַ קליינער אָרון-קודש, דאָרט אינווייניק ליגט אַ ספר-תורה. יום-טוב און אָפט אויך שבת פלעגן זיך דאָרט צונויפקומען די אַרומיקע יידן פון פאַרשידענע פאָלוואַרקן און דאָרפן.

אָבער אסנה פלעגט זיך דעמאָלט שפּילן מיט די שקצים און אַרומלויפן אין וואַלד.

און דאָך, אינדערמאמתן, דאַרף זי דאָך קיינעם נישט פרעגן: זי איז דאָך יאָ צוגעבונדן צו אירע, זי זעט נישט, זי קאָן נישט געפינען די פעדם, אָבער זי שפּירט, אַז זי שטעלט אַ טריט ווייטער, רייסן זיך די פעדם און איר האַרץ בלוטיקט. פון היינט אָן הויבט זיך פאַר איר אָן אַ נייע טראַגעדיע: אויסערדעם, וואָס אַלע וועלן איר שטערן, וועט זי זיך אַליין שטערן, זי וועט זיך פאַרצוימען דעם וועג צו איר גליק.

ביידע, זי מיט באָריסן, שווייגן. אין דער דאָזיקער נאַכט זיינען זיי ביידע אומרוהיק און אומצופרידן און ווייט, ווייט פון דעם האָבן זיך די זשאַבעס גאַנאַנדערגעשפּילט.

אסנהן דאַכט זיך, אַז די זשאַבעס האָבן נאָך אַזוי הויך קיינמאָל נישט געקוואַקעט. באָריס ענטפערט איר אויף דעם:

—שטענדיק דאָס זעלבע, באשר איר האָט נישט געהערט...

זי טוט אַ קוק אויף אים און גיט אינערלאַך אַ שמייכל.

ער קאָן, ווייזט אויס, פיינט האָבן אויך, דער לערער...

און אַ געדאַנק לויפט דורך אין קאָפּ:

—געדיינקט איר נאָך, ווי איר זענט פון פערד אַראָפּגע־פאַלן, באָריס?—און זי לאַכט, ווי דעמאָלט, אין אָנפאַנג זומער.

נאָר געזיגט האָט היינט באָריס, ער האָט איר דערמאָנט, אַז איר סולטאַן האָט דער טאַטע פאַרקויפט און זי איז שטיל געוואָרן, ווי די נאַכט...

זי האָט זיך איצט נישט געבייזערט אויף אים, נאָר אין האַרצן האָט אַ ווערמל געעקבערט: זי, אסנה, האָט קיינמאָל נישט געליטן און איצט פאַרלירט זי איר זאָרגלאָזיקקייט.

י.

ביי די סאַטינס אין פאַרק, הינטערן פּאַלאַץ, ווייט הינטערן סאָד ציט זיך אַ גרויסע, פלאַכע לאָנקע, אויף וועלכער עס ליגן איצט פאַנאַנדערגעוואָרפענע בערגלאַך היי, נידריקע און הויכע. לאַנג און ברייט איז די לאָנקע און די בערגלאַך היי זענען זיך אָן אַ צאָל.

אויף איינס פון די בערגלאַך היי זיצט אסנה מיטן יונגן סאַטין.

ווי אַזוי איז עס געקומען, זי זאָל אַזוי שפּעט בלייבן אין גאָרטן ביי די סאַטינס? עס איז שוין באַלד נאַכט. אַרום, איבער די וועלדער, ווערט דער הימל אַלץ טונקעלער. אַ גרויסער שטערן פינטלט אינדערהויך, פּונקט ווי אַ זילבערן פישל וואָלט כסדר עפנען ס׳פיסקל און בליצן מיט די טראָפּנס וואַסער, וואָס עס שלינגט איין.

נאַכט וועט באַלד זיין, ציקאַדעס און גרילן דאַוונען זיך זייער לעצטע תפילה, ריידן זיך דורך, זעגן די לופט מיט אַלע סאָרטן לאַנגע און אָפּגעהאַקטע קלאַנגען. אַ פאַרשפּעטיקטער שמע־טערלינג איז דאָ נאָענט אַראָפּגעפאַלן אָן מאַכט, פּונקט ווי ער וואָלט בלינד געוואָרן און נישט געזען מער דעם וועג פאַר זיך.

און דאָרטן, אויף יענער זייט פאַרק, וואו די אַלטע טאָ־פּאָלן זיינען געדיכטער, דאָרט קראַקען מיט אַ מאָדנעם טרויער אונדערטער, טויזנטער קראָען. קראַ, קראַ! שוועבט אין דער לופטן

און פליגלען פאָכען אַמאָל נעגטער, אַמאָל ווייטער...

עפּיס ראַנגלט זיך נאָך אין דער נאַטור, נישט אַלץ וויל זיך אַזוי גיך אונטערגעבן דער נאַכט. אָט דאַכט זיך, אַז אַלץ איז שוין איינגעהילט אין איר שלייער, פּלוצלונג האָט זיך אי־מערב־זייט, דאָרט, וואו די זון איז איינגעזונקען געוואָרן, געגעבן העלער רויטלען, העלער און ליכטיקער... צי דען האָט דן זון חרטה געהאַט און זי קומט צוריק? אַ רויטער אָפּגלאַנץ פון פייער האָט זיך פאַרשפּרייט אויפן הימל און פון הימל אויף די פעלדער, די סטאָגעס היי האָבן זיך אָנגעצונדן און אַלץ, אַלץ אַרום ברענט און פלאַקערט.

אסנה און סאַטין זשמורען מיט די אויגן, זייערע געזיכטער זיינען ראָז פון דעם לעצטן אָפּגלאַנץ. זיי שווייגן אַ רגע,ביידע איבעראַשט פון אַזאַ בילד.

נאָר דאָס געדויערט אַ רגע, די זון האָט זיך, ווייזט אויס, נישט געקאָנט איינהאַלטן און איז אַראָפּגעפאַלן אין אָפּגרונט אַריין. איצט האָט די נאַכט פאַרוואָרפן אַלץ מיט שוואַרצע פלאַכטעס אויף דער ערד און עס איז שוין באמת פינסטער געוואָרן...

ווי אַזוי איז עס געקומען, אַז אסנה זאָל דאָ אַזוי שפּעט בלייבן? ניין, זי ווייס אַליין נישט... זי האָט זיך געשראָקן צו גיין אַהיים: אַלע זיינען אויף איר אין כעס און סאַטין איז היינט אַזוי גוט און טרויעריק געווען. איין רגע האָט די צווייטע געכאַפּט און פאַרקניפּט און פאַרבונדן און אסנהן נישט געלאָזט אַוועקגיין.

איצט גלעט סאַטין אירע האָר. איר האַרץ קלאַפּט היינט שטאַרקער און היציקער.

שטיל אַרום. בלויז געציילטע קראָען וואַרפן נאָך אַריין אין דער שטילקייט דעם לעצטן קרא, אַלץ איינזאַמער, איינגעהאַלטער און פון אַ זומפּ נעמט דריידלען אַ זשאַבע אַ מאָדנעם געזאַנג, אין וועלכן עס שוועבט נאַכט און אוראַלטקייט...

—וועסט שוין פון דאַנען נישט אַוועקגיין,—רופט זיך אָן צו איר סאַטין,—וועסט נישט אַוועקגיין.—און קושן פלאַמענדיקע, ווילדע קושן, פאַלן אויף אסנהן און ברענען איר אָפּ די ליפּן.

זי קוקט אים אויך און פאַרגעסט אויף אַ רגע אָן אַלץ. דאַכט זיך, אַז די נאַכט איז אייביק געווען און די נאַכט וועט אייביק בלייבן און די איצטיקע רגע איז אַן אייביקקייט, עס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, קיינמאָל נישט...

און פלוצלונג דערהערט אסנה איר נאָמען, רבקהלעס דינע שטימע קלינגט פון ערגעץ נאָענט:

—אסנה, אסנה, אסנה...

אַלע שאָטנס האָבן זיך פאַנאַנדערגעשריען און רופן:

—אסנה!...

עס דויערט אַ ווײַלע, ביז פון אויער דערגייט דאָס קול צו איר קלאַפּענדיק האַרץ...

זי כאַפּט זיך אויף און פרעגט:

—ווער רופט מיך? רבקהלע! ווער רופט מיך?...

עס דערנענטערט זיך אַ שאָטן אין דער נאַכט, די קליינע רבקהלע, דעם סעדערס טאָכטער, שטייט געבן זיי און דערציילט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

—דיין טאַטע, אסנה, דיין טאַטע איז געקומען אין פּאַרק. ער זוכט דיך אַרום, ער איז שרעקליך בייז!

דער טאַטע...

פרודנע, די מאַמע מיט די שוועסטער, יעדעס ווינקעלע פון איר היים, האָט זיך אויפגעכאַפּט אין איר נשמה. זי איז אויפגעשפּרונגען פון בערגל היי מיט צעפּאַלענע האָר, מיט גרויסע אויגן און געגומען לויפן, לויפן, ווי אַ משוגענע...

עס איז שוין געווען גענוג פינסטער. זי האָט געפונען איר אָפּן ברעט אין פּאַרקאַן, איז אַרויס אויפן פעלד, פון פעלד איז זי אין וואַלד אַריינגעלאָפן, אין געדיכטן שוואַרצן וואַלד ביי-נאַכט. זי האָט דאָרט גוט געוואוסט יעדעס שטעגעלע און דאָך האָט זי זיך עטלאַכע מאָל אָן דיביימער אָנגעקלאַפּט. זי איז בעלאָפן האַסטיק. געלאָפן פון דעם סאַטיק, פון טאַטן, פון אַלע מענטשן, פון זיך אַליין...

אַ כאַאָס האָט זיך געפלאָנטערט ביי איר אין קאָפּ. זי האָט קיין זאַך נישט באַרעכנט, צו קיין באַשלוס נישט געקומען, ווי

אַ וואַנזיניקע איז זי אַזוי אַהיימגעקומען, ווילד-צושראָקן אויפגעעפנט ברייט די טיר, נישט צוגעמאַכט צוריק און געלאָפן צו זיך אין צימער. דאָ איז זי אַרויפגעפאַלן אויף איר בעט און געבליבן ליגן, ווי פאַרגליווערט: פאַר די אויגן האָט געשוועבט דער פייער פון היינטיקן זונפאַרגאַנג, אין די אויערן ביי איר האָט געקלונגען רבקהלעס „אסנה". און דער וואַלד, דער שוואַרצער, האָט אַלץ פאַרדעקט איר נשמה, פונקט ווי זי וואָלט דורכגעגאַנגען אַ שוואַרצן לאַנגן קאָרידאָר און מיטגענומען פון דאָרט די גאַנצע פינסטערניש אין איר נשמה...

דערווייל איז אין שטוב צוריקגעקומען דער טאַטע, שמואל דער אַרענדאַר. פון די סאַטינס איז ער צוריקגעקומען. אסנה האָט נישט געהערט, ווען ער איז אַריין, נאָר דורכן וואַנט האָט מען געשריען, שרעקלאַך געשריען.

פלוצלונג האָט זיך אסנה אַזוי ווי אויפגעכאַפּט, אָנגעשטעלט די אויערן און זיך גענומען איינהערן:

—איין וואָרט זאָל זי מיר זאָגן,—האָט דער טאַטע געשריען.—איין וואָרט... צי זי איז נאָך מיינע? מיין טאָכטער, מיין כשר קינד... איין וואָרט זאָל זי מיר זאָגן...

און די מאַמע האָט אויפן קול געיאָמערט. שפּעטער האָט זיך דאָרט געעפנט די טיר און עס איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן, עמיצער איז געקומען. דאָס איז געווען ראַקאָווסקי.

—לערער, גאָספּאָדין ראַקאָווסקי, גיט מיר אַ טרייסט!—האָט דער אַלטער זיך געבעטן,—גיט מיר אַ טרייסט.—און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, ווי אַ קינד... אסנה האָט געהערט, ווי ער וויינט.

דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן, ראַקאָווסקי איז צוריק אַרויס. דעמאָלט האָט זיך אסנה אויפגעהויבן און איז אַריין צו טאַטע-מאַמע.

קאַלט, רוהיק, מיט אַ פוסטער נשמה האָט זי אַרויסגערעדט:

—טאַטע, איך קאָן דיר דאָס וואָרט זאָגן. איך בין דיינע נאָך, דיין כשר קינד.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלעמען. די קינדער, אירע

ברידער און שוועסטער, זיינען אויך געזעסן צושראָקן און פאַר-ווײנט.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

—מאָרגן פאָר איך אַוועק אין שטאָט.—און איז אַרויס פון צימער.

זי איז אַזוי אָפּגעלעגן אויף איר געלעגער וואָכעדיק אַ גאַנצע נאַכט. דאָס גאַנצע הויז האָט געשוויגן, ווי אַ קבר און אַרום, אין נאַכטן וואַלד, האָט ראַקאָווסקי געבלאָנדזשעט און גע-טאַפּט מיט זיין שטעקן דעם וועג און געוואַרט דעם פרימאָרגן.

אויף איין אָרט האָט ער זיך צוגעלייגט און איז איינגע-שלאָפן. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך באַגינען. ער האָט באַמערקט, אַז ער שלאָפט נישט ווייט פון טייכל און פון וואַסער הויבט זיך אויף דער טוי, פונקט ווי אַ לאַנגזאַמער רויך פון אַ ברייטן מזבח...

ער האָט געקוקט אַרום אויפן וואַלד, אויף דעם ווייטן הימל און זיך אַליין האָט ער דערזען איינגעקאָרטשעט פון קעלט אין גראָז און אַ שמייכל געטון:

—עך, וואָס איז אַ מענטש?—אַ שטאַמל געטון און זיך אויפ-געהויבן און שווייגנדיק אַוועק קיין פרודנע...

דער טאָג איז אַלץ טיפער אין וואַלד געקראָכן.

יא.

ביי טאָג איז אסנה אַוועקגעפאָרן. שווייגנדיק האָט זי זיך מיט אַלעמען געזעגנט. קיינער האָט צו איר קיין איבריק וואָרט נישט גערעדט. די מאַמע האָט געווישט די אויגן, דער טאַטע האָט אַלץ צוגעגרייט צום וועג און די קינדער האָבן געשוויגן, ווי טויבן. איין ברודערל איז געשטאַנען ביים אָרון-קודש, וואָס איז געווען ביי זיי אין שטוב און וואו מען פלעגט יום-טוב דאַווענען, און געוויינט, געבעטן גאָט פאַר אַלעמען, פאַר אסנהן, פאַרן טאַטן, ווײַלכער איז אַזוי טרויעריק.

ראַקאָווסקי איז נישט געווען. אינדערפרי האָט ער זיך באַוויזן און איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן...

ער האָט דעמדאָזיקן טאָג פאַרבראַכט, וואַנדערנדיק אין דער געגנט, געגאַנגען צו די פויערים, וועלכע האָבן שוין געדרעשט זייער ביסל קאָרן, גערעדט מיט זיי וועגן וועטער, וועגן בהמות...

ער האָט שוין גוט געקענט זייער לעבן. פילמאָל איז ער זיי מקנא געווען. אַ מאָדנע זאַך: מענטשן בינדן זיך צו צו אַ שטיקל ערד און ציען זייער גאַנצע יניקה דערפון און יעדערן פון זיי דאַכט זיך, אַז דאָרט, וואו ער שטייט, דאָרט איז דער מיטלפונקט פון דער וועלט...

אַ צוויי וויאָרסט פון פרודנע איז געווען אַ קוזשניע. ראַקאָווסקי איז אויך געווען ביים שמיד. דאָס איז געווען אַ הויכער דאַרער פויער, וועלכער האָט געשמידט פאָדקאָוועס פאַר אַלע פערד פון דער געגנט, מיט אַ פאַררויכערטן פנים, מיט רויטע מידע אויגן איז דער מענטש געשטאַנען נישט וויַיט פון דער הארנע און געקלאַפּט, געקלאַפּט מיט אַ גרויסן האַמער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מכשף...

און אַרום וויַיט אין וואַלד, אין אַלע וועלדער, איז געווען אַזוי שטיל. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שמיד פירט דאָ מלחמה מיט דער שטילקייט. ראַקאָווסקי האָט עטלאַכע מאָל געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, נאָר יענער האָט געענטפערט קורצע פראַזן און ווידער געהויבן דעם האַמער.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער הארנע און אַרויסגענומען אַ רויט שטיקל אייזן-פייער, עס האָט דורכגעלויכטן ווי אַ רויטער שטערן און באַלד איז דאָס פרישע שטיקל אייזן שוין געלעגן אויף אַן אייזערנעם געלעגער און דער שמיד האָט מיט דעם האַמער גענומען מאַכן מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט.

ראַקאָווסקין האָט זיך אין דער רגע פאַרוואָלט אַליין כאַפּן אַ האַמער און עפּיס אויסשמידן אַ נייע שטאַרקע נשמה און דורכגיין אַזוי אַ ניי לעבן: ברעכן, צושטערן און לאַכן פון אַלץ...

ער האָט אָבער אַריינגעקוקט אין זיך: אויפן דעק פון האַרצן איז געלעגן גיפט פון ספק און פאַרצווייפלונג.

און פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זיך גאָר פאַרליבט, און אַז דאָס מיידל האָט פון אים געלאַכט, געווען פרעמד צו אים.

„דאָס איז דאָך גאָר געווען אַן איבריקע זאַך", האָט ער געטראַכט און איז ווייטער געגאַנגען.

„צו וואָס האָב איך דאָס מיידל באַגעגנט?" האָט ער אַליין צו זיך גערעדט און געוואָלט פון זיך אָפּטרייבן יעדע ערינערונג.

אָפּגייענדיק אַ וויאָרסט ווייטער פון שמיד, איז ער צוגע-קומען צו אַ גרויס, כמעט ליידיק הויז, וואָס איז זיך ברייטלאַך געשטאַנען אין וואַלד און געקוקט מיט אַ סך פענסטער אין דער שטומקייט אַרום.

אין הויז האָט געלעבט דער „באַוואַקסענער בער", אַזוי האָט מען גערופן דעם אַלטן פרידלאַנדס זון.

פרידלאַנד האָט געהאַקט ביי די פּאַטאָצקיס די וועלדער און איז געווען זייער רייך.

זיינע אַלע קינדער האָבן שטודירט אין אויסלאַנד, אויסגע-וואַקסן זיינען זיי געבילדעטע, רייך געקליידעטע, מיט גאָר אַנדע-רע מאַניערן, נאָר איין זון איז געוואָרן אַ וואַלדמענטש.

טעג און נעכט אָפּגעלעגן אין וואַלד און בלויז אויף יום-טוב פלעגט ער אַרויספאָרן פון דאַנען.

קיינער האָט אים נישט גערופן דער יונגער פרידלאַנד, ביי אַלעמען איז ער געווען „דער באַוואַקסענער בער", ווייל ער איז שטענדיק געגאַנגען אָפּגעלאָזן און פאַרוואַקסן.

אין די יונגערע יאָרן איז ער שוין מיטן טאַטן געפאָרן אין וואַלד און איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון די סאָסנעס. אויס-געוואַקסן איז ער מיט ברייטע פּלייצעס.

—מיין דעמב,—פלעגט דער אַלטער אויף אים זאָגן און שוועסטער-ברידער האָבן זיך מיט אים געשעמט, ווייל אין וואַלד האָט ער זיך קיין איין שפּראַך נישט אויסגעלערנט. ער האָט אַלע שטאָטישע זיטן פאַרגעסן...

איינמאָל, בעת אין שטאָט איז ביי די פרידלאַנדס געווען אַ באַל, איז פּלוצלונג דער „בער" פון וואַלד געקומען. ס'איז גע-

ווען ווינטער, איז ער געקומען אין אַ קאָזשוך מיט גרויסע שטיוול און אין אַ גרויס קאָזאַצקע היטל אויפן קאָפּ, און אין אַזאַ אויס-זען האָט זיך דאָס דער נפש באַוויזן צווישן די געסט. ס׳איז געוואָרן אַ טומל: פון קאָזשוך האָט זיך געהערט פריש געווייקטע לעדער און די שוועסטער זיינע האָט זיך אויף אים מיט כעס געוואָרפן:

—וואָלסטו זיך כאָטש איבערגעטון, ווילדע חיה!

און נאָך עטלאַכע מענטשן האָבן אים אויך גענומען זידלען.

דער „בער" איז אָבער געקומען צוליב געשעפט: עס זיינען געשטאַנען פּרעסט און פון וואַלד האָט מען איצט געקאָנט אַ סך האָלץ אַרויספירן. דער וועג איז געווען גרויסאַרטיק, ער באַדאַרף בלויז ביי סאַטן זיך עפּיס דערוויסן און ער לויפט צוריק צום באַן.

וואָס זיינען אים אָנגעגאַנגען זייערע בעלער?

—טפו!—האָט ער אַ שפּיי געטון אויף דער גאַנצער פּריי-ליכער געזעלשאַפט און איז אַנטלאָפן צוריק אין וואַלד.

פון דעמאָלט אָן איז שוין דער בער געזעסן אין וואַלד און האָט פיינט געהאַט די שטאָט.

איצט איז באָריס ראַקאָווסקי געגאַנגען צו אים. ער איז היינט דאָך געגאַנגען זיך מיט אַלעמען אָפּגעזעגענען. יאָ, פון פרודנע באַדאַרף מען אַוועקפאָרן. געגנוג זיך געזעטיקט מיט דער נאַטור...

צוגייענדיק צו דער שטוב, וואָס איז איינזאַם געשטאַנען אין וואַלד, האָט באָריס באַמערקט, ווי פון דאָרט איז אַרויסגע-לאָפן אַ פּוריעריש מיידל, אַ באָרוועסע, אַ פאַררויטלטע און אין פענסטער איז געשטאַנען דער „בער" און האָט געלאַכט צו דער פוירטע.

ער האָט באַמערקט באָריסן און איז אַרויס צו אים.

—וואָס מאַכט איר, לערער? וואָס האָט איר דאָרט אויסגע-לערנט אייער אסנה? אַ טייער מיידל, אייער אסנה, נאָר אַ שאָד, וואָס זי פלאָנטערט זיך מיטן סאַטין...

באָריסן איז עפּיס אומאַנגענעם געוואָרן און דער בער איז אָבער געווען זייער גוט געשטימט.

—אַ שאָד, אַ שאָד אַזאַ עפּעלע, איר זענט, ווייזט אויס, אַ שלעכטער לערער.

באָריס איז איבערגעגאַנגען אויף דעם בערס טאָן:

—כע, דאָ איז פון אַייך אַ מיידל אַרויסגעלאָפן.

—זי איז פון דאָרף און איך לעב אין וואַלד. וואַלד און דאָרף זיינען גרויסע מחותּנים, קיין צערעמאָניעס ווייסן מיר נישט.

באָריס ראַקאָווסקי האָט געקוקט אויף דעם פּראָסטן געזונטן מענטשן, אויסגעהערט זיינע נישט זייער כּשרע ווערטער און איז אים מקנא געווען. אַ שטראָם דופּטיקע לופט איז דורכגעגאַנגען אין וואַלד. ערגעץ האָט אַ פייגל אויסגעטרעלט זיינע עטלעכע טרעלן, אַ ווערערקע האָט לוסטיק אַ קוויטש געטון.

„באַטור", האָט באָריס צו זיך איראָניש געשמייכלט און עס האָט זיך אים שוין געוואָלט שפּרייזן ווייטער. ער האָט זיך אָפּ-געזעגנט מיטן בער און איז אַוועק.

ער איז געגאַנגען און האָט געטראַכט וועגן זיין פּלאַן אַוועקצופאָרן. דער וואַנדערער האָט זיך אין אים ווידער אויפ-געוועקט און עס איז אים פריילאַך געוואָרן.

נייע שטעט, נייע מענטשן. אַ גרויסע שטאָט מיט אירע טויזנטער צווייפיסיקע צעטומלען אַזוי דעם קאָפּ, אַז מען הערט אויף זיך אַליין צו פילן און דאָס איז דאָך דאָס בעסטע, וואָס מען דאַרף פאַרלאַנגען.

זיך אַליין נישט פילן.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעלאַכט. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען אַ גרויסע שלאַנקע סאָסנע, פּונקט ווי זי וואָלט אים דעם וועג פאַרצוימט.

באָריס האָט אַ הויב געטון זיין דובינע מיט זיין גאַנצער קראַפט און אַ זעץ געטון דעם בוים. איין העלפט פון זיין שטעקן איז געבליבן ביי אים און די צווייטע העלפט איז ערגעץ פאַר-שוואונדן געוואָרן צווישן די ביימער.

אָט אַזוי האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיטן וואַלד.

פאַרנאַכטצייט איז ער שוין געגאַנגען צוריק קיין פּרודנע. ניט דערגייענדיק אַהין, האָט ער באַמערקט אויף אַ שטעגל פון וואַלד אַ רייטער. דאָס איז געפאָרן ניקאָלאַי סאַטין. מיט אימפּעט האָט ער זיך געיאָגט. צופאָרנדיק צו באָריסן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און כמעט ווי אַ געשריי געטון:

—וואו איז אסנה?!

—אין שטאָט אַוועקגעפאָרן!—האָט באָריס מיטן זעלבן טאָן געענטפערט.

דער סאַטין איז בלייך געוואָרן און אַ צי געטון דאָס פערד מיטן שפּיצרוט. דאָס פערד האָט אַ שפּרונג געטון און גענומען גיין גלייך אויף באָריסן. נאָר יענער איז געבליבן שטיין קאַלט און רוהיק, ביז סאַטין האָט זיך פאַרקירעוועט און מיטאַמאָל גענומען האַסטיק פליען.

דאָך, ווען באָריס איז צוגעקומען צום שטוב, האָט ער מיטאַמאָל ווידער דערפילט אַ ווייטיק. אסנה איז שוין נישטאָ, דאָס גאַנצע לעבן און פריילאַכקייט איז פון דאַנען אַוועק.

און אינווייניק, ביים רייכן ישובניק, זיינען שאָטנס אַרומגעגאַנגען, נישט קיין מענטשן. באָריסן איז שווער געווען מיט זיי צו פאַרבלייבן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַנק פאַרן הויז און איז אַזוי אָפּגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. אַלץ איז שוין געשלאָפן, נאָר די זשאַבעס האָבן מיט די דינע דיסקאַנטן געצויגן אַ לאַנגוויילקע סימפאָניע.

באָריס איז אַזוי אויפן באַנק אַנטשלאָפן געוואָרן און עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער רייט, רייט אויף אַ פלינקן, ווילדן פערד. ער אַליין קאָן אים שוין נישט איינהאַלטן און דאָס פערד טראָגט אים, וואו עס וויל. נאָר מאָדנע! דער וועג ענדיקט זיך נישט, דער וועג האָט קיין סוף נישט. און עס דאַכט זיך, אַז דאָס פערד אַליין קאָן זיך נישט איינהאַלטן. עס טראָגט אים אויף אַ גליטשיקן וועג, אויף אַ רונדן קוגל, וואו קיין אָנהאַלט איז נישטאָ...

אַט האַלט דאָס פערד נישט אויס, די פיס גליטשן זיך אויס, ברעכן זיך איבער און אַ סוף!

באָריס פאַלט אַראָפּ פון אַ גוואַלדיקער הויכקייט!

ער פאַלט באמת אַראָפּ און צוקלאַפּט זיך און פילט אַ ווייטיק אין די ביינער. פון צוקלאַפּן זיך כאַפּט ער זיך אויף און עפנט די אויגן: ער זעט, אַז ער ליגט אונטערן באַנק און אַרום איז נאַכט, די שטערן אין הימל סודען זיך: זיי האָבן זיך זייערע ענינים. פון וואַלד טראָגט זיך אַ לייכטער שאָרך, דאָס ווינטל שפּילט אויף די נאָדלען פון דיביימער... לייכט, לייכט!

באָריס פילט זיך אַזוי מיד, אַז אים פוילט זיך אפילו אויפצוהויבן פון דר'ערד און ווידער אַוועקזעצן זיך אויפן באַנק.

ער איז אַזוי געזעסן און געטראַכט פון זיין פאַרגאַנגנהייט, אויפגעבלעטערט און פאַרבלעטערט איין ערינערונג נאָך דער צווייטער. און עס האָט אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז שוין אַזוי אַלט, אַזוי אַלט...

שטענדיק טרעפט עס: ביינאַכט פילט מען זיך עלטער. נאָר אַט הויבן אָן די אויגן צו דערקענען סילועטן פון בוים און ביימלאַך און אַ שטראַל קריכט אַלץ נענטער און נענטער, ביז די ליכט רינגלט אַרום און עס לאָזט זיך דאָן אַ סך צום פאַרגעסן פון דער נאַכט...

יב.

באָריס ראַקאָווסקי איז געקומען אין שטאָט, עס האָט אים געצייגירט אַ קוק צו טון איצט אויף אסנהן. ווי זעט זי איצט אויס? זי האָט דאָך באמת ליב געהאַט דעם סאַטין.

ווען ער, באָריס, וואָלט געווען גלייכגילטיק צו אסנהן, דעמאָלט וואָלט ער געשטאַנען רוהיק פון דערווייטן און נחת געקליבן פון זייביידן: פון אסנהן מיטן סאַטין...

דאָס הויבט דאָך שוין אָן צו ווערן אַ שטיקל פאַרגאַנגנהייט און עס באַפאַרבט זיך שוין מיט די לייכט-טרויעריקע קאָלירן פון פריילעכן נעכטן.

די גאַנצע געשיכטע מיט דער פרודנע, מיט די וועלדער, מיט די פערד און מיט דאָס פאַרליבטע פּאָרל.

באָריס איז געגאַנגען אויף די גאַסן און אַלץ זיך אומגעקוקט פון הינטן, צי דער וואַלד זעט זיך נישט. אין די לאַנגע זומערדיקע חדשים האָט ער זיך אַזוי אָפּגעוויינט פון דער שטאָט, פון אַזויפיל מענטשן.

פון דאַנען וועט ער אויך אַוועקפאָרן, נאָר אסנהן וויל ער זען. און אַ גרוס האָט ער פאַר איר פון אירע, פון פרודנע...

זי איז נישט געווען אינדערהיים ביי אירע קרובים, האָט באָריס אויף איר אַ ביסל געוואַרט.

דערווייל האָט ביי אים אסנהס מומע עטלאַכע מאָל שוין געפרעגט:

—וואָס איז דאָרט געווען אין פרודנע מיט דער אסנה? זי איז דאָך געקומען גאָר אַן אַנדערע, האָט אויפגעהערט צו זינגען, האָט אויפגעהערט צו שפּרינגען, ווי אַ מענטש קאָן זיך דאָס בייטן!

באָריס האָט זיך געסטאַרעט אַרויסצודרייען, נישט געוואָלט דערציילן וועגן פרודנע און ער האָט גאָט געדאַנקט, בעת אסנה איז שוין אָנגעקומען.

אין אירע גרויסע פריילאַכע אויגן האָט זיך אַן עקשן באַזעצט, אַ שטאָלצער אומעט, נאָר צו באָריסן האָט זי געשמייכלט.

—איר פאָרט ווייטער, נאָך ווייטער? אַ גליקליכער מענטש איר זענט.

עפּיס איז שוין געלעגן אין איר שטאָטישעס, פאַרטראַכטעס.

נאָך מיטאָג איז באָריס אַוועק מיט איר שפּאַצירן. אסנה איז געוואָרן ריידעוודיקער און דאָ דערהערט באָריס פון איר:

—איר ווייסט, ער איז דאָ פאַראַן, אין שטאָט.

—ווער?—האָט באָריס דערשראָקן אַ פרעג געטון, פּונקט ווי דאָס וואָלט אים זייער שטאַרק אָנגעגאַנגען.

—ניקאָלאַי סאַטין...

באָריס איז שטיל געוואָרן. זיין איינגערעדטע רוהיקקייט איז מיט איינמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן.

וואָס איז געשען? וואָס אַרט דאָס אים? אַזאַ נאַרישער עגאָאיזם. באָריס האָט איצט דערפילט, אַז ער האָט זיך געהאַט באַרוהיקט נאָר אויף איין געדאַנק: „נישט מיר, נישט סאָטינען" און איצט איז ער דאָ ווידער אין שטאָט, ווידער נעבן אסנהן. אַ שטיק בליי, אַ ברענענדיק שטיק בליי איז אים אַראָפּגעפאַלן אויף דער נשמה.

נאָר אסנה האָט אים באַלד לייכטער געמאַכט. זי האָט דערציילט:

—באַלד ווי איך בין אַוועקגעפאָרן, איז ער אויך אַראָפּגעקומען אַהער. ער האָט זיך דערוואוסט, וואו איך לעב און יעדן טאָג געקומען אַהער, געפרעגט אויף מיר. איך האָב אָבער אָנגעזאָגט מיינע קרובים, זיי זאָלן אים נישט אַריינלאָזן, האָט ער שוין אויפגעהערט צו קומען. שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז ער קומט אין שיינק, אין קאַבאַרע און שכורט, מאַכט סקאַנדאַלן, ער איז שוין באַוואוסט מיט זיינע סקאַנדאַלן אין דער גאַנצער שטאָט.

—ער שכורט און איך ווער אַלץ ניכטערער. כע-כע! אַ פריצטע האָט זיך מיר געוואָלט ווערן, אַ פריצטע...

זיי זיינען געגאַנגען און געשוויגן. עס איז שוין געווען עק שטאָט. קליינע איינשטאָקיקע הייזער מיט גערטלאַך זיינען דאָ געשטאַנען, ביי אַנדערע הייזער זיינען, ווי שומרים, געשטאַנען אַ ריי טאָפּאָלן, אַ ריי שלאַנקע בעראָזקעלאַך. אין די גערטנער איז שוין ליידיק געווען, נאָר די געקרייזטע קאָלינעס האָבן גערייצט מיט זייערע רויטע פילפאַכיקע יאַרמאָלקעס. וואו-נישט-וואו האָבן זיך זונרויזן געצויגן צום הימל, ווי גרויסע מעשענע צדקהטעלער. אינדערהויך אין הימל שוועבט אַ שטיקל וואָלקן און געפינט זיך קיין אָרט נישט אין דער אומענדלאַכער בלויקייט. פון פעלד קומט אַ קיל ווינטל און פרישט אָפּ די געגנט.

—איר ווייסט וועמען איך בין מקנא?—רופט זיך אָן אסנה. באָריס פרעגט נישט וועמען, אסנה ענטפערט אַליין:

—רבקהלען, דעם סעדערס טאָכטער. זי האָט אַ קאָפּ און

אַ האַרץ אָנגעפילט מיט ראָמאַנען, מיט מאָדנע לעגענדעס און די לעבּט מיט דעם.

—פּרודנע,—האָט זי ווידער אָנגעהויבּן ריידן,—איז פאַר מיר שוין געשטאָרבּן און דאָ, אין האַרצן, איז אויך עפּיס געשטאָרבּן.

זיי זיינען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן און שווייגנדיק געגאַנגען צוריק. צוקומענדיק צו דעם הויז, וואו אסנה האָט געלעבּט, האָבּן זיי זיך אָפּגעשטעלט און ווידער גענומען ריידן. באָריס האָט דערציילט וועגן זיינע פּלענער...

—דאָס זיינען אייגענטלאַך פּלענער אָן פּלענער. איך וועל רייזן, קוקן און באַטראַכטן, וואָס עס טוט זיך אויף גאָטס וועלטל.

אסנה האָט, דאַכט זיך, נישט געהערט וואָס ער רעדט, ווייל זי האָט אָנגעהויבּן ריידן וועגן אירס.

—אין יענעם משוגענעם אָוונט, בעת איך בין אַנטלאָפן פון די סאַטינס, פון טאַטן בין איך, דאַכט זיך, אַליין פון זיך אַנטלאָפן: איך בּ'ין נישט מער. צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז דאָס אַלץ איז גאָרנישט געווען. עפּיס אַ שטורם האָט מיך דורכגעבראָכן...

באָריס האָט אויף איר געקוקט און געשוויגן. ער האָט געפילט, אַז זי ליידט שטאַרק און סטאַרעט זיך אַליין צו באַקעמפן.

נאָר טרייסטן האָט ער נישט געוואָלט און נישט געקענט.

אָפּשווייגנדיק ווידער אַ קורצע צייט, האָט זיך באָריס אָפּגערופן, ווי צו זיך אַליין:

—איר האָט אַמאָל פון מיר געלאַכט, אסנה! איך בין פון פערד אַראָפּגעפאַלן.

אסנה האָט זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט און כמעט אַ לאַך געטון:

—דאָס איז געווען אַ פיין בילדל, איך האָב אַזויפיל געלאַכט. עס איז געווען פון וואָס צו לאַכן.

באָריס האָט אויף איר אַ קוק געגעבּן און עס האָט אים פאַרדראָסן:

אסנה.

—און איר, אסנה? איר האָט דאָך אַזוי גוט געריטן אויף אײַער סולטאַן... און אויך אַראָפּגעפאַלן.

איצט האָט זי אויף אים אַ קוק געגעבן:

—שוין נאַכט באַלד. אין שטוב וואַרט מען אויף מיר, זייט געזונט, פאָרט געזונט!

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און איז אויף גיך אַריין צו זיך.

באָריסן האָט עס געקרייַנקט: ער האָט געוואָלט זיך מיט איר וואַרימער געזעגנען.

ער איז נאָך געשטאַנען אַ פּאָר סעקונדן אויף דעמזעלבן אָרט און האָט אַרייַנגעקוקט אין דער נאַכט, וואָס האָט זיך אָנגערוקט פון אַלע זייטן.

מיט לאַנגזאַמע טריט איז ער דער נאַכט געגאַנגען אַנטקעגן.

דער וואַלד.

נעבן אַ געדיכטן וואַלד איז דאָס שטעטל מישלאָווקע געלעגן און אינאיינעם מיטן וואַלד האָט דאָס שטעטל געשלאָפן.

פלעגט טרעפן אַ גרויסער ווינט, פאַלן דעמאָלט אום עטלאַכע ביימער און אויף מאָרגן זינגט דער וואַלד ווידער, ווי אַ נייגעבאָרענער. שטאַרבט ווער אין שטעטל, איז דער בית-עולם אַזוי נאָנט, אַז דאַכטן פלעגט, אַז דער פאַרשטאָרבענער פילט, לעבט-מיט און זעט, וואָס אין שטעטל טוט זיך, נאָר ער וויל זיך נישט אַריינמישן.

נידריק זיינען די הייזלאַך אין מישלאָווקע, די דעכער פאַרדעקט מיט שינדלאַך, אויף וועלכע עס וואַקסט מאָך. אַ פאַרבייפאָרער פלעגט טראַכטן, אַז דער ערשטער ווינט וועט די הייזלאַך אַוועקלייגן. דאָך, אַ דור נאָך אַ דור זיינען אַוועק און די הייזלאַך זיינען שטיין געבליבן.

די טאַטעס זיינען פאַרזאָרגטע מענטשן און האָבן איבער די דערפער געוואַנדערט, נאָר די קינדער, די שטיפערס, פלעגן גאַנץ אָפט אין וואַלד פאַרברייגגען און אויף די ביימער האָבן

זיי געקלעטערט, מיט די שקצים פלעגן אַוועקגיין צום זומפּ און דאָרט שרעקן די ווילדע קאַטשקעס.

יאָרן זיינען געלאָפן. דער וואַלד האָט זיך נאָך העכער און ברייטער פאַנאַנדערגעוואַקסן און די הייזלאַך האָבן זיך נידריקער איינגעבויגן.

אין יענער צייט איז אין שטעטל אַ רייכער סוחר צו קבר-אָבות געקומען.

ער האָט זיך פאַרוואונדערט, וואָס אין דער געגנט איז פאַראַן אַזאַ שיינער און טרוקענער וואַלד און וואָס קיינער וויס נישט פון אים. ער האָט צוגעזאָגט איבעראַיאָר צו קומען קיין מישלאָווקע אויף זומערוואוינונג.

און מישלאָווקע איז באַרימט געוואָרן. די נידעריקע הייזלאַך זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן און עס האָבן זיך באַוויזן הויכע נייע הייזער. פאַר יעדן הויז אַ גאַניק מיט אַ גערטל. אין אַלע שטעטלאַך פון יענער געגנט האָט מען געוואוסט, אַז „מישלאָווקע לעבט פון וואַלד".

דער ווינטער גייט אַוועק. עס הויבן זיך אָן די וואַרימע טעג און אינאיינעם מיט פייגלאַך קומען די שטאָטישע געסט. וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ פריי ווינקל, פאַרדינגט מען עס און אַליין קריכן די מישלאָווקער אַרויף אויף די בוידעמס.

אויף די ליעטניקעס וואַרטן אַלע: פון אברהם סטאָליאַר, וועלכער האָט דריי הייזער אין שטעטל, ביז דעם אָרימען שמש פון שול. עס וואַרט אויך די חברה-קדישא: איבערן סעזאָן מאַכן זיי עטלאַכע קונדן.

אין וואַלד דערשרעקן זיך די וועווערקעס און די פייגלאַך הערן אויף אַ קורצע צייט צו זינגען, נאָר ביסלאַכווייז ווערן זיי צוגעוויינט צום נייעם טומל. די קינדער פון שטעטל אַנטלויפן פון חדר אין וואַלד און זיי קוקן זיך איין אויף די שטאָטישע קינדער, וועלכע שפּילן זיך מיט אַזעלכע מאָדנע צאַצקעס.

פאַרשידענע בילדער זעען זיי אין וואַלד: אָט ליגט אויף אַ האַמאַק אַ יונגער בחור, אַ דאַרער, אַ בלאַסער. נעבן אים שטייט זיין מוטער און בעט אים, ער זאָל טרינקען אַ גלאָז מילך,

נאָר דער בחור ענטפערט נישט און קוקט ערגעץ ווייט דורך די ביימער. „דאָס איז אַ קראַנקער", מורמלען די קינדער, „ער וועט אינגיכן שטאַרבן". זיי ווייסן דאָס שוין, פאַראַיאָרן איז אויך געווען אַזאַ איינער, סוף זומער איז ער געשטאָרבן.

אין אַ צווייטן אָרט, נעבן אַ בוים, זיצט אַ סטודענט מיט אַ יונג מיידל, באַנט צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. די קינדער באַטראַכטן די קנעפּ פון סטודענטס ראָק און די צוויי העקעלעך אויף זיין היטל, דערנאָך אַנטלויפן זיי און לאַכן: „זיי האָבן זיך געקושט".

און דער וואַלד זינגט אַ גאַנצן טאָג, קינדער פאַרגלייכן זיך מיט פייגלאַך: ווער זינגט העכער?

*

פאַרנאַכט וואַרט יעדע בעל-הביתטע אויף איר בהמה. די קינדער טראָגן אַרויס פאַרן הויז דעם צעבער מיט די קלייען און די מאַמעס מעלקן מילך פאַר די דאַטשניקעס:

—זיי קומען דאָך שוין באַלד צוריק פון דער פאַשע,— ווינטלען זיך די מישלאָווקער איבער די ליעטניקעס.

עס קומט אָן די נאַכט. שוואַכערע מענטשן לייגן זיך שלאָפן און די איבריקע פאַרברייגגען נאָך אויף די גאַניקעס. אַנדערע גייען אַוועק צום טייך, יאַנקעל דער אַריבערפירער מוז געבן אַ שיפל. מען שיפט זיך און מען זינגט אינמיטן דער נאַכט. פלוצלונג באַמערקט מען אַ פייערל: דאָס שווימט אַ פליט און יאַנקעל גיט אַ זיפץ: „אַך, מען האַקט אויס די וועלדער, מען האַקט אויס".

אַמאָל זיינען דאָ צענדליקער, הונדערטער וויאָרסטן מיט וואַלד פאַרדעקט געווען, סאַרנעס פלעגן אַרומלויפן אויף די פעלדער... און היינט ווערט וויסט די געגנט.

דער פליט שווימט פאַרביי, ביים פייערל זיצן עטלאַכע פויערים און שמועסן. עס ווערט אומעטיק און די ליעטניקעס איילן שוין אַהיים.

זיי גייען אַרויס פון שיפל און ווילן באַצאָלן יאַנקלען.

—זאָל זיין,—זאָגט ער,—מען וועט זיך שוין מאָרגן אויס-

רעכענען. און ער בינדט צו דאָס שיפל צום ברעג.

עס שלאָפט דאָס שטעטל, צווײ װעלטן רוען; אײנע חלומט פון פאַרגעניגנס, די צווײטע—פון פרנסה... און אַ גוטער מלאך װיגט זײ אַלעמען אײַן און זאָגט זײ אַלצדינג צו. די לבנה שווימט אַרויס אויף דער ברייטער גאַס און קוקט אויף דער שול, אויף די הײזלאַך... קײנער איז נישטאָ, אַלע שלאָפן שוין.

נאָר אָט עפנט זיך אַ טיר און אַ קנאַקערײ פון טרוקענעם האָלץ כאַפּט זיך אַרויס אין גאַס. דער בעקער איז אַרויסגעגאַנגען אַ ביסל זיך אָפּקילן. ער איז אָנגעטון אין װײסן, װי אַ מת, שטײט ער אַזױ אַ װײלע, קוקט אויף די שלאָפנדיקע הײזלאַך, אויף די שטערן און די שטערן קוקן אויף אים. דערנאָך דערלאַנגט ער אַ גענעץ און גײט צוריק אַרײַן צום אויוון.

*

אָנפאַנג הערבסט איז שוין אין שטעטל קײנער נישט געװען פון די ליִטניקעס, אויסער דעם קראַנקן בחור, װעלכן מען פירט אַלעמאָל אַרויס זיך װאַרימען אויף דער זון. זיצט ער און קוקט מיט גלײַכגילטיקע אויגן אויף גאָטס װעלט. די מישלאָװקער זיפּצן אָפּ, װען זײ דערזעען אים.

דאָס שטעטל איז געװען פאַרנומען מיט מאַכן אַ סך־הכּל נאָך דעם זומער: דערלײגט האָט קײנער נישט... מען האָט שוין געהאָפּט אויף דעם נײַעם זומער, יעדעס יאָר קומען אַלץ נײַע ליִטניקעס.

פּלוצלונג האָט זיך אַ שלעכטע בשורה פאַרשפּרײט. בײַ הערצקע דעם שײנקער איז געזעסן דער װאָיט מיט עטלאַכע מיעשטשאַנעס, און װען הערצקע האָט זײ דערלאַנגט ביר, האָט אים דער װאָיט אַ פרעג געטון:

—דו װײסט שוין, הערצקע? דעם װאַלד האָט מען פאַרקױפט.

—װאָס הײסט, פאַרקױפט?—האָט אים הערצקע איבערגעפרעגט.

-- מען האָט פאַרקױפט און אַ סוף! עס זײַנען געקומען סוחרים, מען האָט באַטראַכט און געמאָסטן...

די בשורה האָט אַלעמען איבעררּאַשט. פיל האָבן נישט געגלויבט, פיל האָבן נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך:

—וואָס הייסט, פאַרקויפט דעם וואַלד?—האָט איינער בײַם צווייטן געפרעגט און עס איז זיי מאָדנע אויסגעקומען די גאַנצע זאַך, פונקט ווי מען וואָלט גענומען און פאַרקויפט דעם הימל.

מען איז אַלץ געבוי דערגאַנגען. די רעגירונג האָט דעם וואַלד פאַרקויפט און אָנהויב ווינטער האָט מען אים גענומען אויסהאַקן.

מישלאָווקע האָט געשיקט פּראָשעניעס, מען האָט געוואַרט און די ביימער פון וואַלד זיינען אַלץ מער געפאַלן.

פייגלאַך זיינען געקומען צופליען פון די ווייטע לענדער אָבער זייערע נעסטן האָבן זיי שוין נישט געפונען. דער אַלטער וואַלד איז פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פאַרשוואונדן.

די מישלאָווקער זיינען פאַרזאָרגט געזעסן אויף די גאַנקעס און ביי יעדן בוים, וואָס פאַלט איין מיט גערויש, רייסט זיך צרויס אַ זיפץ ביי זיי:

—מיר האָבן פאַרזינדיקט, האָבן זיי צווישן זיך גערעדט.

עס זיינען די ערשטע ליעטניקעס זיך אָנגעפאָרן, נאָר ווי זיי זיינען דערגאַנגען, אַז דעם וואַלד האַקט מען אויס, האָבן זיי זיך באַלד אָפגעזעגנט און פאַרלאָזט מישלאָווקע.

נישטאָ מער קיין פרנסה, די הייזער שטייען ליידיק, נישטאָ מער קיין האָפנונג...

פרי־פרילינג.

עס איז מיטאַמאָל אַזוי ליכטיק און לעבעדיק געוואָרן אין שטעטל. איבגאַנצן מיט צוויי טעג צוריק איז דאָס וועטער וואַרימער געוואָרן און דער טייך האָט זיך גערירט. עס וואַלגערן זיך נאָך איצט ביים ברעג שטיינער אוןביימער, וואָס דאָס וואַסער האָט אויסגעריסן און דער טייך איז נאָך גענוג הויך, נאָר עס איז שוין פרילינג. אַ וואַרים ווינטל בלאָזט און טריקנט אויס די לעצטע בלאָטעס אין יאַנאָווצע. טיר און פענסטער זיינען אָפן און אין יעדן הויז גייט אַן אייליגדיקע אַרבעט: נאָך עטלאַכע טעג איז שוין פסח. עס פלאַטערן פאַר די אויגן רויטע און בלויע פערענעס, און אַז עס פלאַצט ביי וועמען אַ קישן אָדער אַ פערענע, רייסט דאָס ווינטעלע אַרויס אַ הויפן פעדערן און טראָגט עס אַרויף אין דער לופטן. יואל דער מלמד האָט שוין פאַנאַנדערגעלאָזט די קינדער, איז ער פלוצלונג געבליבן עפּיס אַזוי, ווי אַן איבעריקער אויף גאָטס וועלט. ער געפינט זיך קיין אָרט נישט: אינדערהיים איז שמוציק און דאָס ווייב זידלט זיך און בייזערט זיך אויף יעדן טריט און שריט. האָט ער זיך געלאָזט

איבערן שטעטל אויפמאָנען אַ פּאָר רובל; לאָזט מען אים אָבער אין ערגעץ נישט אַריין: מען וואַשט, מען שייערט. שפּאַצירט ער זיך אַזוי לאַנג, ביז ער קומט צו צו די גערטנער, בויגט ער זיך אַראָפּ אַ צווייגל און קוקט אויף די קנאָספּן: פון טאָג צו טאָג ווערן זיי גרעסער. ער האַלט דאָס צווייגל אין האַנט און קוקט זיך אַרום, צי קיינער זעט אים נישט. ער ווייס נישט אַליין, וואָס דאָס איז מיט אים: ווי עס קומט אָן דער פרילינג, דערפילט ער אַ מאָדנע פרייד, אַ פרייד, וועגן וועלכער ער האָט נאָך קיינמאָל קיינעם נישט דערציילט, ער שעמט זיך צו ריידן וועגן דעם, ער ווייס, מען וועט פון אים לאַכן... און איצט, ווען ער קוקט אויף די קנאָספּן, דערמאָנען זיי אים די שנעבעלאַך פון די יונגע פייגלאַך. ווען ער וואָלט זיך נישט שעמען פאַר זיך אַליין, וואָלט ער זיי געקושט. אויף די פעלדער גרינט שוין, נאָר יואלן שרעקט די פוסטקייט פון די פעלדער; ער האָט ליב דעם פעלד אינמיטן זומער, ווען די זאַנגען הויבן זיך אויף הויך און אַרום הערט מען פייגל זינגען, בינען זשומען. איצט איז דאָ אַלץ שטום, אַלץ איז אין ערוואַרטונג.

דורך די גערטנער גייט ער אַוועק הינטן־אַרום צום טייך, אויפן וועג געפינט ער אַ מושלע, נעמט ער עס אין האַנט, קוקט לאַנג אָן, און דערנאָך לייגט ער עס לאַנגזאַם אַוועק אויף דער ערד אָן אַ זייט און ער טראַכט דערביי: זאָל עס די זון דערוואַרימען, עס וועט זיך אויפכאַפּן, עס וועט לעבן און אַרומקריכן אויפן גראָז. ביים טייך שטייען פיל ווייבער און מען שייערט שאַפּקעלאַך, גראַטקעס און טישלאַך. דאָס זיינען די אָרימערע פון שטעטל, די, וואָס קאָנען נישט צאָלן דעם וואַסערטרעגער.

עס האָט שוין געטראָפן אַמאָל, אַז די ווייבער האָבן איבערגעלאָזט אַ ביסל מעבל ביים ברעג ביז מאָרגנדיקן טאָג. דערווייל האָט זיך ביינאַכט דאָס וואַסער אויפגעהויבן און אַלץ אַוועקגעטראָגן. יואל וואָלט איצט וועלן נעמען אַ שיפל און זיך שיפן אַ ביסל, נאָר פּאַסט עס דען פאַר אַ מלמד, פאַר אַ טאַטע פון קינדער? אָבער דאָ דערזעט ער בענדעטן דעם אַריבערפירער. בענדעט וויל אַריבערפאָרן אויף יענער זייט, גייט שוין יואל

אַריין צו אים אין שיפל און זיי פאָרן צוזאַמען און יואל שמייכלט, און רעדט צו בענדעטן:

—ווילאַנג איז דאָס געווען, בענדעט, ווילאַנג, האָבן מיר ראָ ביידע געשטיפט?

—עט! דאָס לעבן איז אַ ווינט!—ענטפערט בענדעט און דאָס שיפל פליט אויפן הויכן וואַסער...

צוזאַמען מיטן פריילינגס-ווינטל, מיט די פאַרביקע פערענעס אויף די גאַנקעס; צוזאַמען מיט די גרויסע קוישן מצה, וואָס מען טראָגט אַלע ווילע דורך איבערן גאַס, האָבן זיך שוין אויך באַוויזן די סאַמע באַוואוסטע לייט פון יאַנאָווצע, וואָס אַ גאַנצן ווינטער האָט מען זיי אַזוי ווייניק אָנגעזען. דאָס זיינען שרה-לאה די משוגענע, ראָמאַן דער שטומער פאַסטוך און יאַנעק דער קוימענקערער. שרה-לאה די משוגענע גייט אַרום פון איין געוועלב אין צווייטן און רעדט פון פסח. זי האָט, זאָגט זי, צו פרעגן מער ווי פיר קשיות: פאַרוואָס וויל מיט איר קיינער נישט חתונה האָבן? פאַרוואָס? זי לאָזט קיינעם נישט צורו, מען אַנטלויפט פון איר, יעדערער איז איצט פאַרנומען. ראָמאַן קלויבט צונויף דאָס שטרוי, וואָס מען וואַרפט אַוועק, און ער טראָגט עס•ערגעץ אַוועק. נאָר מער פאַר אַלעמען קערט וועלטן יאַנעק דער קוימענקעריער; ער שטייט אויפן קוימען און שרייט אַראָפ צו די בעלי-בתים, וואָס גייען פאַרביי, מען זאָל אָנגרייטן ווייַן און מצה פאַר אים, וועט ער דערפאַר גוט אויסקערן דעם קוימען. עמיצער גיט אַ געשריי צו אים:

—יאַנעק, די שטוב פאַלט איין! יאַנעק שטעקט אַרויס אַ רויטע צונג און לאָזט אַראָפ דעם בעזים אין קוימען; ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט אויסער פאַר זיין יאַנאָווען. אַז ער טרעפט דעם וואָיט אָדער דעם פיסאַר, זידלט ער זיי מיט די ערגסטע ווערטער; נאָר דערפאַר לעבט ער גוט מיט די קינדער, וועלכע לויפן אים שטענדיק נאָך, בשעת ער איז שוין גוט „באַגלעזלט”. יאַנעק איז געווען אַ סאָלדאַט אַמאָל, און אין די שכורע

שעהן רופט זיך אין אים אָפּ דער אַמאָליקער איש-חיל: ער שטעלט די קינדער אויס ווי סאָלדאַטן און אַליין נעמט ער דעם בעזים „נאַ פּלעטשאָ!“ און הויבט אָן מאַרשירן מיט זיי איבערן מאַרק; די קינדער בויגן זיך ביז דר'ערד פאַר געלעכטער, נאָר ווייזט אויס, דאָס שפּיל געפעלט זיי. ווען יאַנעק קומט צו מיט זיי צו זיין הייזל, ווייזט ער מיטן פינגער, עס זאָל זיין „שאַ!“, ווייל דער שונא איז נאָענט. און דער שונא, דאָס איז יאַנאָווע, באַווייזט זיך באַלד און הויבט אָן שילטן. יאַנעק שרייט צו איר:

—מכשפה, וואָס ווילסטו?

אין איין מאָמענט איז שוין די אַלטע נעבן יאַנעקן און זי סטאַרעט זיך אַרויסרייסן ביי אים דעם בעזים; ער ראַנגלט זיך מיט איר און זי ציט פון זיינע הענט דעם לאַנגן שטעקן, ביז ער פאַלט אויף דר'ערד. די קינדער, דערזעענדיק אַז זייער גלית איז געפאַלן, לויפן זיי באַלד אַוועק און יאַנאָווע מיטן בעזים יאָגט זיי נאָך. איצט זיינען די קינדער פריי, עס איז ערב-יום-טוב, זיי מעגן אַכלויפן יאַנעקן מיט שרה-לאהן, קיינער וועט זיי נישט שטערן, גלע זיינען פאַרנומען...

שטענדיק ערב-פּסח קומט אין יאַנאָווצע צופאָרן אַ ייד מיט אַ גרויסן וואָגן, אין וועלכן עס ליגט פאַרפּאַקט אין שטרוי אַלער-ליי טעלערלאַך און שיסעלאַך. ער פאַרקויפט עס נישט, נאָר ווי ער באַווייזט זיך אויפן מאַרק, הויבט זיך אָן אַ טומל. קינדער לויפן צו די מאַמעס און זאָגן אָן אַ בשורה: דער ייד מיט די טעלערלאַך איז אָנגעקומען. נעמען די מאַמעס צונויפקלויבן די שמאַטעס, וואָס אין שטוב איז פאַראַן; פאַר אַ בערגל שמאַטעס גיט דער ייד אַ טעלער, פאַר אַ גרעסערן בערגל—אַ טעלער, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעמאָלט בלומען און עס זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע גליקלאַכע, וואָס ברייגען אַזויפיל שמאַטעס, אַז זיי באַקומען פון דעם יידן צוויי טעלער און דערצו נאָך אַ שיסעלע. און עס ציען זיך פון אַלע געסלאַך, פון אַלע הייזלאַך יונג און אַלט מיט פּעקעלאַך שמאַטעס. דער ייד באַווייזט זיינע טעלער,

וועלכע רייצן דעם עולם, מען קריכט אויף דיביידעמס, מען זוכט אויס פון אונטער דער ערד שמאַטעס פאַרן ייד: אָט ברייגגט אַן אַלטע יידענע אַ פעקל שמאַטעס, דער ייד צעוואַרפט עס אויף דר׳ערד און די יידענע דערקענט אַ שטיקל שטאָף פון איר חתונה-קלייד. זי נעמט עס אָן אין האַנט און שאָקלט מיטן קאָפּ און באַדויערט זיך אַליין: אַ יאָר נאָך אַ יאָר און דאָס לעבן איז אַנטלאָפן. אַ פולן וואָגן שמאַטעס האָט שוין דער ייד אָנגעפּאַקט, דאָס זייבן טויזנטער חלומות, צענדליקער יאָרן אין שמאַטעס פאַרוואַנדלט געוואָרן. די יידענע איז זיך מישב, זי זויל נישט אָוועקגעבן דאָס לעצטע, וואָס עס איז איר געבליבן פון איר יוגנט, די לעצטע ערינערונג. נאָר דער ייד שטייט איבער איר, ווי דער מלאך-המות און שרייט:

—נו, וואָס קלערט איר? אַ טעלער מיט בלומען איז גענוג פאַר אייער ביסל שמאַטעס. דאָס טעלערל מיט די בלומען רייצט, די יידענע גיט אָפּ איר פעקל און דער ייד וואַרפט עס גלייך אַריין אין וואָגן צו די איבעריקע שמאַטעס. איבעראַיאָר וועט ער ווידער קומען און צונעמען דאָס, וואָס עס וועט בלייבן פון פיל חלומות און האָפנונגען. נאָר איצט שיינט די זון, אין די הייזלאַך איז שוין ריין און ליכטיק, אַ דאַנק דעם יידן, וואָס ער האָט צוגענומען די שמאַטעס: עס דאַרף זיין יום-טובדיק אין יעדן ווינקעלע און דאָס טעלערל, וואָס מען באַקומט פון יידן, שטייט אויפן שענסטן אָרט און לייכט און רייצט...

הערבסט.

כ׳בין אַליין געבליבן אין דעם רוהיקן דאָרף ביים ברעג פון ווייכסל. די איבריקע געסט, וואָס קומען דאָ פון שטאָט, זיינען זיך אַלע שוין צופאָרן, און מיט זיי איז אויך אַוועקגעפאָרן די יונגע סטעפי. דערמאָן איך זיך דאָס רונדע קעפל מיט די לאַכנדיקע אויגן, ווערט מיר אומעטיק און איך געפין זיך קיין אָרט נישט. וואו איז זי דאָרט איצט אין דער גרויסער שטאָט? ווער שפּאַצירט מיט איר? דאָ, אין דאָרף, בין איך געווען איר איינציקער קאַוואַליער, מיט קיין אַנדערן האָט זי נישט געוואָלט גיין און שטענדיק וועל איך איר דאַנקבאַר זיין פאַר דער פאַרטרויונג צו מיר...

עס שטייען גאָלדענע ליכטיקע טעג. עס איז ענדע זומער און אָנפאַנג הערבסט; אויפן בערגל, ביים טייך, וואַקסן עטלאַכע אַלטע ביימער און פון ווייטן זעט מען, ווי יעדן טאָג ווערן זייערע קעפּ אַלץ ברוינער און רויטער, אַ ווינט וועט אַ בלאָז טון און בלעטער וועלן אָנהויבן פאַלן: האַלב-גרינע, האַלב-געלע בלעטער. נאָר דערווייל איז קיין ווינט נישטאָ, די נאַטור

איז זעלטן רוהיק, דער הימל מיט זיינע ווייסע וואָלקנס שפיגלען זיך אין טייך און עס ווילט זיך נישט אַוועקגיין פון דאַנען, כאָטש איך האָב צוגעזאָגט סטעפען אַ סך, אַ סך צו אַרבעטן. דאָס צימער מיינס בלייבט אַ גאַנצן טאָג ליידיק און ווען איך קום אַהין אַריין, קוקן אַראָפּ פון וואַנט סטעפעס אויגן, זי וויל זיין ערנסט, נאָר זי שמייכלט, שמייכלט און שטראָפט מיך...

וואָס בין איך שולדיק? די נאַטור איז איצט אַזוי פויל און אונרוהיק געוואָרן און איך טו איר נאָך. איינדערפרי, ווי איך כאַפּ זיך נאָר אויף, פאַלט שוין אויף מיר אָן די פוילקייט, איין האַלבער צימער איז אין שאָטן, דער צווייטער איז אינגאַנצן באַגאָסן מיט זון און סטעפעס קעפל אויפן וואַנט איז אויך אין שטראַלן... גוטמאָרגן, סטעפע! עס גיט עפּיס אַ צי אין האַרצן, עט, נאַרישע ביינקשאַפט, הער אויף! איך לאָז זיך אַוועק איבערן דאָרף, דאָ און דאָרט הערט מען ווי פויערים דרעשען, עס קלאַפּן מאָנאָטאָן די דרעש-שטעקנס, עס ברוקעט אַ טויב אויפן דאַך און ווייטער איז שטיל אין דאָרף. אָט איז דאָס ווייסע הייזל, וואו סטעפע האָט געוואוינט: די פענסטער זיינען אָפן. איך גיי צו נעענטער און קוק אַריין: עטלאַכע קליינע קעצעלאַך שפּילן זיך מיט די פעדערלאַך פון אַ פייגעלע, וואָס די קאַץ האָט זיי היינט צו פרישטיק געבראַכט. און איין מאָמענט דאַכט זיך מיר אויס, אַז סטעפע וועט באַלד אַרויסגיין פון צווייטן צימער און פריילאַך צושפרינגען צו מיר! די טיר עפנט זיך אויף און איך דערזע פאַר זיך סטעפעס ווייסן שטרויענעם הוט, מיט וועלכן זי פלעגט זיך פון דער זון באַשיצן; דאָך נישט סטעפע טראָגט אים איצט, נאָר די קליינע יאַנקע, דעם פויערס טאָכטער—סטעפע האָט אים איר איבערגעלאָזט אַ מתנה. איר קעפל ווערט דערטרונקען אין דעם גרויסן קאַפּעליוש איבער די אויגן, זי באַפרייט זיך אַ ביסל, נאָר ווען זי דערזעט מיך, פאַרשעמט זי זיך און אַנטלויפט. איך גיי אַוועק פון דעם פאַרעלנטן אָרט: אין גערטל אַרום דעם הייזל לעבן נאָך די לעצטע זומערבלומען; די אַסטרעס לייכטן נאָך מיט זייערע ליכטיקע פאַרבן, די טולפּאַנעס בויגן זיך שוין צו דער ערד, און די הויכע שמאָלע קערפּערס

פון די מאַלוועס זעען איצט אויס ווי דאַרע אויסגעטריקנטע זקנות, וועלכע קאָנען שוין נישט זיפצן. אין אַ גאָרטן טרייסלט מען די לעצטע עפּל פון די ביימער, זיי פאַלן געשווינד אויף דר׳ערד, ווי זיי וואָלטן וועלן אַנטלויפן, אַנדערע באַהאַלטן זיך אין טיפן גראָז, נאָר די רויטע בעקעלאַך גיבן זיי אַרויס—געגונג זיך געוואַרמט אויף דער זון, איבערגעיאָר וועלן נייע עפּל בליען.

אַ שווערער וואָגן היי שלעפּט זיך לאַנגזאַם פון פעלד אין דאָרף אַריין, דאָס איז די לעצטע מתנה, וואָס דער זומער האָט געשאָנקען דעם פּויער, איצט איז שוין אין פעלד איינגאַנצן וויסט, נאָר דער טייך גלאַנצט פון ווייטן און ציט צו זיך... פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אַ קריפּע אויפן וואסער, דאָס פירט מען פון די אַרומיקע שטעטלאַך פּרוכט קיין וואַרשע. אויבן-אָן, אויף די עפּל און באַרנעס, ביי אַ שטרויעןביידל, זיצט איינגעהויקערט אַ ייד און עטלאַכע פּויערים פירן אָן די קריפּע. איינמאָל אין טאָג גייט דורך דער סטאַטעק; אויפן דעק פון שיף איז ליידיק און פון מיין דאָרף פאָרט קיינער נישט אַוועק און קיינער קומט נישט צופאָרן. עס ווערט זייער אומעטיק אויף דער נשמה: זומער האָט אויף דעמזעלבן אָרט, וואו דער סטאַטעק שטעלט זיך, שטענדיק געוואָרשט און געקאַכט. סטעפּע מיט אירע חברטעס פלעגן דאָ קומען אָפּוואַרטן אָדער באַגלייטן וועמען און זייער לאַכן פלעגט אַזוי מונטער מאַכן. קיין זאַך איז נישט אייביק, אַלץ פאַרשווינדט און אַנטלויפט...

יאַקאָבי, דער אַלטער פישער, זיצט אינמיטן טייך אויף זיין שיפל און רויכערט, ווי שטענדיק, זיין ליולקע. איך קוק זיך איין אין אים און בין אים מקנא: איך וואָלט געוועז דער גליקלאַכסטער אויף דער וועלט, ווען איך וואָלט געקאָנט זיין רוהיק, ווי ער—זיין שטענדיק מיט דער נאַטור איינאייגעם, אויסהערן אַלע געזאַנגען פון די פייגלאַך, באַאָבאַכטן אין פרילינג, ווי די נאַטור לעבט אָפּ, ווי זי באַצירט זיך און דערנאָך אין הערבסט רוהיק צוקוקן, ווי אַלץ שטאַרבט און וועלקט, ווי די פעלדער שלאָפן איין, ווי די ביימער ווערן נאַקעט און דערביי נישט ביינקען, נישט פילן קיין ווייטיק אין האַרצן... אַך, יאַקאָבי, וואו

נעמט מען דיין רוהיקקייט? ער באַמערקט מיך און פאָרט צו צום ברעג נאָך מיר; שפּעטער זיצן מיר ביידע אין שיפל אינמיטן טייך. ער פאַרוואַרפט די נעץ און וואַרט, און רויכערט, און איך ציי זיך אויס אויפן דעק און קוק אַרויף אינדערהויך צום הימל; עס שווימען אין דער קלאָרער בלויקייט עטלאַכע קלייגע ווייסע וואָלקנדלאַך, וועלכע זעען אויס ווי שוואַנען, לאַנגזאַם שווימען זיי. עס גלויבט זיך, אַז זיי וועלן אייביק אַזוי שווימען, ווייל דער הימל האָט קיין סוף נישט. זיי ווערן אָבער גיך צורונען, די וואָלקנדלאַך, זיי צופאַלן אין דינע פאַסקעלאַך אויפן הימל, ווי די פאַסקעלאַך רויך, וואָס ציען זיך פון יאַקאָבים ליולקע... פּלוצלונג נעמט זיך דאָס שיפל וויגן און יאַקאָבי הויבט זיך געשווינד אויף. די ליולקע האַלט ער פעסט אין די ציין און מיט די אויגן ווינקט ער צו מיר; נ'פאַרשטיי נישט צוערשט, וואָס ער מיינט, עס ווילט זיך מיר לאַכן, ווען איך זע זיינע גרימאַסן, נאָר באַלד כאַפּ איך זיך און איך העלף אים שוין אַרויסציען די נעץ—עס זיינען דאָ עטלאַכע גרויסע פיש. יאַקאָבי איז צופרידן, נאָר ער פרייט זיך ווינציקער פאַר מיר. מיר שווייגן ווידער ביידע. פון וואָס יאַקאָבי טראַכט, ווייס איך נישט, נאָר מיר שוועבט אַלץ פאַר די אויגן סטעפּע... אַך, ווען זי וואָלט דאָ איצט געווען! ווי רוהיק, ווי גליקלאַך די טעג וואָלטן אַוועק אונטער אַזאַ קלאָרן און בלויען הימל! מיר וואָלטן גאַנצענע טעג אַרומגעבלאָנדזשעט אין וואַלד און זיך צוגעהערט, ווי יעדער פייגל, ווי יעדעס גרעזל זעגנט זיך מיטן זומער...

די זון פאַרגייט און דער הימל פאַרבט זיך יעדע רגע אַנדערש: אָט איז ער טונקל-רויט, העל-גרין און ווידער רויט און די אַלע פאַרבן שפּיגלען זיך אין טייך, וואו אונזער קליין שיפעלע שטייט. יאַקאָבי רייסט פּלוצלונג איבער זיין שטילקייט און זאָגט צו מיר:

—אַ וואוילע פאַנע איז די סטעפּע!—עס וואונדערט מיך, וואָס גראָד איצט איז דאָס אים איינגעפאַלן צו זאָגן, נאָר מער קיין ווערטער קאָן איך שוין ביי אים נישט אַרויסקריגן—אַזאַ באַטור האָט ער, דער אַלטער פישער, וואַרפט אַריין אַ וואָרט און

ז. סעגאַלאָוויטש.

ווערט באַלד שטום, ווי אַ פיש. ווען מיר גייען אַהיים, איז שוין פינסטער, כאָטש דער מערב ברענט נאָך און עס דאַכט זיך אויס, אַז די גאַנצע נאַכט וועט ער שוין אַזוי ברענען. אין דאָרף ווילט זיך נישט אַריינגיין, עס איז דאָרט אַלץ אַזוי פאַרעלנט געוואָרן, און ביינאַכט בילן אָן אויפהער די הינט... דער זומער איז גוס, דער גרויער הערבסט קומט אָן, און עס ווילט זיך גיכער איבערשלאָפן די נאַכט,—בייטאָג, מיט דער זון, בין איך נישט אַזוי אומרוהיק.

דער משפט.

דאָס איז געווען אַ פלינקער און געראַכטער משפט, הערט
באַר?

דאָס איז געווען זומער. מיר זיינען געגאַנגען פון אונזער דאַטשע־דאָרף צו אַ צווייטן דאָרף. אויפן וועג האָבן געכוואַליעט די זאַנגען; דאָס ווינטל שפּאַצירט איבער די זאַנגען און בויגט זיי, בויגט זיי, יענע גיסן זיך צוריק, ווי אַ וואַסער... אַ בלוי קעפּל פון אַ בלום רייסט זיך אַרויס און ווידערשפּעניקט, אַ רויטע מאָנבלום גיט פלוצלונג אַ וואונק און רופט, רופט אין די זאַנגען...

מיר זיינען געווען דריי מענער און דריי פרויען. איינער דעם צווייטן נישט מקנא־געווען, ווייל די דריי פּאָרלאַך האָבן זיך גוט אַיינגעטיילט. יעדער לויט זיין געשמאַק.

מיר גייען און טיילן זיך אָפּ איינער פון צווייטן, מיר קומען זיך ווידער צוגויף און שמייכלען שעלמיש... די מענער צו די מענער און די פרויען צו די פרויען...

—וואו זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן? פרעגט מען. ענטפערן די צווייטע:

—מיר האָבן אַייך נישט געוואָלט שטערן...

און מען לאַכט, אַז דאָס פעלד ציטערט און אַ לערכֿע הויבט זיך אַ דערשראָקענע נאָך העכער אויף און זינגט, זינגט...

אָ, יוגנט, יוגנט!

מיר גייען צו באַקאַנטע אין אַ צווייטן דאָרף.

די זון האָט זיך שוין אַריבערגעוואָרפן צו מערב-זייט, זי שפּילט זיך מיט שטיקער פייער, די פלאַמען פאַלן אויף די פעלדער, וועלדער און טייכן, אַלץ ברענט און ווערט נישט פאַרברענט. מיר זעען נישט ווייט אַ באַרג היי, עס פלאַקערט. דערביי שטייען עטלאַכֿע פויערים און וואַרפן מיט די גראַבלעס גרויסע גאַרטשעס היי אויף זייער וואָגן, עס דאַכֿט זיך אויס, זיי וואַרפן שטיקער פייער.

מיר זשמורען מיט די אויגן, מיר זעען נישט איינער דעם צווייטן, ביז די זון לאָזט זיך נידריקער אַראָפּ...

אַ טשערעדע שעפּסן יאָגט אונז איבער. ווי פלינק זיי לויפן עס, דער פאַסטוך קאָן זיי נישט דעריאָגן. איין מאָמענט... עס ווילט זיך נאָכלויפן דער טשערעדע און אָנהויבן שפּרינגען אויפן פעלד, ווי אַ זאָרגלאָז שעפּסעלע.

מיר האָבן שוין פון ווייטן געזען דאָס דאָרף, וועלכֿעס האָט זיך געטונקט אין גרינס און דורך די גרינע ביימער האָבן זיך געצויגן צום הימל גלייכֿע שלאַנקע זיילן רויך. דאָס האָט מען אין דאָרף געקאָכֿט וועטשערעס... מיר האָבן שוין געזען עטלאַכֿע פרעמדע מענטשן, וועלכֿע האָבן אונז אויסגעזען אַזוי, ווי נייגעבאָרענע נאָכֿן טאָג, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכֿט בלויז אין אונזער קליינער געזעלשאַפט. באַלד, באַלד וועלן מיר זיך באַגעגנען מיט אונזערע באַקאַנטע און מיר וועלן רוען...

פּלוצלונג דערלאַנגט איינע פון אונזערע פריילנס אַ קוויטש — אַ זשאַבע האָט אַ שפּרונג געטון. מיר האָבן צוערשט זיך אַלע דערשראָקן און די זשאַבע, ווייזט אויס, האָט זיך אויך גענוג דערשראָקן, ווייל באַלד האָט זי אַ צווייטן שפּרונג געטון אויף... דער דערשראָקענער פריילנס לאַקירענעם מעשטל. פאַרשטייט זיך, אַז אונזער פריילן האָט נאָך אַ גרעסערן קוויטש געטון.

מיר האָבן די זשאַבע געכאַפּט.

—משפּטן!—האָט איינער אַ געשריי געטון און אַלע האָבן אונטערגעהאַלטן.

—אַ זשאַבע, אַ שרץ האָט זיך דערוועגט אַ שפּרונג צו טון און איבערשרעקן אַ מענטשן, דעם קעניג פון דער נאַטור... און דערנאָך האָט זי געהאַט די העזה זיך צו שטעלן אויף דעם לאַקירענעם מעשטל פון דערזעלבער פּערזאָן, וואָס זי האָט פריער איבערגעשראָקן... משפּטן, משפּטן!

מען האָט די זשאַבע אַרעסטירט און פאַרשלאָסן אין אַ פּאַפּירן שאַכטל פון פּאַפּיראָסן. מיר האָבן ..ײַלט גיכער צו קומען אין דאָרף אַריין.

מיר האָבן באַגעגנט אונזערע באַקאַנטע און דערציילט די מעשה מיט דער זשאַבע און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס. פאַר דער עפנטליכקייט האָבן מיר קיין מורא נישט געהאַט, דעריבער האָבן מיר זי געמשפּט אינמיטן גאַס.

מיר האָבן זיך געזעצט אויף עטלאַכע בענקלאַך. עס האָבן זיך אַרום אונז באַלד אַרומגעקליבן קינדער און עלטערע פויערים, איינער איז געווען אַן אַלטער מאַן פון אַ יאָר אַכציג, מיט ווייסע לאַנגע האָר, ער האָט זיך נייגיריק איינגעקוקט און אויסגעהערט, וואָס די „פּאַנאָוויע" טוען דאָ.

דער פּאָרזיצער האָט געגעבן אַ וואונק. עס איז געוואָרן אויף אַ רגע שטיל. דערנאָך האָבן די עדות באַשטעטיקט אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען, די זשאַבע אַליין האָט געשוויגן—דער בעסטער סימן, אַז זי איז שולדיק...

—דאָס וואָרט האָט דער הער פּראָקוראָר,—האָט זיך אָנגערופן דער פּאָרזיצער.

און דער חבר, וועלכן מיר האָבן אויסגעקליבן אַלס פּראָקוראָר, האָט גענומען דברן:

—מיינע דאַמען און הערן! עס האָט דאָ פּאַסירט אַ פאַקט, וועלכער האָט אַ גרויסע געזעלשאַפטלאַכע באַדייטונג—דער מענטש איז מיאוס באַליידיקט געוואָרן. אַ זשאַבע, אַ שרץ, וואָס לעבט אייביק אין בלאָטע, אַ שמוציק נפש האָט זיך דערוועגט איבער-

צושרעקן דעם קעניג פון דער נאַטור, איבערצושרעקן און באַליידיקן אונזער חברטע, לאָמיר זיין לאָגיש און קאָנזעקווענט: די זשאַבע האָט זייער געזינדיקט, די זשאַבע האָט אַרויפגעטראָטן אויף אַ פרויס צאַרט פיסל, זי האָט פאַרשוועכט מיט דעם די אומבאַרירליכקייט פון דער פערזאָן. דאָס איז דאָך נישט געווען קיין לייכטזיניקקייט, נישט קיין נייגיריקקייט, די זשאַבע קאָן זיך דאָך נישט פאַרענטפערן מיט דעם, אַז זי האָט געוואָלט זען, פון וועלכן לעדער עס זיינען געמאַכט געוואָרן די מעשטן פון אונזער געשעצטער חברטע... אַ זשאַבע באַדאַרף איבערהויפט אויסמיידן דעם וועג, וואו דער מענטש גייט פאַרביי. מיט וואָס זיינען מיר גאַראַנטירט, אַז מאָרגן וועט די זעלבע זשאַבע, אָדער אַ צווייטע, נישט אַרויפשפרינגען ווען פון אונז אויפן קאָפ? מיט וואָס זיינען מיר גאַראַנטירט? ניין, מיר טאָרן נישט צולאָזן די שרצים. איך פאָדער די שטרענגסטע שטראָף פאַר דער פאַרזינדיקטער, איך פאָדער טויטשטראָף. דער אַלטער גרויער פויער האָט אַ ציטער געטון, ער איז געוואָרן אומרוהיק און מיט כעס געקוקט אויף אונזער פראָקוראָר...

די דריי פריילנס האָבן אָנגעהויבן צו אַפּלאָדירן און שרייען: „טויטשטראָף, טויטשטראָף!" דער פאָרזיצער האָט זיי אָפּגעשטעלט און זיך געווענדט צום פאַרטיידיקער:

— מיט וואָס קאָנט איר פאַרטיידיקן די באַשולדיקטע?

— מיינע דאַמען און הערן!— האָט אָנגעהויבן דער פאַרטיידיקער,— דער שרץ האָט טאַקי געזינדיקט, נאָר מיר וועלן זייער שלעכט און נאַריש טון, ווען מיר וועלן אים טויטן. שלעכט דערפאַר, ווייל די זינד איז נישט אַזוי גרויס. וואָס האָט דאָ די זשאַבע אַזוי געזינדיקט? פון וואַנען זאָל די זשאַבע וויסן, אַז ביי אונז זיינען די פריילנס אַזעלכע שרעקעדיקע, אַז אַ קליינע אומשולדיקע זשאַבע זאָל אַרויסרופן אַזאַ גוואַלד... נאַריש וועט דאָס זיין מיט דעם, ווייל זשאַבעס זיינען דאָ פיל און אויף דער וועלט פעלט נישט קיין בלאָטע, וואו זיי מערן און פרולפערן זיך. מיינע דאַמען און הערן! מיט דעם פאַקט וועט איר זיך מוזן רעכענען, די זשאַבע איז דאָ געבאָרן געוואָרן אין אַ זומפ

אויפן פעלד און אַרום איר זומפּ האָט זי שפּאַצירט. צו אונז איז זי נישט געקומען, נאָר מיר צו איר, אונזערע דינים ווייס זי נישט און זי קאָן זיי נישט וויסן... איר מוזט זיך מיט דעם רע-כענען, אַז וואָס דער פּראָקוראָר האָט מורא, אַז די זשאַבעס זאָלן אונז אויף די קעפּ נישט שפּרינגען, זאָג איך, אַז דאָס היינגט אָפּ גיכער פון אונז אַליין, לאָמיר האַלטן אונזערע קעפּ שטאָלץ, הויך און דעמאָלט וועלן די זשאַבעס נישט דערגרייכן צו אונז. מיר, מענטשן, זיינען צו-שטאָלץ, אַז מיר זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אַ שרץ. משפּטן קאָנען נאָר בלויז איינער דעם צווייטן אונ-זער גלייכן—איין מענטש דעם צווייטן מענטש. איך ענדיק, איך פאָדער באַפרייען דעם שרץ אינגאַנצן פון זיין שטראָף, זאָל עס שפּרינגען צוריק אין זיין זומפּ אַריין.

דער פאַרטיידיקער האָט געענדיקט. דער אַלטער פויער, וואָס האָט אַלץ אויסגעהערט אַזוי אויפמערקזאַם, איז צוגעלאָפן צו אונזער יונגן אַדוואָקאַט און אים אָנגעהויבן קושן אַזוי רירענדיק:

—פאַנושעק דראָגי, פאַנושעק!—און ער האָט כמעט ווי גע-וויינט פון שמחה...

מיר זיינען איבערראַשט געוואָרן פון אַלטנס שמחה און אַלע האָבן איינשטימיק באַשלאָסן די זשאַבע פרייצולאָזן...

דאָס פאַפּיראָסן-שאַכטל האָט זיך געעפנט און די זשאַבע האָט דערשפּירט איר פרייהייט. איין שפּרונג, אַ צווייטן און אַ דריטן, ביז זי ווערט פאַרשוואונדן פון אונזערע אויגן.

מיר זיינען געגאַנגען מיט ריינע געוויסנס עסן אונזער אָוונטברויט, דער אַלטער האָט אונז אָנגעקוקט און געשמאַמלט:

—טאָ סאָן דאָבזי לודזיע,—נאָר אויפן פּראָקוראָר האָט ער נאָך אַלץ געקוקט בייז...

צוויי יעגערס.

—וואַרט אויף, עס וועט קומען דער הערבסט, דער אָנהויב ווינטער, ווען מען וועט מעגן שיסן אויף די קוראָפּאַטוועס, וועלן מיר גיין אין וואַלד.

דידאָזיקע ווערטער האָט מיר פראַנקאָווסקי עטלאַכע מאָל איבערן זומער ווידערהאָלט. ער איז געווען אַ פאַרברענטער יעגער—אין די פריערדיקע יאָרן האָט ער געדינט אויף דער באַן ערגעץ ווייט אין סיביר און דאָרט אין די געדיכטע אוראַלטע וועלדער האָט ער זיך אַיינגעליבט ביז זינלאָז אין יאַגד. ער פלעגט זייער אָפט דערציילן זיינע איבערלעבונגען פון יענע צייטן און דערביי שטאַרק באַדויערט, וואָס ביי אונז זייגען די וועלדער אַזעלכע שיטערע, אָרימע,

עס איז אַוועק דער זומער, דער אָנפאַנג הערבסט איז געווען אַ רעגנדיקער, צום סוף האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט, אַ קורצע צייט האָב איך פראנקאָווסקין נישט געזען.

רוהיק איז געווען אין שטעטל און אַזוי, אין רוהיקקייט און שווייגן, פאַלן אַראָפּ די לעצטע בלעטער און ווערן פאַרוואַנדלט אין שטויב, אין פאַרגעסונג.

די אַלע גערטנער מיט די הייזלעך האָבן אויסגעזען, ווי פאַרלאָזענע פּאַלאַצן, מענטשן זיינען זיינגען שווייגנדיקער געוואָרן, יע-דער'ער האָט זיך זיינס געטון און פעסט באַהאַלטן זיין מחשבה.

איך בין געגאַנגען פון גאָרטן צו גאָרטן, געטראָטן אויף די פאַרביקע בלעטערטעפּיכן, צוגעשאַרט מיט די פיס די מלאָכי-קע בערגלעך בלעטער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי רעגנדלעך און אַליין האָב איך נישט געוואוסט, וואָס איך זוך דאָ אין די טעג.

מענטשן האָבן זיך געוואונדערט, קוקנדיק אויף מיר: וואָס טו איך דאָ, צוליב וואָס בין איך דאָ פאַרבליבן.

פאַראַן אַן אייביקע שיינקייט אין הערבסט. דערזעלבער טרויער, ווען עס שטאַרבט אַ יונגע שיינע פרוי, דיזעלבע בייגק-שאַפט, ווען מען פאַרלירט אַ געליבטע. אַ ליד אַ קלאַנגלאָז שוועבט אין די גערטנער, אַ פאַרבאָרגענע האַנט גלעט די לעצטע אַסטרעס און געאָרגינס... דער ווינט שאַרט צונויף אַ גרויס בערגל בלע-טער, ווי אַ פּיעדעסטאַל זעט עס אויס, און באַלד וועט ער אויך ברייגגען אַ קליין מיידעלע מיט לאַנגע גאָלדענע האָר, זי וועט שפּילן, זינגען און באַדויערן דעם זומער:

—קלויבט זיך צונויף, איר פאַרלאָזענע, פאַרעלנטע פּלות, קומט טאַנצן דעם לעצטן טאַנץ אויף די גאָלדענע בלעער, קומט טאַנצן.

איך האָב זיך אַזוי פאַרחלומט אין גאָרטן און דעריבער האָב איך זיך איבערגעשראָקן, ווען איך האָב דערפילט, אַז עמי-צער רירט מיך אָן. דאָס האָט פראַנקאָווסקיס הונט פאַראָל מיך אָנגערירט מיט זיין לאַפּקע.

און אַ ביסל ווייטער, אויף יענער זייט, ביים פאַרקאַן פון גאָרטן, שטייט פראַנקאָווסקי מיטן רויטן פּנים און מיט די גע-זונטע ציין און לאַכט:

—נו, וואָס? ווען גייען מיר אויף קוראָפּאַטוועס?

—כאָטש באַלד,—ענטפער איך אים.

—איצט איז שוין צו-שפּעט, עס איז גוט צו גיין אינדער-פרי, דאַן זיינען די פייגלעך נישט אַזוי שרעקעדיק, ווי ביי־טאָג. דאָך נעמט מיך פראַנקאָווסקי צו זיך און איך מוז ביי אים אויס-

האַלטן עקזאַמען אין שיסן.

—איר שיסט ווי אַ ייד...—איראָניזירט ער. אויף מיר מאַכן זיינע שטעכווערטער נישט קיין שטאַרקן אײַנדרוק, ער איז אַ וואוילער קריסט און ער וואָלט קיינמאָל נישט טראַכטן מיך צו באַליידיקן.

באַגינען קלאַפּט ער שוין צו מיר אין פענסטער. עס איז קאַלטלאַך, עס ווילט זיך נישט אויפשטיין, נאָר פראַנקאָווסקי שרייט און זידלט זיך. איך פאַרשטיי, אַז ער האָט שוין געמאַכט אַ שנאַפּס לכבוד דעם שיינעם פרימאָרגן.

ער ברייננגט-מיט צוויי ביקסן, צוויי טעשלאַך מיט שרויט. אין זיין יאַגדטאַש האָט ער אַ פלאַש שנאַפּס מיט זעמל. פּאַראָל לויפט פאָרויס אַ פריילאַכער, פראַנקאָווסקי איז אויך פריילאַך, נאָר מיר איז צום אָנפאַנג קאַלט און דעריבער איז מיין שטימונג נישט אינגאַנצן געהויבן. פראַנקאָווסקי באַמערקט עס און ווי מיר גייען אַרויס פון שטעטל, גיט ער אַן עצה: „לאָמיר לויפן!" דער פופציקיעריקער פראַנקאָווסקי וויל מיך איבעריאָגן. איך לאָז זיך נישט, נאָר ער לויפט נישט שלעכט, נישט קוקנדיק אויף דעם שווערן טאַש, וואָס ער טראָגט אויף זיין פלייצע.

מיר רוהען זיך אָפּ, ווען מיר זיינען שוין ווייט פון פעלד. פונדערווייטנס ציען זיך פיל שלענגלאַך רויך איבערן שטעטל און דער שפּיץ פון קלויסטער בליצט.

דאָס פעלד איז ליידיק און פוסט. איצט, אין הערבסט, איז דאָס פעלד אַזוי עלנט. מיר שפּרייזן אויף דעם פייכטן האַלב-פאַרטריקנטן גראָז. די זון גייט אויף העכער, און אַלץ גרעסערע פאַסן פעלד ווערן באַשטראַלט און באַזילבערט. אינמיטן פעלד שטייען דעמבעס, די בלעטער די גאָלדענע האַלטן זיך אַלע אײַנ-איינעם... דערנאָך, אין אַ קאַלטן פרימאָרגן, שיטן זיי זיך אַלע אינאיינעם אַראָפּ. אָט אַזוי שטאַרבט די צירונג פון זומער.

מיר גייען איבער בערגלאַך און טאָלן. פראַנקאָווסקי ווייס שוין דאָ יעדעס ווינקעלע. עטלאַכע מאָל איז שוין זיין פּאַראָל אַנטלאָפן פאָרויס און געזוכט, נאָר פראַנקאָווסקי רופט אים אַלץ צוריק.

מיר זיינען אַריין אין אַ יונגן בערעזאָוון וועלדל, דער זילבער פון די ביימער בליצט און לאַכט און לויפט, דאַכט זיך, אַלץ טיפער אין וואַלד אַריין. אויף דער ערד ליגט אַ גאַנצע וועלט מיט בלעטער. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עמיץ האָט עס אומישנע פאַר אונז אויסגעשפּרייט—כּדי מען זאָל נישט הערן אונזערע טריט.

פראַנקאָווסקי איז דאָ געוואָרן שווייגנדיקער, זיין הונט האָט ער צוגעהאַלטן פאַר די לאַנגע אויערן, אים אָנגעשראָקן, ער זאָל אויך שווייגן.

דערנאָך איז ער מיטן הונט פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן ביימלאַך. מיך האָט ער געהייסן דאָ בלייבן און וואַרטן, טאָ-מער פליען די קוראָפּאַטוועס אַריבער נאָנט צו מיין זייט—דאַן זאָל איך שיסן אין דער גאַנצער גרופּע, מיט שרויט איז גוט צו שיסן אין דער גאַנצער גרופּע... מען קאָן שטענדיק פאַרוואונדן און טויטן עטלאַכע פויגלאַך מיטאַמאָל.

איך בין געבליבן שטיין אויף אַ שטיקל פעלד, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט יונגן וואַלד. כאָטש איך האָב געהאַלטן גרייט דעם אָנגעלאָדענעם ביקס, דאָך בין איך ווייט געווען פון דער אמתער יעגערישער ליידנשאַפט. מיך האָט באַצויבערט דער פרימאָרגן, די שטילקייט אין וואַלד. עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן פראַנקאָווסקין מיט די קוראָ-פּאַטוועס.

ווייזט אויס, אַז ער איז אַוועק זייער ווייט פון מיר, ווייל איך פלעג פון צייט צו צייט הערן אַ ווייטן עכאָ פון אַ שאָס. עטלאַכע מאָל זיינען די פייגלאַך אַריבערגעפלויגן איבער מיין קאָפּ, נאָר איך פלעג זיך שטענדיק כאַפּן צו-שפּעט. איך האָב נישט באַמערקט, אין וועלכן ווינקל פון וואַלד זיי האָבן זיך באַ-האַלטן. „או, וועט ער דאָס לאַכן פון מיר, דער פראַנקאָווסקי". איך האָב אַזוי געטראַכט און זיך געוואונדערט, וואָס מען זעט אים נישט און מען הערט אים נישט שיסן. איך האָב אפילו שוין געוואָלט אויסשיסן: זאָל ער נישט האָבן צו מיר קיין פּרעטענ-זיעס, איך וועל אויסשיסן עטלאַכע מאָל און דערנאָך זיך פאַר-

ענטפערן, צי איך האָב נישט געטראָפן. נאָר די שטילקייט אַרום, די געהיימע שאָרכן פון וואַלד און דאָס שטיקל בלויס איבער מיר, האָט מיך אָלץ אָפּגעהאַלטן.

אין דעם דערהער איך, ווי די טרוקענע אָראָנזשפּאַלענע צווייגן אין וואַלד ברעכן זיך לייכט. עמיץ שפּרייזט גנביש... אודאי פראַנקאָווסקי, ער וויל זען, צי איך שיס די קוראָפּאַטוועס... נאָר עס געדויערט איין מאָמענט און אויף דעם שטיקל פרייער לאָנקע אינמיטן וואַלד גייט אַרויס פון צווישן די ביימער אַ שיינע און שלאַנקע סאַרנע. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם שפּרייזט זי.

אַ פּאַס ליכט פון פרימאָרגן פאַלט אויף איר פעל און זי זעט אויס איינגעפאַסט פון גאָלד...

שטעלט לאַנגזאַמע טריט, באַמערקט מיך נישט און שפּרייזט ווייטער, ווייטער...

עס האָט מיר אָלץ אויסגעזען ווי אַ לעגענדע, ווי אַ בילד דורך קאָלירטן גלאָז.

אין דער רגע.

פון צווייטן זייט וואַלד רוקט זיך אַרויס פראַנקאָווסקי מיט זיין כלב, וועלכן ער האַלט פעסט פאַר די אויערן. פראַנקאָווסקי ווינקט צו מיר. איך פאַרשטיי נישט די ערשטע מינוט, וואָס ער וויל, דערלאַנגט ער אַ געשריי:

—שיס!

אָבער עס איז שוין צו שפּעט. די סאַרנע האָט אונז באַמערקט, זי גיט אַ בויג די פיס און לאָזט זיך אַוועק ווי אַ קויל לויפן. פאַרגאָל דער הונט, האָט זיך געלאָזט נאָך איר. אָבער אומזיסט—זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

דאַן האָט זיך פראַנקאָווסקי געוואָרפן אויף מיר: צוליב מיר האָט ער דאָך נישט געשאָסן, די קויל זאָל מיך נישט טרעפן, און איך האָב דורכגעלאָזן אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט, אַזאַ זעלטענעם צופאַל.

ער האָט מיך געזידלט, געהויבן דעם ביקס אויף מיר. איך האָב זיך עטלאַכע מאָל דערשראָקן פאַר אים, נאָר דערביי האָב איך געטראַכט וועגן שיינעם בילד, וואָס מיר איז אויסגעקומען

צו זען... און צו וואָס האָב איך געוואָלט דערהרגענען די סאַר-גע? צו וואָס?

פראַנקאָווסקי האָט געהאַט אַ סך גרויסע קוראָפּאַטוועס. כויטע, אָבער פעטע פייגלאַך, נאָר ער איז ביין געווען אויף מיר און אפילו פּאַראָל, זיין הונט, האָט זיך געהאַלטן ווייט פון מיר.

איך האָב זיך נישט שטאַרק געקימערט וועגן פראַנקאָווסקיס בייזקייט. איך האָב געטראַכט: ווי וואויל און פריילאַך שפּאַצירט איצט די סאַרגע ערגעץ אין וואַלד.

און דער ביקס איז מיר אזוי שווער געוואָרן אויף די פּלייצעס...